STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09925

TSVISHN VENT

David Kasher

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מתנה [illegible]
אפריל 1939

דוד קעשיר

צווישן ווענט



פאַרלאַג „סיגנאַל" באַם „פראָלעטפען"
און פראָסקוראָווער בר. 54 א. אַ. אָ.
ניו־יאָרק, 1939

Copyright 1939

DAVID KASHER

New York, N.Y.

LINGUINST PUBLISHING CO.—65 Fourth Ave., N. Y.

309

העלעג׳עז

לעבנס

(ערשטע אָפּטײלונג)

צווישן ווענט

שוין אַ צייט ווי די וואוינונג פון דאַנעבן איז געשטאַנען ליידיק. ס׳האָט אזוי פּאַסירט אז דאָס שילדל „צום פאַרדינגען״ איז געבליבן הענגען א לענגערע צייט, און קיין בעלנים האָבן זיך פונקט נישט גע-מאַכט.

— עהעממ — האָט די הויז-אויפזעערין, געהאַלטן אין איין אָפּ-הוסטן, — וואָרים זיי ווייסן דען, וואָס פאַראַ ליכטיקע רומס דאָס זענען?

בעת-מעשה זענען איר די שפּאַקולן אַרונטער צום סאַמע שפּיץ נאָז, און די אסטמע האָט זיך דוקא געזוכט א וועג דורכן פּנים און וואָס פון דעם איז דאָס פּנים רויט געוואָרן ווי אַ בוריק, עהעממ ——

דזשעק האָט גראָד געוואוסט, אַז די שכנה׳שע צימערן זענען ליכ-טיקע, און אַז זיי זענען נישט פאַרנומען. נאָר גאַרנישט, אַזוי ווי מ׳האָט אים נישט געפרעגט, צי ער ווייסט, צי נישט, האָט ער נאָכאַ-מאָל אויסגעהערט דעם „סופּערס״ פּזמון, און אונטערגעשוויגן. זיי אַלע האָבן אַזוי געטאָן.

פיר שכנים אויפן ערשטן שטאָק. קיינמאָל זיך מער ווי מיט אַ „גוט-מאָרגן״ נישט איבערגעוואָרפן, און דאָך — — זיי אַלע טראַכטן וועגן דער פינפטער וואוינונג. זיי טראַכטן, אז דאָרטן, צפון צו, קומט צו אביסל זון, קאָסט עס עטלעכע דאָלער טייערער, שטייט עס דערפאַר ליידיק — — גוט אַזוי.

אַלע אינדערפרי טרעפן זיך פיר פּאָר הענט אף קאַלטע שלעסלעך — קלליק, קלליק — גוט מאָרגן!

ער, דזשעק, פּלעגט זיך אמאָל אריינכאַפּן אין דער שכנה׳שער דירה נאָך אַביסל זון, נאָר גיי, אַז פונקט שלים-מזל האָט זיך געמאַכט אַרבעט, און טאָמער איז געוואָרן „סלאָוער״, האָט זי, די אַלטע, ווידער אָפּגעזיפצט, און דאָרטן איז שוין דאָס מאָל געבליבן הענגען אַ שלעסל,

א פיפטס. זינט דאַן זענען זיך די פיר היימישער געוואָרן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איין פאַרנאַכט איז דזשעק אַריין צו די צוויי שוועסטער פון בשכנות, און געבעטן א שטיקל פאַדים. ער וואָלט זיי אפשר אויך געוועזן געפרעגט פאַר אַ נאָדל, נאָר איינע פון זיי האָט זיך געוויקלט די פיס אין א שיסל וואַסער. מסתמא מיד געווען פון אַרומגיין און זוכן א דזשאָב. איז ער געבליבן שטיין מיט אַ כשר'ן פאַדים און א נאָז, פאַר א צוגעמאַכטער טיר. יאָ, און באַדאַנקט האָט ער זיך אַזוי-אָ, ווי ער וואָלט פרעגן — „ווער איז דאָס דאַרטן אונטערן נייעם שלעסל?" ווער, אַ נארישע פראגע, און אז מ'וועט אים זאָגן, וועט ער וויסן? ווער.

פון אונטער דער טיר האָט דזשעק געהערט דאָס פּליושקען פון צוויי פיס און אַ שיסל וואַסער. איינע האָט זיך געוואַשן, און די צווייטע — אונטערגעקרעכצט. לויט די טענער האָט מען זיך גע-קאָנט משער זיין, אַז ס'איז ווייט נישט קיין נייע סימפּאַניע, און אַז דער דועט ציילט שוין יאָרן.

איין שוועסטער האָט אַזוי געזאָגט:

— אָט אַ מאָן, קיין שטיקל פאַדים, מסתמא נישט קיין פּרעסל, קיין וואַרים פלאַש צו די פיס, קיין לייב, קיין לעבן, אָט אַ מאָן.

דזשעק איז אַריין צו זיך אין צימער, און צוגעניייט אַ קנעפּל צו די הויזן. ער האָט אויסגעפּוצט די שיך אונעם אנצוג. ער האָט עס אַזוי געטאָן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אימיצן צו באַגעגענען.

דאָ אין די „פאַרנישד רומס" טוט מען קיינמאָל נישט אַזעלכע זאַכן פאַרן שלאָפן גיין. אָט, מ'שלעפּט זיך אַרום, מ'קומט אהיים, גיט מען א צי אַרונטער די הויזן און א הענג אויף ס'היטל — פאַרטיק אַ טאָג. אינמיטן דער נאַכט הערט מען אַמאָל אַ פּאָר לאַטשען דרעפּטשען איבערן קאָרידאָר. ווער ס'גייט אַרונטער כאַפּן אַ טרונק וואַסער, ווער עס קריכט אַרום מיט בויך-ווייטיק, אָדער ווער עס קאָן סתם נישט שלאָפן — ווער מען אַרט עס? טירן עפענען זיך און פאַר-מאַכן, טירן מיט קאַלטע, שטומע ווענט זענען אויסגעלייען געוואָרן צו אַ מענטשן אויף דערווייל. אַ מענטש לעבט אויף איין פוס, מיטן צווייטן חלומ'ט ער וועגן א צוקונפט. אזוי זיפט ער דורך א לעבן צווישן ווענט.

דזשעק האָט זיך געגרייט אימיצן צו באַגעגענען. אַ מאָדנער יונג אַזאַ, דזשעק. שוין יאָרן ווי ער לויפט און זוכט — פּריוואַט־קייט. די שטאָט איז אים אין וועג. נאָר די צרה איז, וואָס איבעראַל נעמט ער זיך אַליין מיט. און די בלוטן, פאַרשיווער טעמפּעראַמענט, באַם מינדסטן שאָרך, אַהאַ, עס האָט אים שוין ווידער געפּאַקט!

נעכטן גראָד האָט ער געכאַפּט אַ בליק אויף דער שכנה פון אונטערן נייעם פינפטן שלעסל. ער האָט אַ קוק געטאָן, און אינעם מאָמענט פאַרגעסן אַז אימיצער האָט אים דאָ פאַרשטעלט די זון. אויף דער שנעל, האָט ער, זי, די פרוי פון דאָרטן, אָפּגעמאָסטן און געזען: אַ גרינער מאַנטל וואָס ציט זיך מיט אַ קאָלנער אַרויף ביז צו אַ רויט־קוטשעראַווען קאָפּ האָר, און אונטן פאַרענדיקט ער זיך לעבן ברוין־געטאָקטע זאָקן אין געלע שיך. עך, האָט עס אים אַ פּאַק געטאָן!

באַנאַכט האָט זיך א קינד צעוויינט איבער דער וואַנט. צוערשט איז דזשעק בייז געוואָרן: „צוגענומען די זון, זיך אריינגעזעצט מיט אַ קינד אונטערן אויער, און מ'לאָזט קיין אויג נישט צו טאָן". דערנאָך איז ער מילדער געוואָרן, און זיך פאַרטראַכט וועגן אַזאַ, מיט געטאָקטע זאָקן, מיט א קוטשעראַווען קאָפּ האָר, און מיט אַ קינד וואָס וויינט אין אַ „פאַרנישד רום".

צומאָרגנס גאַנץ פרי איז ער געבליבן שטיין אַן אויסגעפּוצטער לעבן זיין שלעסל. איידער ער איז ארויס פון שטוב, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט לעבן שפּיגל, און זיך אַ פּרוביר געטאָן: — „אַ בעטשלער, האַ? טאָקע א בעטשלער, אָבער דאָרטן — דאָרטן וויינט דאָך אַ קינד אַ גאַנצע נאַכט — העלאָ, גוד־ביי!"

איין צומאָרגנס נאָכן אַנדערן, נאָר זי דאָרטן ווייסט דאָך נישט אַז אימיצער האָט מיט איר דאָ אַ ראַנדעוואו געמאַכט פאַר דער טיר, און א שלעסל איז דאָך נישט קיין גלעקל, און טאָמער צעשליסט עס זיך יאָ אַמאָל אויפן קול, כאַפּט זיך אויף אַ פאַרקערטע טיר, און

— גוט־מאָרגן, מיסטער דזשעק!

— גוט־מאָרגן.

— וואָס מאַכט מען?

—אָט אזוי, מ'מאַכט. (דזשעק האָט דאָס מאָל ניט גערן געענטפערט).

נאָר דער בעקער-יונג פון דער אַנדערער זייט טיר, ער ווייסט ניט פון קיין חכמות. שטענדיק מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. זיין פּנים דאַכט זיך שלאָפט. צוויי גרינע פינקלדיקע אויגן אויף אַ בלייכן געוואַנט, ווי אַ זעקל מעל, וואָס האָט זיך פּלוצים אַנגעהויבן צו באַוועגן. א יונג, וואָס דרייט זיך א לעבן-לאַנג ארום אין די גאַטקעס, און טראָגט דער וועלט אנטקעגן אַ וואַרעם ברייטל—גוט-מאָרגן, מיסטער דזשעק!

— גוט-מאָרגן.

דזשעק האָט וואָכן-לאַנג זיך געפּוצט, געפּרובירט זיך צו פאַרהעקלען מיט דער נייער שכנה דאָרטן, נאָר ווי אויף להכעיס, א פאַרשיוועע הצלחה אַזאַ. נאַכטיקע פלענער האָבן זיך געהאַלטן אין וויגן ביז פאַרטאָגס, און יעדער פרימאָרגן פלעגט אַ ליידיקער צערונען בא דער שוועל פון שאפּ. ווידער אַ קנאָפּ, און ווידער אַ פּאָר הויזן, ווידער אַ הויז, און ווידער אַ קנאָפּ, און וואָס? וואָס?

— העי, דזשעק! — האָט יעדעס מאָל אימיצער אַנדערש פונעם שאפּ א געשריי געטאָן, — העי, כאַפּ זיך אויף, ס'איז אויס מלחמה!

און דזשעק איז שוין גאָרנישט געשלאָפן. דער זעלביקער שיסער וואָס אַלעמאָל. נישט מער, עפּעס האָט זיך אין אים ארייגעכאַפּט, ליהיי אַ ווערימל אַזאַ, און ס'עקבערט. נאָר וואָס, צום טייוול, דאַרף מען זיך דאָס אזוי צו צעלאָזן? דאַכט זיך, ער איז שוין לאַנג איבער די שלושים. און וואָס אזוינס האָט ער עס דערזען אויף די ברוינע זאָקן מיט די געלע שיך? אַז ער האָט דאָך נאָך צומאָל ריכטיק איר פּנים ניט אָנגעקוקט. און אחוץ: אין שאפּ, אין סאָבוויי, אַזויפיל יאָרן, פאַראַן אַזויפיל מיידלעך — וואָס?

גאָרנישט.

און בעת-מעשה האָט ער ווידער פאַרצויגן אַ קנאָפּ. אַ קנאָפּ מיט אַ ניגון אונטער די וואָנצעס. טעג אַזעלכע מיט פאַרשטומטע ניגונים.

דאָס לעצטע יאָר האָט ער כמעט מיט קיינעם נישט פאַרבראַכט. אַט אַ שטיין — ניט מער. די איינציקע זאַך — דזשאב. אויס דזשאב, זוכן דזשאב. אריינגעצויגן האָט ער זיך אין אַזאַ מין הויז, פון אויסמעבעלירטע צימערן, וואס איז מערסטנס פארנומען פון אזעלכע, וועלכע זענען שוין באַלד פארטיק—אָפּגעפּארטיקט זיך באם לעבן.

אין ערגעץ נישט באַהאַפטן, צו קיינעם נישט פאַראַנטוואָרטלעך. דאָס איז עס. אַזוי וועט מען זיך מסתמא צושלעפן, ווי ווייט מ׳וועט קאָנען.

פאַרוואָס?

אָט אַזוי.

גרויס-שטאָט האָט איינגעשלונגען, אָבער נישט פאַרדייעט, און נישט אויסגעשפיגן. איז ער געבליבן א מיטגייער, א „פעכאָטניק" צווישן די שורות. נאָך א קאַפּעלוש מיט א פּאָר שיך, אסך אַזעלכע, אין געמיש פון טויזנטער אַנדערע, האַלט ער כלומרשט מיט דעם טראָט, אָבער אין אמת׳ן ציט זיך א יאָר נאָך אַ יאָר! יארן אויפן ווינט. מיד. מיד, צום שוואַרצן יאָר! ארבעט, ארבעט, ארבעט, יאָ א דזשאב, נישט אַ דזשאב. נאָך א זונטיק קומט א מאָנטיק. אַמאָל אַ סטרייק? אָלרייט, קיין סקעב וועט ער נישט זיין, אָבער אָלרייט. און פּלוצים נאָך יארן פון גליווערן און ארומשלעפן זיך איבער „פאַרנישד רומס" האָט זי דאַרטן, אַזאַ מין רויטער פייער זיך אַוועקגעלייגט לעבן זיין ציימער, און ס׳ברענט די וואַנט גאַנצענע נעכט.

— און זיי דאָ אין שאָפּ, האַ-האַ — זיי דענקען, אַז דער שטענדיקער לעבעדיקער דזשעק האָט מיטאַמאָל איינגעדרימלט. „ס׳איז אויס מלחמה". האַלטן זיי אין איין דערמאָנען. עך, ווי מ׳פאַרשטייט דאָס אַ מענטש!

אַ קנאַפּ מיט אַ ניגון. אַלעמאָל זינגט מען דאָ אין שאָפּ. אַלע זינגען. מ׳ווייסט צומאָל נישט פונוואַנען ס׳וועבט זיך אַ ליד. אַמאָל דוכט זיך, אַז ס׳קומט פון סאמע רימען ארויף. אמאָל דוכט זיך איינעם, אַז אָט האָט ער ערשט אינזינען געהאַט אָנצוהויבן דאָס זעלביקע ליד, און א צווייטער האָט עס אים ממש פון מויל ארויסגענומען, אַ דריטער אַזוי, אַ פערטער, קיינער זיך ניט אָפּגעשמועסט, און אַלע, אַלע פונעם רימען ארויף צוזאמען אין געברום. די פינישערן, דער אָפּרייטער, און דער פּרעסער טרעסעט צו דאָס געזאַנג פון מאַשין. ס׳איז ווי מ׳וואָלט געוואָלט איבערשרייען, ווי מ׳וואָלט געלאפן א געוועט—ווער קאָן העכער, ווער קאָן כמאַליען, אַז ס׳זאָל דעם זייגער די כאָלערע נעמען, — העי דאַרטן, ס׳איז אויס מלחמה!"

און דזשעק שטענדיק זינגט ער מיט. נאָר ער זינגט אַזוי ווי נישט אים וואָלט מען עס געמיינט. ציט ער כלומרשט אַזאַ מין פּע-

דימל אונטער דער נאָז, און יעדער ווייסט... „האַ-האַ, אַ גרויסער יונג, און שעמט זיך צו זינגען אויפן קול.

נאָר שוין אַ שטיק צייט ווי פּונקט פאַרקערט: אי, ער צעעפנט דאָס מויל, אי, מ׳ווייסט, אז ס׳איז גאַרנישט שבגארנישט. ווי ער וואָלט אריין אין דער הינערפּלעט. — — —

— עד, יאָ!

— און אין דער אמת׳ן, טאַקע יאָ, וואָס צום שוואַרצן יאָר אַרט אים, אז ס׳וויינט אַ קינד דורך דער וואַנט?

זעסטו דאָך!

שוין העט-העט ווי א יונג איז איבער די שלושים, און אָט האָבן זיך די בלוטן ערשט צעיושעט אין אַ „פאַרנישד רום". און כאָטש דו האָלסט אַ מאָרדע פול מיט צונג, וויסן אַלע, ווייסט יעדער, און צום סוף שטייסטו פרימאַרגן נאָך פרימארגן ווי א בעטלער אן ערב-יום-טוב, שטייסט מיט אַן אויסגעשטרעקטער הונגעריקער האַנט לעבן אַ שטום שלעסל, און קליק, קליק — צום טייוול!

— ער וועט אריין, און איר דערציילן, אז ער איז מיד. ער וועט איר זאָגן, אַז לא די זי האָט פאַרשטעלט די זון, האָט זי נאָך אוועק־געלייגט דאָס קינד לעבן דער וואַנט, און ער קאָן פשוט נישט שלאָפן — ער קאָן אַזוי נישט שלאָפן.

איין פרימאָרגן איז ער אַרויס פאַר דער טיר, און פאַסירט האָט פונקט ווי אין אַ ביכל — נאָר די זון האָט ניט געשיינט. פאַרקערט. ס׳איז געווען דריבנע, קאַלט, רעגנדיק און פינצטערלעך. דינע טראָפּנס האָבן געהאַלטן אין שווענקען די שויבן, אַזש די ווינטרינעס האָבן גע-ציטערט. אַ גאַנצע נאַכט ביז פאַרטאָג רעגן. טראָפּנס ווי שניידנ-דיקע שטעך, איבער שלאָפלאָזע געמיטער. שטעפּ, שטעפּ, האָט דזשעק יענע נאַכט ליגנדיק אין בעט, געטראַכט, שטעפּ באַטאָג, באַנאַכט, און טאָמער האסטו באַשלאָסן אָפּצושלייכן א לעבן צווישן אַ ראַדיאָ, אַ פּאָר שיך, א טשייניק מיט א גאַז-אייוועלע, איז שטעפּ — — —

דאָ אויף דער זייט קאָפּ, ווי מ׳רופט עס פּאַטילניצע, דאָ האָט אים געהאַלטן אין איין בויערן — קליאַפּ, קליאַפּ — פּיק. דינע, שטעכיקע פּעדים. דער רעגן? אָדער אפשר איז עס גאָר געווען דער עכאָ פון צוויי מיידלשע הענט, וואָס האָבן זיך געשאַרט אַרום די ווינ-

דעלעך פון אַ קינד אין פריען פאַרטאָג? מסתמא איז עס געווען דער גע-שאַרך פון צוויי נישט-דערשלאָפנע הענט, וואָס האָבן אין סאַמע פאַר-טאָג, ווען מענטשן דרימלען נאָך, געזוכט אַ ליד פאַר קינד און קייט.

ער האָט נישט געקאָנט שלאָפן.

אויף די שטיגן האָבן אָפּגעסקריפּעט זוילן, גאַנצע סטאַפּעס אַזעל-כע, וואָס לייגן זיך לאַנגזאַם אַוועק, און מעסטן די טריט אויף דער גאַנ-צער פלאַך, איינס, איינס צוויי, איינס, עהעממ — דאָס איז געווען זי, „דער סופער״.

אַ פרוי אַזאַ, וואָס פון דער היים, האָט מען איר נאָך מיט עט-לעכע און צוואַנציק יאָר צוריק געהאַלטן אין איין אָנפרעגן, צו זי, די טייערע אסתר׳קע פילט זיך גוט אין אַמעריקע, און פאַרוואָס זי האָט נישט חתונה? איז, ליגן די אַלע בריוו אין קאָמאָד, און זי האָט אויף דער עלטער דאָס ביסל האָב-און-גוטס מיטן איינגעשרומפּטן פליך אויסגעטוישט אויף אַ צימער מיט אַ פּאָר מאָגערע טאָלער, און דער-פאַר האָט זי אויך באַקומען אַ שפּאָגל-נייעם נאָמען אויף דער עלטער: „אסתר, דער סופער״. אסתר דאָס מיידל... זאָגן אַמאָל די צוויי שוועסטער, און כאַפּן דערביי אַליין אַ ציטער....

ווען דער „סופער״ וואָלט נישט קראַנק געווען אויף אַסטמע, און אינדרויסן וואָלט ניט געדעגנט, וואָלט זי זיך מסתמא ניט אַזוי פרי משתדל געווען, און איינגעהייצט דעם אויוון, — נאָך גוט.

— עהעממ — שלייכט זי זיך אין גרויען פאַרטאָג איבער די שטיגן, און די צוויי שוועסטער אונטערן צוגענאָגלטן בלעכל נומער 3. זיפצן אָפּ, און איינע שרייט צו דער צווייטער פון שלאָף — „נעם אַוועק דיינע געפרוירענע פיסאַלעס!״

ער, דזשעק, איז יענעם פרימאָרגן ארונטער פון בעט, און גאָר געוואָלט אָנשטעלן די ראַדיאָ פאַר גימנאַסטיק. נאָר גיי ריר זיך, אַז ס׳ווילן זיך באַלד צערעווען די ווענט. איז ער אַרונטער אַזוי-אָ, און דעמאָלט פונקט ווי אין אַ ביכל האָט זי, די פרוי, אויך זיך באַוויזן לעבן שלעסל פון איר טיר. זי איז געשטאַנען אַ שטומע און אַ פאַר-שלאָפענע.

— אַזוי פרי? — האָט זיך בא דזשעקן אַרויסגעכאַפּט — אַזוי פרי?

— גוט־מאָרגן! — האָט זי געענטפערט, ווי זי וואָלט ניט גע־הערט וואָס ער פרעגט.

— גוט-מאָרגן.

און ער האָט אַפילו נישט געקאָנט צוזאָגן, אַז „ס׳איז אַ שיינער פרימאָרגן, דער היינטיקער מאָרגן״.

אין דרויסן האָט גערעגנט. זיי זענען ביידע צוזאַמען אַרונ־טער פון די שטיגן. צווישן פאַרענטש און דער וואַנט, צווי נאַקעט־פרעמדע מענטשן — דאָ אינדערמיט האָט אויסגעפעלט לופט. א ווייל זענען זיי געבליבן אין א פאַרלעגנהייט. ענדלעך האָט ער א זאָג געטאָן, אַז אים אַרט נישט דאָס וואָס דאָס קינד וויינט גאַנצע נעכט, אים וואָלט אפילו ניט געאַרט, ווען צווי קינדער וויינען. זי האָט זיך אביסל פאַרדויטלט און אים אונטערגערוקט דעם שירם. זי האָט עס געטאָן אינסטינקטיוו. ס׳האָט אויסגעקוקט, ווי זי פילט זיך שולדיק — זי צאָלט איר חוב.

פונעם הויז ביז צום סאָבוויי איז געווען א שטח פון דריי בלאָק. דריי פאַררעגנטע בלאָק. אונטערן שירם האָבן זיך צווי טירן צע־עפנט...

דאָ אין סאָבוויי זענען זיי געזעסן אַרעם-לעם-אַרעם. אַזויפיל מענטשן אין געדראַנג, אַזויפיל אויגן, באַקן, פיס, און ער האָט איצט נישט געפונען פאַר נויטיק אויף קיינעם פון זיי צו קוקן. מיד פון גלאָצן ווי א קאַלב צום הימל, פון שלינגען מיט די אויגן, און מע-מע-מעלקט מיך! ער האָט איצט געוואָלט רעדן אָן שום קונצן, אָט אַזוי־אַ, אָטעם-צו-אָטעם, ווי צווי שכנה׳שע פאַרבענקטע הונגעריקע ווענט.

ער האָט גערעדט ווי א חדר-אינגל, און זי האָט אָנגעלעהענט א פאַרשלאָפן אויג אויף זיין אַקסל. זי האָט עס געטאָן אַזוי-אַ, ווי זיי וואָלטן זיך שוין געקאָנט זייט יאָרן. אי, ווען זיי שעמען זיך נישט, וואָלטן זיי זיך ביידע א נעם-ארום געטאָן, און דערשלאָפן ביז דער לעצטער סטאַנציע. נאָר אַזוי ווי עס איז, האָט זי זיך צעשמייכלט, הלמאי ער רעדט ווי א קינד, הלמאי איר בעני, ביטרעסלען צו לאַנגע יאָרן, איז אויך אַזוי געווען, הלמאי זיי זענען אַלע אַזוי, און איר קומט צו עטלעכע און צוואַנציק יאָר, כסדר אויס צו זיין אַ ניאַנקע. עך,

ווען עס טרייסלט נישט אַזוי דער סאַבוויי, און ווען פון אַלע סטאַנ-ציעס ווערט איין גרויסע, וואַרימע היים!

— —

זייט דעמאָלט זענען אַוועק טעג און וואָכן.

טעג אַזעלכע, ווען אַ מענטש דערפילט, אַז אַט וועט ער אַ וואָרף טאָן דעם ראָק צו דער ערד, און אַ שמייכל טאָן דאָס היטל אין דער לופטן, און הי-הי-הי, יעדעס וואָרט ווערט אַ געלעכטער. צוויי גרויסע מענטשן האָבן זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן, אַז זיי האָבן נאָך נישט פאַר-געסן ווי מ׳מאַכט קאַזשעלקעס, און ווי מ׳פאָרט אויף אַ קאַרוזעלע, און מ׳כאַפּט זון-פייגעלעך אויף דער וואַנט, הי-הי-הי, איז ברענגסטו מיר גרינע בלעטער, ברענג איך דיר רויטע בלעטער, און געלע בלעטער, און אַ פאָטאָגראַפיע גענומען אויפן דאַך, אין פּאַרק, אויף אַ שיפל. איך דיר, דו מיר, מיטן קינד אינדערמיט, עטל בעטל,—טעג אַזעלכע; הי-הי-הי.

— —

האַ-האַ, די צוויי שוועסטער האָבן זיך דאָס אַביסל צעשושקעט אונטער דער פאַרמאַכטער טיר.ביידע האָבן אַמאָל אַריינגעקראָגן אסתר׳ן, און זי צעטיילט אין צווייען — איינע רעכטס, די צווייטע לינקס, און יעדע זשום-זשום אַריין אין אַן אויער.

— אסתר, איר הערט, גאַנצענע נעכט זיצן זיי, די צוויי באָר-דערס, אין דער שטוב דאָרטן, און זיי ביאַנטשן זיך. כלומרשט ס׳קינד, ס׳קינד איז נישט מיט אַלעמען, אָבער ווייסיך וואָס.

אסתר: אַזוי? אַזוי? ס׳קינד, האָט זי געזאָגט, דאַרף זון. זי איז אַן אָרעמע אַלמנה. אַזאַ פּיטשעריצע, גיי ווייס! פאַר פאַר-האַנגענגענע פענצטער קאָן מען דאָך — —

די שוועסטער: אודאי פאַר פאַרהאָנגענע פענצטער קאָן מען אַסך מער נעמען געצאָלט.

און אסתר האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשלאָסן אַריינצוגיין און זיך „אויסצולייען״ אַ שטיקל פּאַדים... נאָר פונקט דעמאָלט האָט זיך די טיר געעפנט, און דזשעק איז אַרויסגעקומען מיטן קינד אויפן אָרעם. אַזאַ ריזיקער יונג מיט אַ קליין קינד. ער האָט עפּעס פּרובירט צו זאָגן, אַז זי, ער, דאָס קינד — ער האָט ענדלעך געפרעגט, צי

זי, אסתר, ווייסט נישט פון א נאָענטן דאָקטאָר ארום, וואָרים געניע איז קראַנק.

— געניע? געניע? זע, נאָר זע, מ׳וואוינט אין איין הויז, און מ׳ווייסט אפילו נישט ווי דאָס הייסט, און מ׳ווייסט אפילו נישט, אז — — מ׳קאָן דאָך אויסגיין!

טירן האָבן זיך א צעסקריפּע געטאָן, און מען האָט אָנגעהויבן טראָגן. ווער אַ ווארעם פלאַש, און ווער אַ טערמאָמעטער, ווער אַ קאַנע מיט אן אַפּפּיר-מיטל, און ווער סתם אַן עצה פון דערפאַרונג.

זע נאָר, זע, מ׳וואוינט אין איין הויז, און מ׳ווייסט אפילו ניט, ווען אימיצער ווערט קראַנק. נאָך גוט, וואָס עס איז דאָ אַ מאַן אין הויז.

— פּאָרט אַ מאַן, — האָט איין שוועסטער געזאָגט צו דער אַנ־דערער. און אסתר האָט בעת-מעשה אַ טראַכט געטאָן, ווענן איר קאָ-מאַד פול מיט בריוו...

— אַנקל דזשעק, אַנקל דזשעק! — האָט דאָס קינד נאכגעשריען, — דו קום נישט שפּעט אַהיים!

דזשעק האָט געוואָרפן אַ קוש אין דער לופטן, און איז אַפּגע-גאַנגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— אַ דאָקטאָר! געניע איז קראַנק. א דאָקטאָר! אַלע האבן זיך מיטאַמאָל געמיט. וואו וואוינט ער? וועלכער איז בעסער? וויפל נעמט ער?

נאר ווען דער דאָקטאָר, — פון די דאָקטוירים, וועלכע זענען ניט צו נעט פאַרקעמט, און אז זיי קומען אריין צו אַ פּאַציענט, באַטראַכטן זיי ערשטנס די בילדער אויף די ווענט—ווען דער זעלביקער האָט נאָכן אונטערזוכן די קראַנקע, זיך ברייט צעשמייכלט, איז פלוצים באפאַלן אַן אימה די ארומיקע, א ציטער מיט א טיף־פאַרביסענעם קנאה־דיקן חשד, וואָס האָט אויפסניי צעצונדן די געמיטער. דאָס קינד האט זיך אויפן קול צעוויינט.

— ס׳איז גאָרנישט, — האָט דער דאָקטאָר, אויפכאַפּנדיק דעם מאָמענט, זיך געווענדט צום קינד. — ס׳איז גאָרנישט. דיין מאַ איז אַלרייט. דיין מאַ וועט געזונט ווערן, וועט זי דיר קויפן א ברודערל, אַלרייט?

און בעת ער איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל, האָט ער נאָך צוגעוואָרפן עטלעכע ווערטער: — „דיין מאַמע איז אַ וואוילע מאַ, אַ פיינע מאַ, אַ יונגע מאַ".

— האַ-האַ — האָט דאָס קינד אַ פריידיקס, מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו פּאַטשן מיט די הענטעלעך — איך וועל זאָגן אָנקל דזשעקן, איך וועל—און די צוויי שוועסטער מיטן „סופער" זענען רויט געוואָרן ביז צום ביין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יענע טעג איז דזשעק ווי אַלעמאָל געזעסן אין שאַפּ און ווי שטענדיק איז דאָ אויפגעגאַנגען א ניגון פון סאמע ארויף, און ווי אַלעמאָל האָט קיינער נישט געוואוסט פונוואַנען עס פעדימט זיך א ליד. אָט ס'גייט אויף אַ קנאַפּ מיט א ניגון. נאָדל-פאָדים אין געוועב. שטעפּ-געזאַנג גאַנצע טעג. שטעפּ, ברודער, שטעפּ. נאָר ער, דזשעק, האָט אין יענע טעג, נאָך אכצן יאָר פון שפּאַנען אין שאַפּ, פלוצים זיך דערפילט אַ נייער אינעם טראָט. אַ מאָטיוו אַזאַ האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן גומען. אַ פאָדים האָט זיך צעדריוולט אין זיגזאַג — און אַ-אַ, אַ וואָס זאָל פריער טאָן אַ מענטש? זיצט ער מיט אַן אָפן מויל, אַ פול פנים פלענער, און זיי דאָ דענקען, אַז אָט האָט ער ערשט איינגעדרימלט. עך! ווי מ'פאַרשטייט דאָס אַ מענטש!

אַ לעבן אַזאַ

נוירס: דער קראַנקער ענטפערט ניט. ער איז שוואַך. איין זאַך האַלט ער אין איין איבער'חזר'ן:

ניקלס, דיימס, פופצן סענט, קוואָדערס, אַ לעבן אַזאַ.

דער דאָקטאָר הויבט די פּלייצעס. מאָדנע, א לעבן אַזאַ. מסתמא, צייגט ער אָן מיטן פינגער אויפן קאָפּ, מסתמא איז דער חולה ניט מיט אַלעמען.

ארום איז שטיל. נאָר פון צוויי גרויס-צעעפנטע אויגן שנירלען זיך טרערן — — — דער קראַנקער וויינט.

מינוטן פון שווייגן. דער פּראָפעסאָר קוקט זיך אום מיט די נוירסעס. איינס, איינס, איינס צוויי. שאַ. ששא. שטרענגע רוטין ווערט געבראָכן: דער פּראָפעסאָר אַליין נידערט צו א געפאַ־לענעם פון דער גאַס. שאַ, שאַ, דער פּראָפעסאָר: — „איר מוזט דאָך פאַרשטיין, אַז מיר זענען אויסן אייער טובה, מיר מוזן דאָך — — ."

המם, הערט זיך אַ טיפער זיפץ, נאָר אָנשטאָט אָן ענטפער, קערט זיך דער קראַנקער אום אַפן אַנדערן זייט. דאָס בעט גיט אַ טרעשטש, און הילכט אָפּ ווי אַ פּאַטש אין פנים. דער פּראָפעסאָר איז באַליי־דיקט...

אין מערב פאַרגייט די זון. ס'טונקט זיך אין רויטן די לעצטע שעה. דער פּראָפעסאָר איז באַליידיקט...

איין טאָג, צוויי, דריי, נישטאָ קיין ענדערונג. אויפן פערטן טאָג האָט זיך אָפּגעזוכט אַ פריינט. דער קראַנקער האָט ווידער געוויינט. נאָר ווען דער לעצטער איז אנדרימלט געוואָרן, האָט דער פריינט אזוי דערציילט:

— „דער דאָ, מיט די פאַרפוילטע ציינער און מיט די איינגע־דאַרטע באַקן, איז מיינער א פריינט. אמאָל איז ער געווען דער גע־זונטסטער אינם קרייז. אמאָל איז סעמקע געווען דער ערשטער צו

קריגן אַ דזשאָב, און אַז ער האָט אָנגעטאָן זיין שוואַרץ־געשטרייפטן ראָק און זיך אַוועקגעשטעלט סערווירן אַן עולם, האָט ער מיט זיין בלאָנד־געלאָקטן קאָפּ דעם גאַנצן זאַל פאַרלויכטן.״

נוירסעס, ווי פּלוצלונג אין עפּעס זיך דערמאָנט: — אַהאַ!

פּראָפעסאָר: — וואָס?

פריינט: — דאָס! ניקלס, דיימס, פּופצן סענט, קוואָדערס, א לעבן אַזאַ.

זינט יענעם אָוונט איז שוין צווישן פריינט און פּראָפעסאָר אויך קיין שלום ניט געווען. יעדן פאַרנאַכט, נאָכדעם ווען דאָרט אויבן אויפן גרינעם אַבאַזשור פונעם שפּיטאָל־לעמפּל האָבן פינגער עטלע־כע צייכנס אָפּסיגנאַליזירט, דעמאָלט האָט זיך דורך די אונטערשטע טרעפּ אַרויפגעכאַפּט, דער פריינט, און פאַר די נוירסעס אַן אנדער בלעטל פון סעמקע׳ס טאָג־בוך געלייענט.

בלעטל נומער איינס:

זונטיק, דעם 15טן יוני, 1920.

היינט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט 6 אַזייגער. צו דער אַרבעט גיי איך ערשט 10. דער פרימאָרגן איז אַזאַ זוניקער. עך, ס׳גלוסט זיך ניט צו אַרבעטן. כאָטש וואָס רעדסטו זיך איין, סעמקע? היינט איז דאָך דער טאָג, היינט וועט מען שאַרן ניקלס און דיימס אין קעשענע אריין. גאָטעניו, ווי לאַנגזאַם־פּאַסקודנע עס ציען זיך די שעה׳ן! שטייסט דאָרט אין ווינקל מיט א האַנטעכל אפן אָרעם, און שמייכלסט. שמייכל, ברודערקע, פאַר א ניקל א קאָפּעטשקע, פאַר א דיים מער, פאַר פופצן סענט נאָך מער, פאַר א קוואָדער אַזוי פיל, — ביז צום פּלאַצן. שמייכל, ברודער!

אַן אויסגעפּוצטער, אַן אָנגעקראָכמאַליעטער, שטייף. לויפסט ארום אויף פרעמדע הוליאנקעס. אויף די בענקלעך זיצן ניקלס, דיימס, קוואָדערס, — קייקלט זיך ניקעלעך, קייקלט זיך, ס׳דאַרף זיך אַן אַנדערע מטבע אַוועקזעצן, צום שוואַרצן יאָר! מוזט דיינע שכירות צוזאמענקלייבן מיט ניקלס, טענקיו, סער!

א דערשוויצטער „טענקיו״ אין אַ שטייפן קאָלנער, מיט אַ קע־שענע ניקלס, נאָך אַ ווילד־פרעמדער אָרגיע אין בלויען פאַרטאָגס,

צווישן מיסטקאַנען און נאָך אַזעלכע ווי דו, לויפסט אַהיים אַן אַנגע-פּאַרעטער אין דעם לעצטן דורכגעווייקטן העמד.

סעמקע, ניקלס דערקייקלען זיך סיי-ווי נאָר ביז נעט-געפּרעסטע הויזן און א גאָלד-געשטרייפטן ראָק. גיי ניט, סעמקע, אָבער וואָס רעד איך נאַרישקייטן?— — דער זייגער איז ניין. א שטונדע רייזע. און דער פרימאָרגן איז אַזאַ זוניקער...

אויגוסט דער 17טער, 1923:

נאָר זיי באוואונדערן מיין הויך, מיין שטעל, און פון אונטערן לייב-העמד אָפיר, אין דער שטיל, רייסט זיך אַ כראָנישער הוסט. שוין ניט דער וואָס מיט עטלעכע יאָר צוריק. גאַנץ אָפט באַגיסט מיך אַ קאַלטער שווייס. איך פיל ווי איך רוק זיך אַרונטער אויף די סטאַפּעס, וואָס ווערן וואָס אַמאָל פלאַכער. באַטאָג מאַך איך נאָך אַלץ דעם אַנשטעל, נאָר באַנאַכט ווייקט מען די פיס אין ביטערזאַלץ. יאָ, היינט ווער איך דרייסיק. פּראַווע איך מיין געבורטסטאָג אין א שיסל וואַסער נאָך דער אַרבעט. און ווייטער?...

אָקטאָבער 12, 1926:

קאַלאָמבוס דעי. קינדער טרובען. מענטשן רוען. מענטשן פרייען זיך. אין פענצטער אויף שטאַנגען הענגען גרויסע אינדיקעס. קינדער אין צעריסענע שיכלעך, פאַרפרוירענע, קוקן דורך מאַסקעס אַף פעטן דרויב און באַלעקן זיך. יום-טוב, קינדערלעך, דאַרף מען אריינ-אַרבעטן מער ווי אַלע מאָל. הובליעוועסט, פופצן, זעכצן שעה אַ טאָג, און פאַררונדעוועסט גאַרנישט, פאַרשניצסט קיין שום זאַך ניט. שפּענער, טויזנטער צעפּיצלטע, א לעבן.

טעג אויף שפּענער, וואָס פליען שפּיציק־ווילד, און קיילעכיג גלאַט, שפּענער. . . דאָרט באַם טישל זיצט אַ יונג פּאָר פאָלק, קוקן אויס סימפּאַטיש. יונגע מענטשן, ווען זיי ליבן זיך, און דו דערפילסט דעם וואָרעמען, ערלעכן פאָדעם, וואָלסטו זיי גערן דיין האַרציקן גרוס אונטערגעטראָגן, נאָר אָט גראָבלט ער אין קעשענע: א „טיפ". פילסט זיך באַליידיקט. אפשר האָט ער ניט, אפשר — — דוקא די, ווערן פאר זייער ריין-מענטשלעכקייט נישט באַדאַנקט. בלייבסט אומפאַרשטענדלעך.

באַם צווייטן טיש בויגסטו זיך „טענקיו, סער!" (און אין האַרצן) וואָס פּאַראַ פּאַרשיווע מאָרדעס! ווען דער באַלעבאָס טראָגט דיר אונ-

טער נעמען פון יחסנים, ווייסטו גלייך אז דיינע פיס ווערן גע׳פטר׳ט אומזיסט, און איבער די כחות גרילצסטו אין כעס אַרויס דיין „טענקיו! טענקיו, צום שוואַרצן יאָר!״

אויפן סאָמע אויבנאָן זיצט אַ פרוי מיט אַ מאַן. זי — אין די פערציקער, א שיין־אָנגעפּודערטע, פאַרשמינקטע אידענע מיט א מאַ־נאַקל אַף דער הויכער ברוסט, און ער — אַ האַלב-פּאַראַליזירטער, קוקט אויס פּונקט טאָפּלט פון אירע יאָרן. אירע אויגן וואַרפן זיך אויף אַלע זייטן, און באַ אים הענגט די צונג אַרויס. זי רופט אים: — „פּאַ, פּאַ דיער.״ זי ווישט אים דעם גאַווער פון מויל. יעדעס מאָל, ווען זי דערלאַנגט אים אַ זעץ מיט דער סערוועטקע איבער דער צונג, פאַלן מיר די טעלער פון די הענט. — שאַ, וואָס איז, פּאַ דיר?״

אַ ביסל ווייטער, באַ עטלעכע צוזאַמענגערוקטע טישן, באַנקעט-מעסיק, זיצן קינסטלער. „סאַם ביג מען״, האַלט מיך דער באַלע-באַס אין איין אונטערטרייבן. „פּאַרזיכטיק, פּאַס-אויף״. מיין באַלע־באָס, מיט אַ שפּילקע אויף דער קליאַפּע, און מיט באַקן וואָס ציען זיך ביז צו די אויגנווייסלעך אַרויף, לויפט אַרום ווי אַ הונט, וואָס האָט דערשמעקט אַ פעטן ביין, און ווי ער לויפט, אַזוי שפּאַן איך גיכער. אינעווייניק בלוטיק ברודערקע, נאָר פון אויבן שטעל קאָליר.

לויף איך מיט אָנגעשפּיצטע אויערן ארום די קינסטלער, טאָמער וועל איך עפּעס נאַשן. נאָר גאָטעניו, מיטן לעצטן פלעשל שאַמפּאַ־ניער ווערן אזוי פיל אינגלשע חלומות צעריסן! מוזיקער, אַקטיאָרן, שרייבער און מאַראַל-פּרעדיקער זיצן און ברעכן איינער אין אנדערנס גלאָז אַריין; יונגע פּרימאַדאָנעס שלוקערצן אויס גאַנצע פלעגמעס מו-זיק איבער גרויסע בוקעטן בלומען, וואָס באַצירן די ווייס-געדעקטע טישן — — אינמיטן שטיי איך, אַ צעטראָגענער, אַן אַנטוישטער — געדענקסט, פייגעלע, איטשע, שלמה, געדענקט איר די אויסשניטן פון צייטונגען, ווי מיר פלעגן זאַמלען די בילדער פון גרויסע מענטשן, גע-דענקט איר ווי מיר פלעגן אויף יעדער שורה פון דעם בוך זוכן דעם שרייבער? די וועגט מיט בילדער באַקלעפּט, מיט וועלטן פאַנטאַ־זיעס — קינדישע בעטלעך האָבן זיך אין חלומות צו קאָנטינענטן גע-וויגט.

— וואָס איז דאָס — שרייט דער באַלעבאָס — דער קעלנער איז דאָך היינט ניט מיט אַלעמען?!

איך וויל אויפהויבן די פלאַש שאַמפּאַניער און צוזאַמען מיט מיין פּאַסקודנער וועלט, די פאַרפוילטע קעפּ צעפלעמען, נאָר עס פעלט מוט. איך גיי אהיים א באַניקלטער, באַדיימטער, און אפן מאַגערן שטרוי־זאַק טשאַרע זיך אין אומרואיקן שלאָף.

בלעטל נאָך בלעטל. יעדן טאָג אַן אַנדערס. שפּריצן יאָרן, פונקען לעבן, אין סומאַטאָכע, אין צעריסענעם זיג־זאַג. דאַטומס פון א בלאַנד־געלאָקטן לעבן, וואָס האָט ערשט געהאַלטן באַם אויפגיין און אַט — — ס׳לייענט דער פריינט פון אַ מענטש אַן אומבאַקאַנטן, און דאָך אַזאַ נאָענטן. סעם, שוין ניט דער, דער מיט די פאַרפוילטע ציינער, נאָר דער וואויל־באַקאַנטער ראָמאַנטישער, יעדנס חבר, סעם. פאָר די נוירסעס וואַקסט סעם אויס אַזאַ גרויסער, אַזא צאַרטער. נאָר אַט האָט ער זיך א ביסל שלעכט דערפילט, זיינע באַקן רויטלען זיך, און סעם, ווי אַלע מאָל; שווייגט; באַקלאָגט זיך ניט.

אַ נוירס טראָגט־אונטער אַ לעפעלע וואַסער. סעם באַלעקט די ליפּן. ס׳דוכט זיך, אז ער קושט די פינגער, וואָס טראָגן אַזוי מאָ־מעדיק צו אַ טראָפּן וואַסער. דאָס איז דאָך אַלץ, וואָס סעם האָט אַמאָל געוואָלט אין לעבן. אין קרייז פון אייגענע, נאַכט נאָך נאַכט, ס׳איז אַזוי וואַרעם, אַזוי חבר׳יש־הייס. — אַ שאָד, וואָס עס ווערט אַזוי פרי שפּעט... נאָר דער זייגער טיקעט שוין איינס. איינס נאָך איינס, טראַכטן די נוירסעס, אזוי פיל בעטן, אזוי פיל קראַנקע, אזוי פיל סעמס, און ס׳פאַרזעט זיך אין געיעג פון אַרבעט. שטייט מען אַט־דאָ, אונטערן פּראָפעסאָרס פּלייצעס, און אין שרעק מישט מען בלאַט נאָך בלאַט, — נאָר זאָל ער קומען, צום שוואַרצן יאָר!

לייען, ברודער, לייען!

אויגוסט דעם 28טן 1928.

היינט זענען מיר ארויס אין סטרייק. מיין ערשטער סטרייק. אַ גאַנצן טאָג געפּיקעט. כ׳בין מיד, נאָר איבער דער מידקייט טראָגט זיך אַ מין פרייד, אַ שטאָלץ, וואָס לאָזט ניט איינשלאָפן. אַ לעבן אַזאַ, מאָדנע. חלומות איבער מיין בעט. חלומות אויף טרעפּ שפּי־נען זיך פון דאָרטן אַהער. טרעפּ אויף טרעפּ. שטייג איך פונעם היימישן געסל, דורך אַלייען, פלירט, יוגנטלעכע פאַנטאַזיעס, ביז אמת, יושר, באַפרייאונג, און איבער דעם אַלעם וואַקסט אויס אַזאַ

פראסטע, פשוט'ע, ברויטיקע פיקעט-ליין. ארויף און אַראָפּ, מיטן פלאַקאַט פאָרויס, פאַר פאַרלוירענע כוחות — הײנט בין איך באָס פון טראָטואַר! ס'זידט מײן מוט ביז צום ראַנד. און זי, די באַלעבאָס־טע, די מאַמע פון קינדער, ווײל מיך דוקא אונטערקויפן. — „דו, סעמקע אויכעט? מאַך זיך ניט נאַריש! דיר וועלן מיר דערלײגן, אַבי שאַ, שטיל. און האַנדל ניט ווי קײן קינד."

איך ענטפער איר ניט. דער באַפעל פון דער יוניאָן, איז ניט צו האַנדלען אינדיווידועל. מיר געפעלט עס. ענדלעך רעדט מען אויך פאַר מיר, אין מײן נאָמען. מיר געפעלט וואָס זי בויגט זיך הכנעה'דיק צו איר אונטערטעניגן. און איך ענטפער: — „דאָרטן, דורך מײן פירערשאַפט!"

ס'איז געווען אַ וואונדערבאַרער טאָג.

25טן סעפטעמבער.

די פינפטע וואָך אין קאַמף. דער סטרײק ווערט מיט דער הילף פון געדונגענע גאַרילעס צעבראָכן. איך לערן אַ נײעם קורס, אַ קורס פון ניט פאַרוואַרפן דעם קאָפּ, בשעת דו ווערסט אין פעלד באַזיגט; פון האַלטן זיך אײנס מיט אײנס, — כאָטש איך בין קראַנק. נעכטן אין פיקעט־ליין געקראָגן אַ בלוט-שטורץ. זײ האָבן אונז אין אמבולאַנס געשלעפּט. פון אײן זײט די טרובקע צום האַרץ, אָן פון דער אנדערער מיט דער קאַלבע איבערן קאָפּ.

דאָקטוירים, פּאָליצײ, באַלעבאָטים, שרײבער, פּראָפעסאָרן אַרום מײנע טישן און איך בין קראַנק.

— קראַנק, האָט דער פרײנט נאָכאַמאָל איבערגעלײענט פאַר די נוירסעס, און זײן שטימע האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ הילצערנער עכאָ, ווי דאָס ווידער־קול פון אַ צעבראָכענעם ערדענעם טאָפּ.

אַ פאַרגליווערטע מאָנאָטאָניע האָט זיך אָנגעהויבן אײנעסן אין דער לופט. פון אויער צו אויער, אויף שפיץ ליפּ, האָט זיך גענומען אויסשײלן דער געדאַנק, אַז, „טראכסט ניט געגוג שוועסטער."

— טעג און נעכט, אויג צו אויג, הענט אויף פּולס. טעמפּעראַ-טור אויף דער קאָרטע. אין געדרײ ארום פון בעטן. קראַנקע בעטן, רײן געדעקטע. רויטע פלעקן אויף ווײסע ציכן. שלענגלען שוועס-טער זיך אינמיטן, אויפן כאָדניק. הין-און צוריק. אין גערוך פון אַנטיסעפּטיק, שנעלער, שנעלער! אויף די קאָרקן, אַרויף און אַראָפּ.

נעם דעם קראַנקן, פֿאַרצי די זאַקן אונעם קאָפּ. אונטן גרייט מען שוין מכשירים! גאַזן, מאַסקעס, לאַנגע שפּיזן, שטרעקן הענט זיך צום קראַנקן — נעקסט! אויפֿן טיש אַרויף מיט נעקסט, הענט! הענט אויף אָטעם, שפּיזל, מעסער. טאַנץ פֿון נאָדלען אויפֿן גוף. מינוטן אויף דער וואָג — קראַנק.

— טראַכסט ניט גענוג, שוועסטער! דער גיט שאָקאָלאַד, יענער קרעלן, זאָקן, א דאָלער — א דאַנק! אָבער די, וואָס ליגן אַרום די ברעגן און שווייגן? די וואָס, קיינער קומט ניט, קיינער גיט ניט, ברענגט ניט קיין בלומען, וויינט ניט, מאַכט זיך ניט וויינען, די — —

אַ בלייכער מיט בלוטלאָזע ליפּן, דורך די צעפּוילטע ציינער, האָט סעם פֿון צייט צו צייט אויסגעשוימט א געלבלעכן שליאַם. אויף זיין פּנים האָט גערוט א מילדער שמייכל. די נוירסעס האָבן געגאַפּט. ס׳האָט זיך געוואָלט זיין געגאַרט אינעם מאָמענט. נאָר אין אַזעלכע צייטן איז דער פּולס, דער מסור. סעמיס אָטעם איז וואָס אמאָל גע־וואָרן לייכטער, קירצער, צעריסן, ווי ער וואָלט גערוט אויף מאַטעריע, וואָס צעפּאָלט. ס׳האָט דער אָטעם געאַרבעט ווי אַ פּאָמפּ, וואָס פֿאַר־לירט דעם כּוח צו שעפּן פֿונעם גרונט.

— קראַנק — האָט דער פּריינט, דערציילט, איז סעם געוואָרן, בשעת ביידע האָבן געוואוינט אין סאַוט סטריט, אויף א קאַלטן הונ-געריקן בוידעם. וואָס מער טעג, אַלץ ווייניקער שאַנסן צו קריגן אַ דזשאָב. מ׳הויבט אָן אויסצוקוקן ווי א שאָטן, און קיין שאַטנס וויל קיינער ניט. שאָטנס זאָלן גיין איבער די הייזער! איך גיי טאַקי, האָט דער פּריינט באַטאָנט די לעצטע ווערטער, ווי איינער זאָגט, טאָ וואָס קומט מיר דערפֿאַר?

— איך גיי מיר שנאָרן! און ער (קוקנדיק אויף סעמי׳ן) אַ וואוילער מענטש, כאָטש אַ מאָדנער. באַ זיי, באַ די דאָקטוירים, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין די טירן, און זיי האָבן חוזק געמאַכט; זיי האָבן אים געהייסן האַנדלען, אַרומגיין אויף פֿרישע לופֿט — סעם!

— ער איז געשטאַנען אין גאַס מיט א קעסטל, און — „קויפֿט אַן עפּל! קויפֿט אַן עפּל!...." דערנאָך איז ער אַרומגעגאַנגען פֿאַרקויפֿן רעפּטלעך ברויט מיט וואורשט, פּאָר אַ ניקל אַ שטיק. בעלנים זע-נען געווען אַסך, נאָר קיין געלט האָבן זיי דאָך ניט די שנאָרערס, אָבער עסן מוז מען דאָך!...

יאָ, עסן מוז מען. די נוירסעס האָבן זיך איינגעהערט. א מאָ-טיוו אַזאַ האָט געגומען פּאַרטויבן די לופט:

— עסן, בעטן. ווייסע ציכן מיט רויטע פלעקן. חוזק פון רויטע פלעקן אויף ווייסע בעטן. חוזק באַ געדעקטע — מיט בלומען-באַצירטע טישן. שמייכלסט, ווייל חוזק אין קראַוואַט וויל אַזוי, ווייל קרעלן, שאָקאָלאַד, ניקלס, דיימס, דאָלערס ווילן אזוי, און דער-נאָך? דערנאָך שאַרסטו זיך אַהיים אָן אויסגעמאַטערטע, א מידע, וואָס האַלט זיך קוים אָן אין פאַרדאַרטע פּלויטן. אין שטענדיקן צי-טער, און שטענדיקער מורא, טאָמער. טאָמער גייט ער, טאָמער קומט ער, טאָמער זאָגט ער... האַ-האַ-האַ! צום שוואַרצן יאָר, וואָס איז דאס אַ לעבן אַזאַ? — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז געווען דער זעקסטער טאָג. סעמ'ען איז ערגער געוואָרן. באַם ראַנד פון בעט איז געשטאַנען דער גאַנצער שפּיטאָל צו דינסט. ס'האָט אויסגעקוקט ווי דאָסמאָל קומט דער באַפעל פון אונטן ארויף, ווי עס וואָלטן זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל די נוירסעס אָנגענומען מיט מוט און דיקטירט — „רירט אייך פראָפעסאָרן, רירט איידן!"

באַם ראַנד פון בעט האָט מען דעם לעצטן מאָל זויער-שטאָף דער-לאַנגט. אַלץ אַרום האָט געהאַוועט, נאָר איינער, סעם, איז א געלב-לעך-בלייכער געלעגן אויפן רוקן, און געשעפּטשעט — „זייט גע-גריסט!"

באַם ראַנד פון בעט איז צום פינף און דרייסיקסטן מאָל אויפגע-גאַנגען אַ וואַרימער יולי חודש.

אַנטקעגן א זוניקן פרימאָרגן האָבן פון לויזע נאָזלעכער א שטראָם געטאָן צוויי שוואַרצע ריטשקעס בלוט.

אַ חתימה

נו, יאָ, ס׳קאָן זיין, אז ער שטעלט איין דאָס לעצטע ביסל האָב און גוטס. זאָל ער, צי זאָל ער ניט? ער מוז דאָך אָבער. לעצטן יאָר נאָך, האָט ער זיך צוגעשוואוירן: צוויי מאָל פאַרדונגען דאָס הויז — גענוג! דאָס דריטע מאָל וועט מען אים דאַרפן אַרויס-שלעפן.

שניידט זיך דער אויטאָמאָביל דורך פאַרקרימטע וועגן און זשומעט ווי אַ בין. און ס׳דאַכט זיך ווי ס׳זיצט גאַרניט מיסטער ווייס און קירעוועט מיטן רעדל. ס׳קומט אויס ווי צוויי בינען האָבן זיך צעזשומעט אין פריען פאַרטאָג, און פליען איבער טויזנטער מאָל באַטראָטענע וועגן.

צוויי באַשעפענישן אין געשפאַן, אין שטענדיקן געבריל, זוכן אַפן רחבות׳דיקן פאַרם קיינמאָל ניט מער ווי אַ ברויטיקע סטעזשקע, קוקן אויס פאַרלוירן שווער אין אַ געצוימט ווינקל, קוקן אויס מאָדנע גרויס אונטער אַ גראָטע. בייטאָג, אין ליידיקער צייט, איז א חרפה צו קוקן דער זון אין פנים אריין. שטייט מען פאַרשעמטע, געצוימט. נאָר ביינאַכט, אָדער גאַנץ פרי, גיט זיך איין באַשעפעניש אַ כאַפּ ארויף אפן אַנדערן, און ס׳פאַרט. . .

״מ׳דאַרף ברויט, איז אריין אַף דעם וועג; נעגל פאַרן דאַך, איז אַהער אַף יענעם וועג; און א שטיק גומע צו דער פלומפּ, און פאַרב, און די האַק איז צעבראָכן. מ׳שפרינגט פון א בערגל אַף א בערגל, דורךביימער און פעלד, אריין אין אַ געסל, דורך זייטיקע קרום-דורכ-געשניטענע סטעזשקעס, אַהינצו ווי יעדער סטאָלפּ, יעדער גוי, יעדער איד, יעדעס געוועלבל איז היימיש, אַהינצו, צו דער איינציקער הויפּט-גאַס פון שכנה׳שן ווילעדזש.

— גוט מאָרגן, מיסטער ווייס! עפּעס זיך אזוי פרי צוגעשטעלט? ווייס גיט אַ בורטשע. דער ווילעדזש פרעגט ניט מער, דער ווילעדזש קען אים: ער וועט שוין היינט ניט רעדן.

און ס׳שניידט ווידער דער אויטאָמאָביל דורך פאַרקרומטע וועגן, און זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. און ס׳דאַכט זיך ווי ס׳זיצט גאָר־ניט מיסטער ווייס און קירעוועט מיטן רעדל. ס׳קומט אויס, ווי צוויי אין איינס צונויפגעגאָסן אָפּן זעלבן וועג, אָהינצו צום אָפּיס, צום אַדוואָקאַט, וואו מען דאַרף צולייגן די לעצטע חתימה, און דאָס וועט הייסן, אַז ס׳הויז איז ווידער פאַרדונגען אַף אַ יאָר. דאָס וועט הייסן, אַז ער, מיסטער ווייס, דער באַלעבאָס פון זעקס אַקער לאַנד, 3 הייזער, וועט זיך ווידער מוזן ארומשלעפּן נע־ונד, איינגעדונגען אויף דער עלטער באַ פרעמדע, און בעטן אַן איבעריק גלעזל טיי.

איז דערווייל, ביז צו דער חתימה, רעדט ער זיך דורך מיט זיין נאָענטסטן שכן אויפן וועג, דעם אויטאָמאָביל.

— זאָל ער, צי זאָל ער ניט אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט? צוויי מאָל האָט ער דאָס הויז פאַרדונגען. לעצטן יאָר האָט ער זיך איינגעשפּאַרט. איצט האָט אים דער אַדוואָקאַט געמאַכט א חשבון, אַז טאָמער וועט ער זיך ווידער איינ׳עקשנ׳ענען, איז פערציק יאָר אַר־בעט אַרויסגעוואָרפן מיט אַ שפּיי.

— פערציק יאָר ארבעט מיט א שפּיי. פאַרמאַרטגעדזשט ביז צום האַלדז — הערסט!

אפּריל טעג האָבן זיך קאַפּריזנעדיק צעשפּילט. אָט גיט א רעגנדל א שפּריי, און אָט שיינט די זון אַ לויטערע. קינדער לויפן אַרום האַלב באָרוועסע, און מיינען אַז די טראַפּנס וואָס פאַלן אין אפּריל אַף די גראָזן און די ביימער, זענען גלעקעלעך אַזעלכע, וואָס זאָגן אָן, אַז זומער קומט. דאַרפן קינדער רייסן גלעקלעך פון פריש באַבלויטע קנאָספּן, און צעקלינגען, און צעזינגען זומער אַף דער וועלט. נאָר אָט צעבלעזלט זיך גלאָק אַף גלעקל, לויטער וואַסער — נאַרע־לעך, נאַרנדער אַפּריל!

— פערציק יאָר אַרבעט מיט איין שפּיי. פאַרמאָגעדזשט ביז צום האַלדז — הערסט!

און עס לויפן אויטאָמאָבילן אַף אָנגעוואָרימטע פאַסן אַספאַלט. און עס פליט און פאַרפליט איינער דעם צווייטן דעם וועג, און אינ־דערמיט גלייך מיט אַלע, ווי מיט פערציק יאָר צוריק שפּאַנט אומעטיק מיסטער ווייס אָפּן וועג פאָרויס.

קומעןביימער אַנטקעגן און פאַרשווינדן, שיינט די זון, שפּרייען רעגנס, שפּילן קינדער זיך אַף די וועגן, נאָר ער, מיסטער ווייס, ווי מיט פערציק יאָר צוריק, זעט ניט. יענע יאָרן האָט ער באַדאַרפט צושטעלן קלעצער צו דער טעלעפאָן געזעלשאַפט. ביימער קען מען אויסהאַקן נאָר אין זומער. האָט מען געמוזט אריינכאַפּן דעם גאַנצן זומער-זומערן. לאַנגע, וואַרימע טעג זענען אין שווייס דורכגע-ברענט געוואָרן. באַשטעלונגען האָט מען געמוזט צושטעלן אין צייט, קויפן, פאַרקויפן, אויסהאַקן, דינגען אַרבעטער, אַליין אַרבעטן און דער עיקר — אַ נאָמען צווישן מענטשן. פערציק יאָר אַ נאָמען אָפּגעהיטן — מיסטער ווייס.

דעמאָלט איז מיט אַ פּיפּס טויזנט דאָלער אַף דער האַנט, אָ! און היינט צוליב איין טויזנטער דאַרף מען דאָס גאַנצע אייגנטום פאַר-דינגען, און אַליין בעטן ביי יענעם אַף דער עלטער אַן איבעריק גלעזל טיי.

— ניין, צוויי מאָל פאַרדונגען: —גענוג! דאָס דריטע מאָל וועט מען אים דאַרפן אַרויסשלעפּן.

סוף אַפּריל האָט שפּילנדיק זיך אַף די סטרונעס פונם ווינטמיל אונטערגעפּייפט אַ ניגון — קו-קו קו-קו — ווי פור וויל, ווי פור וויל, וויפורר — — —

די פויערים פון אַרום זיינען איבער אַ חודש שוין געשטאַנען מיט די לאָפּעטעס אין די הענט — קו-קו! קו-קו!

נאָר מיסטער ווייס האָט דעם ניגון ניט געוואָלט הערן. ווי מיט יאָרן צוריק האָט ער אַף הייסע פאַסן ערד געשפּאַנט צום אָפּיס אין געאייל. אין געאייל, כדי אין צייט צו געבן דעם באַפעל, כדי דעם נאָמען פון אַלע יאָרן אָנצוהאַלטן, — מיסטער ווייס!

— —

אָ, העלאָ, מיסטער ווייס! האַו דו יו דו, האַו דו יו פיל? פונקט, פּינקטלעך צו דער מינוט געקומען!״

מיסטער ווייס ענטפערט ניט. ער בלייבט זיצן נעבן פענצ-טערל פון אויטאָמאָביל, איינגעקשנ׳ט ווי אַ קינד, וועלכן מ׳שלאָגט, נאָר וויינען וועט עס ניט.

ניין, ער וועט ניט, ער וועט ניט פאַרדינגען. אויסער — מ׳וועט אים אַרויסשלעפּן!!!

פון אַ ראַדיאָ טרובע אין אַ קראָם, האָט זיך אימיצער געריסן אַף אַ קרעפּטיקן באַריטאָן: האָרי אָפּ, האָרי אָפּ, דאַטס ווײ איי לײַק יו סאָניאַ".

פון אויבן אַרונטער האָבן עלעקטרישע בוכשטאַבן אויסגעפינקלט אַ דזשיג — „לאַיער, אקאַונטעט, גוסטאַוו מײַקל מעניט, דזשאָן מעל-ווין ראַבינס!"

געצעלאָוויטש מיטן זון האָבן זיך אַמוזירט ביז צו טרערן.

אין רומל איז געשטאַנען מיסטער ווייס און געפילט ווי ס'פליען פּעטש מיט הויפּנס געלעכטער גלײַך אים אין פּנים אַרײַן. ס'האָט אים אין עפּעס דערמאָנט, ניין, יאָ, ס'האָט אים דערמאָנט אינם ציר-קאָוניק, וואָס שפּרינגט אַרײַן אין אַ פּעסל, און אַן אַנדערער שנײַדט עס דורך מיט מעסערס פון אַלע זײַטן. ווי אַזוי איז עס מעגלעך, האָט ער דאַן געטראַכט?

און ווי אזוי איז עס מעגלעך, אַז אַזאַ מאַן, וואָס ווייס, אז ביזנעס איז ביזנעס, קאָנטראַקט איז קאָנטראַקט, און וואָרט איז וואָרט, ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אַזאַ מאַן ווי מיסטער ווייס, האָט זיך פּלוצים אוועקגעשטעלט פאַר אַ נאַקעט פרעמדן מענטשן און זיך מתודה געווען ווי א קינד?

נאָר געשען איז עס, בעת די ראַדיאָ האָט געטרובעט, דער אַדוואָ-קאַט האָט גערעדט, מיסטער געצעלאָוויטש מיטן זון האָבן געלאַכט, דעמאָלט האָט מיסטער ווייס פּלוצים דערפילט, ווי זײַן גאַנץ לײַב טרייסלט זיך אין געוויין. ער האָט דערפילט, ווי אָדער ער וועט עפּענען אַ מויל, אָניט ברעכט ער צונויף.

האָט ער געעפנט דאָס מויל, און אין פאַרלוירנקייט האָט ער עפּעס פּרובירט צעניפּצופּלאָטן אַף שליימיק קאָנוואולסיווע ליפּן.

געזאָגט האָט ער אומגעפער אַזוי:

— מיסטער געצעלאָוויטש, ס'איז אמת, איך האָב מיט אײַך אַנ-געשמועסט, איך האָב אײַך פאַרדונגען דעם פּלאַץ. ס'איז אמת, מיסטער געצעלאָוויטש, איך האָב שטענדיק געהאַלטן וואָרט. פרעגט זיך באַ דער טעלעפאָן קאָמפּאַני, מיט וועלכער איך האָב אַזוי פיל יאָר געהאַנדלט, פרעגט זיך באַ די שכנים, פרעגט זיך. נאָר איצט, נו, איר ווייסט דאָך, איך בין שוין ניט קיין אינגלינג (דאָ האָט ער זיך שיעור ניט פאַרלוירן) ס'וואָלט מיך ניט געאַרט, האָט מיסטער

ווייס ווידער פּרובירט, ס'וואָלט מיך שוין ניט געאַרט, נאָר ווען איר לאָזט מיר אָפּ אַ ווינקל, אַ שטיבל פאַר מיר. פון אַלע יאָרן בין איך אַזוי געוואוינט, אַזוי באַ מיין מוטער, און אַזוי באַ מיין גאָטזעליקע פרוי, עליה השלום, אַז ווען כ'האָב זיך אויפגעהויבן אינדערפרי, האָב איך מיר צוגעוואַרימט אַ גלעזל טיי, נו, און דערנאָך האָב איך ווידער גע טרונקען אַ גלעזל טיי, און באַ פרעמדע דאַרף מען יעדע זאַך בעטן, בעטן, בעטן — איך קאָן ניט, מיסטער געצעלאָוויטש!

געצעלאָוויטש, אַ מענטש אין די מיטלע יאָרן. לויט דעם ווי ער איז געבליבן שטיין, האָט מען געקאָנט זען, אַז די ווערטער האָבן אים גערירט. נאָר דאָ האָט זיך דער זון אריינגעמישט און געזאָגט: „פּאָפּס, דו ווייסט, אַז מיר האָבן דעם פּלאַץ ניט געדונגען פאַר פּלע-זשור, אַ קעמפּ, יו נאָו, ס'קומען אַרויס באַיעס און מיידלעך, זיי וועלן טומלען, ליאַרמען, דער אַלד מען וועט דאָס ניט קענען ליידן, און בי-סיידס — — — — — —

ביידע, מיסטער ווייס און דער לאַיער, זענען אוועק אין אַ באַ-זונדערן צימער.

אין אַ צען מינוט זיינען זיי צוריק אַריין אין אָפיס. מיסטער ווייס איז געווען בלייך, נאָר אַנטשלאָסן. אָן שום ווערטער, האַרט, איז ער צוגעגאַנגען צום טיש און אוועקגעלייגט די חתימה, אָט אַזוי, ווי איינער, וואָס לייגט די לעצטע לאָפּעטע ערד אָפן קבר פון אַ פאַר-שטאָרבענעם קרוב.

* * *

אַפּריל טעג האָבן זיך קאַפּריזנעדיק צעשפּילט. אָט האָט אַ רעגנדל אַ שפּריי געטאָן, און די זון האָט אַ לויטערע זיך צעשיינט. קינדער זענען אַרומגעלאָפן האַלב-באָרוועסע. פאַר זיי זענען די טראָפּנס, וואָס פאַלן אין אַפּריל אויף די גראָזן און די ביימער — גלעקלעך אַזעלכע, וואָס זאָגן אָן, אַז זומער קומט. דאַרפן קינדער רייסן גלעקלעך פון פריש-באַבלויטע קנאָספן און צעקלינגען און צע-זינגען זומער אויף דער וועלט. נאָר אָט צעבלעזלט זיך גלאָק אויף גלעקל, לויטער וואַסער. — נאַרעלעך! נאַרנדער אַפּריל!

מיין שטעטל

פאַרוואָס און פאַרוואָס, פאַרוואָס אזוי, און דוקא ניט אזוי? שאלות, אייביקע חכמים.

צי איך בענק, טראַכט, און דערמאָן אמאָל מיין שטעטל?

יאָ. צופרידן? איך טראַכט, מעג טראַכטן, ס'האָט נאָך דערווייל קיינער ניט מיינע חלומות אָף אָ פּאַספּאָרט געפרעגט. און געוויינטלעך חלומ'ט זיך באַנאַכט וועגן דעם, וואָס עס טראַכט זיך באַטאָג. א נאַטירלעכע דערשיינונג, ווי באַ יעדן מענטש.

אַי, די גלאָקן?

איז הלמאי האַלסטו אין איין זאָגן, און ווילסט נאָר מאַכן דעם אַנשטעל פון א פרעגער?

גלאָקן, ברודערקע, קלינגען און פאַרקלינגען. פאַרשטייסטו מיך, לעאָנטשיק, היינט נאָך מער ווי אַלעמאָל דינט די צונג דעם גלאָק. ס'איז שוין אַזוי ווייט דערגאַנגען אז מ'האָט שוין באַלד איינגערעדט דעם עולם, אז ער איז אַ גולם. און בכדי דאָס צו באַווייזן האָט מען אפילו אויפגעבויט טעאַריעס. יאָ, ס'זענען אָנגעשריבן געוואָרן א סך ביכער מיט געאָמעטרישע פאָרמולעס, כדי איבערצוציגן, אז די, וועלכע ווערן געבוירן מיט געלע שנירעלעך אָף די העלזער, זיינען על פי נאַטור חכמים, און מיט רויטע — נאַראָנים. דער פאַקט אָבער, וואָס מענטשן ווערן געבוירן אָן שום שנירעלעך, דער פאַקט וואָס מענטשן ווערן געבוירן נאַקעט-רוי, מאַכט אונז צו פאַרטראַכטן, אז אפשר איז זיך די מעשה אַ גאַנץ שיין אויסגעטראַכטע, אָבער אין עצם אַ גראָבער ליגן.

דער פוילישער פויער האָט דעם פּריץ געקוקט אין פּנים אַריין. דער לעצטער האָט גערעדט פראַנצויזיש. די פויערים האָבן געדענקט אַז ס'איז די העכסטע שטופע פון קולטור, ווען אייגער רעדט פראַנצויזיש און גייט אָנגעטאָן אין ווייסע הענטשקעס. — — — בעת דער

פאַן איז געגאַנגגען אַף געיעג, האָט ער באַזונגען דעם האַניק פון פוי-
לישן בינשטאָק, און מיט ווייסע הענטשקעס שוואַרצע ערד פונם פוי-
ער גע׳גנב׳עט, פשיאַקרעוו דאָ כאַלערי

קעגן דעם וואָס דו זאָגסט, אַז איך געדענק ניט מיין היים, מיין
שטעטל.

למשל, ווען איך זאָל אויסמאָלן דריי יונגען מיט אַ מויד אונטער
אַ בוים, און אונטערשרייבן — „מיין טייער שטעטלע זאַוויערציע״,
וואָלסטו אויסגעשריען, אַז ס׳איז אַ געוואָגטע פרעכהייט, אָבער
ווען איך זאָל שילדערן דיך, שלמה׳ן און מיך, ווי מיר פאַרבינדן
פריש-געפרעסטע קראַוואַטן, און בליקן אַרויף צו די באַלקאָנען, פון
וואַנען פענסיאָנאַרקעס וואַרפן אַראָפּ גנבה׳שע בליקן, דאַן, יאָ, דאַן,
וואָלט עס געווען אמת׳ער היים־שטאָף.

איןביידע פאַלן וואָלטן איבער דרייסיק טויזנט הונגעריקע מיי-
לער אויסגעשריען, אז ס׳איז אַ ליגן, א מיאוס׳ער ליגן!

ל״ג בעומר, און דער דריטער מאַי. התקוה, און יעשטשע פאָלסקאָ.
זשאַבאָטינסקי מיט פּילסודסקי׳ן. מיט ליכטלעך אַף בייז וואונדער,
לויפט דאָס גאַנצע שטעטל פאַרגלאָצט — וואָס?

ווי לאַנג ?

מינוטן פון אויפברויז. הידד און ניעך זשיע אחדות, און איגנאַץ
אַרבעט נאָך אַלץ אינם טאַרטאַק. איגנאַץ — באטאַג אין טאַרטאַק,
און באַנאַכט היט ער יענעמס נחלה. איגנאַץ, כדי ער זאָל קאָנען
יעדן קינד אַ קאַרטאָפליע דערלייגן, שטייט ער טאָג ווי נאַכט אין גע-
שפאַן. ניעך — — — וואָס? ,

פון דאַנען אַהין, — ניט געוויין, נאָר רוף. גאַסן, מיינע געס-
לעך, האַזשע, קאָזע, און באַגנע. אַפּשטאָם פון מיין פאַרוויאָנעט
וויגל, דורך פאַרגראַטעוועטע שאָפּ-פענצטער צו דיר מיין גרוס! דחקות
פון דער גאָרער וועלט אין קאָן, מיין געסל און בראַדוויי, צום טאָקט
געגן ווייסע הענטשקעס אין דער ריי!

אַף דער דריי־און-פערציקסטער, צווישן פינפטער און זעקסטער עווע־
ניו, אן ערך צוויי פאַרטאָגס, אַף א שטיינערנער שטיג, אין זיין גרויע
באָרד איינגעגנורעט, צאַנקט אין אָנמאַכט א לעצטער פונק אויס.

— האָ, האָ — איז נאָך גוט, וואָס דער מיטן קלאָב און די ווייסע

הענטשקעס האָט זיך פאַרקוקט, האָ-האָ, איז נאָך גוט, וואָס ס׳איז היינטיקן פאַרטאָגס ניט אַזוי קאַלט.

יאָרן פון פּראַצע, ציגל אין סדר; צעמענט. בריקן איבער ים׳ען, פון דאָרטן — אַהער, אין געפּעכט נאָך אַ לעבל ברויט. איז אַט-אַ ליגט ער אין שרעק, אַז טאָמער וועלן אַפּן זעקס-און-פופציקסטן יאָר, טעג ווערן האַרבערע. . .

ס׳ווערט אַף דער דריי-און-פערציקסטער גאַס מיין געסל נאָך חשוב׳ער, דער קנופּ פון קרובה׳שאַפט.

משפּחה.

משפּחה מיט די זיבן טויזנט וועבער פונם שטעטל, מיט די פופצן הונדערט שקלאַרניקעס, פינף טויזנט הוטע-אַרבעטער; משפּחה, מיין שטעטל.

און ווען איך חלום, חלום איך וועגן רייען, רייען טויזנטער, מיליאָנען, זעקס און אַכט-שורה׳דיקע אין דער ברייט, מיין שטעטל אינדערמיט; און איך, לאָמיך ניט זיין קיין ליגנער, איך נעם זיך דעם פאַרגעניגן פון קאָמאַנדע — שאַגאָם מאַרש!

געזאַנג פון אַרבעט, געזאַנג פון וויגל. באַרוועסע אין די בלאָטעס וויגן זיך קינדער צום געזאַנג פון נאַקעטן דרויסן, אָבער ס׳בלייבט די שפּראַצונג אייביק ניט קיין קנאָספּ, און ס׳קומען דאָך טעג האַרבערע....

אין שטעטל איז געווען אַ פאָלקס-כאָר. ארום די ברעגן איז געזעסן דאָס פאָלק, און אַפּן סאַמע פראָנט האָבן די אַריסטאָקראַטקעס געגרילצט סאָלאָ. אונזערע פיינע טענאָרן און אַלטאָס, האָבן געוועלקט באַם פאַרבעטן פרעמדע געלעגערס — — „ווײ דעם וועכטער, וואָס פאַרשלאָפט אַ נאַכט!” האָט אַ שניידער-מיידל דעקלאַמירט צו דר. הערצל׳ס יאָרצייט.

„ווײ דעם וועכטער” — האָט צומאַרגנס אַן אומלעגאַלער חבר איבערגע׳חזר׳ט אין וואַלד. דאָס מיידל האָט זיך פאַרשעמט, און די ברעגן האָבן באַשלאָסן זיך א ריר צו טאָן...

איז פאַרוואָס זאָל איך זיך שעמען מיט מיין שטעטל?

יאָ, אָבער דו ווילסט דאָך מסתמא פון פריער, די רינגעלע, רינגעלע רויזן יאָרן. דאָס זענען דאָך די בעסטע יאָרן. אַזעלכע פיינע, צאַרטע, שטומע יאָרן. מ׳קאָן זיי צושרייבן, וויפיל נאָר ראָמאַנטיק

מ׳ווּיל אַליין, און זיי וועלן זיך אפילו ניט אָפּרופן. איז אָט־אָ, כ׳ווייס ניט צי ס׳איז ראָמאַנטיש געגוג, אָבער פון זכרון איז עס פאַרט.
באַם אריינגאַנג פון שטאָטישן גאָרטן איז געהאַנגען אַ שילדל מיט פאָלגנדן אויפשריפט: „איינטריט פאַר הינט, אינגלעך מיט צעריסענע הויזן, און מיידלעך אָן קאַפּעליושן, איז שטרענג פאַרבאָטן.״ באַם טויער איז געשטאַנען אַ הויכער סטראַזשניק מיט לאַנגע וואָנצעס און געהיט. די אינגלעך האָבן ווי ס׳זאָל ניט זיין פאַרשטאָפּט די לעכער, אָבער מיידלעך אָן קאַפּעליושן, — און אריינגיין האָט זיך פאַרט געוואָלט. ענדלעך זיינען די מיידלעך געפאַלן אויף אָן המצאה, און זיך אויסגעליען צוויי היטלעך. צוויי מיידלעך זיינען אַריין, און די היטלעך צוריק אַרויסדערלאַנגט דורך גראַטעס, אַזוי כסדר כסדר, פון קאָפּ צו קאָפּ, ביז וואַנען דער פּאַרק איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד, צעריסענע הויזן און נאַקעטע קעפּלעך.
באַם אַריינגאַנג איז געשטאַנען דער סטראַזשניק, און געדימעט, — „קאַקים אַבראַזאַם?״
קאַקים אַבראַזאַם, אייביקע שאלות, חכמים וואָס איר זייט!
ווי אַזוי פאַרגעסט מען דאָס, פרעגסטו? אַ סימן, אַז איך געפין ניט פאַר נויטיק צו דערמאָנען.
נאַאיווע קינדער! — נאָר אַז ס׳איז מעגלעך דערוואַקסענע מענטשן צו צעשפּילעווען אַזאַ מין אַדיעקטיוו ווי נאַאיווע, איז אויך אַ געוויסער סימן... וואָרים אויפריכטיקע מאַמעס ברענגען קיינמאָל ניט צו אויסשטעלונג זייער מוטער־ליבע. ס׳איז נאָר די ביזנעס־פראַו, וועלכע באַזעלט די וועלט מיטן טיפן נשמה־מאָטיוו. „אַ מאַמע, אַ אידישע מאַ־אַ־מע... וואַרפט אריין אינם טעצל״.
מיר, קינדער פונם געסל דאַרפן ניט קיין פּאַספּאָרטן, און אויב מיר לייגן נאָך צו אונזערע פינגער־צייכנס צום טאַוול פון דעם, וועלכער שטייט באַם טויער און היט, איז עס נאָר דערפאַר וואָס כאַפּנדיק דעם אָטעם, וואַרטן מיר אָפּן גינסטיקן מאָמענט.
אין איין האַנט אַ שטיק ברויט מיט זאַלץ, אין דער אַנדערער די וואַליזקע, אָפּן שוועל פון גרענעץ צו גרענעץ, באַם באַן חברים, אינמיטן טאַטע־מאַמע, זייט געזונט! זייט — זייט — מיט רוצח׳ישן אימפּעט שניידט די באַן איבער די בריק אין צווייען. זייט — זייט — מיטן לעצטן שאָרך פון שטאָלענעם רעדער־געדריי, ווערט אַ אינגלישע

טרער פאַרגליווערט; ווערט גליווער אף וועגן ווייטע, ביז צו א ברעג, אין אַ שטייפער פויסט פארקרעמפעוועט — וואַרט!

באַ י. ל. פרצ׳ן ווערן אַטלעסענע קאַפּאָטעס אין פאַר׳דבקה׳טע נשמות פאַרוואַנדלט. בא אונז אין שטעטל ז ע נ ע ן נאַענט צו זיידענע כאַלאַטן, שקראפעליטשנע קינדער אויסגעגאַנגען אין געוויין נאָך אַ שטיקל ברויט. „תורה, תורה, קינדער, אירע סודות זענען טיף און גרויס״, און צו דער פולער וואָך, נאָך הבדלה, האָט מען חזיר־פלייש אונטער די גלאַנציקע זשופּיצעס געשלעפּט: — מסחד אידן—גיב נאָר אריין די אַנדערע מאזנים! (מיינענדיק די פאַלשע וואָג).

פרץ איז געווען אַ גרויסער שרייבער, אָבער וועגן מיין שטעטל האָט ער געזאָגט פון אויסנווייניק.

זיי געזונט לעאָן! איך וועל קומען , קומען ניט ווי איי־נער, וועלכער שפּרינגט קדוש פאַרן ברויט מיט זאַלץ וואָס ווערט טעגלאַך באַשפּיגן, נאָר ווי א קינד, וואָס לערנט זיין קורס אָפן וועג, בשעת די בריק ברעכט זיך אין צווייען, ווי אַ קינד פון דער וועלט, מיט קינדער פון אַלע שטעטלעך פון דער וועלט — מיין שטעטל אינדערמיט.

זיי געזונט !

אָ קעץ!

מיסטער דזשעיקאָבס. אויבנאויף האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז אַזוי איז אויסגעוואָקסן אַ מענטש, אומאָפּהענגיק פון זיין אָפּשטאַם, אַ רעטעך פאַר זיך אַליין. וואָרים ווער עס האָט געקאָנט זיין פאָטער, ר׳שמואל וואָלפ׳ן, האָט געוואוסט, אַז יענער איז געווען אַ צעטראָגענער, אַן אומרואיקער, אַ איד אין אַ לאַנגער זשופּיצע, מיט אַ צעכראָסטעטע באָרד, א מענטש מיט א גלאַנציקן, בוימלדיקן שטערן, און, מיט שטענדיק פאַרגלאָצטע אויגן. אינגאַנצן אַנדערש, ווי דער אַ זון, וועלכער טראָגט אַ נעט אויסגעבונדענעם שניפּס, אַ קאָפּעלוש, אַ קייט און זייגער, און מעסט גלאָסן וואָרט נאָך וואָרט.

אַז מ׳האָט אַמאָל א קוק געטאָן אויף ר׳שמואל וואָלפ׳ס פּליענדיקע אייגעלעך, האָט מען געמיינט, אַז מי יודע אין וועלכע הימלען ער שטעקט איצט. פאַרן לעצטן פאַל איז ער מסתמא פאַרקאָכט אין זיין שניט-קראָם, דאגת פּרנסה, וכדומה. א צעטראָגענער מענטש.

אמת, אַז צו פאַרגלייכן אַזוי אָ, אַ טאַטן פון אַ פּויליש שטעטל מיט אַ זון, וועלכער וואוינט אין ניו־יאָרק, און איז אין ביזנעס, און מוז דערפאַר במילא אויסקוקן און האַנדלען אַנדערש, איז קיין גרויסע חכמה ניט. אויבנאויפיק איז עס טאַקי אמת, אָבער פאָרט אייגן בלוט, אָפּשטאַם?

איין סיגה האָט אָבער ר׳שמואל וואָלף פאַרמאָגט, וואָס דער זון דאָ, האָט זי אין סאַמע הר־הא איבערגענומען מיט אַלע קליפּערלעך: דאָס איז די געוואוינהייט פון שנעלן אַרויפשאַרצן זיך די אַרבל, און יענעם מאַכן צו גלויבן, אַז איין גאָט ווייס וואָס עס גייט דאָ געשען.

אַז מ׳האָט ר׳שמואל וואָלפ׳ן געטראָפן אין אַזאַ מין פּאָזיציע מיט די צויטן מין לייב-יאַקל אַרויס, האָט מען געטראַכט, אַז אַזוי ווי ער איז א חברה קדושה מאַן, מסתמא גייט ער שוין אימיצן אָפּטאָן זיין רעכטס, מסתמא גייט ער מטהר זיין א מת. האָט זיך גאָר אויסגע-

לאַזט, און ער איז ארונטער אין קעלער אַריין מאַכן עטלעכע לחיימס. און כוסה'נען האָט ער ליב געהאַט, כאָטש פאַרמאַך קיינמאָל ניט דעם שפּונט פון פעסל.

אַנטקעגן דעם וואָס מ'זאָגט, אייגן בלוט. אָט אַ דער שטריך פון פאַרמעסטן זיך אויף פּונקט דאָס פאַרקערטע, וואָס יענער דער־וואַרט, אָט אין דעם איז אפשר געלעגן דער גרונט־שנור וואָס האָט געבונדן טאַטע און זון. ווייל אין עצם איז דאָך ר'שמואל וואָלף אויך געווען א רואיגער מענטש נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט אָנגע־פּאַיעט. און אין דער אמת'ן, לייגט זיך דאָך ניט אַ מענטש אַזוי ניט דיר און ניט מיר, מיט די שטיוול אין הימל אַריין. און אַז מ'וויל זיך גוט אַ קנייטש טאָן דעם שטערן, קאָן מען זיך גאַנץ לייכט דערמאָנען, ווי אַזוי ר'שמואל וואָלף פלעגט, פאַרקויפנדיק תכריכים, מעסטן און אונטערמעסטן אויפן אַרשין, און האָט דעמאָלט געהאַט אין דר'ערד אַלע מתים. און ס'איז א סברה, אַז דאָס וואָס מ'האָט אין שטעטל גערעדט וועגן די „פּראַמאַיערס", וואָס כאַפּן מוידן צווישן די יאַטקעס באַנאַכט, איז ער אויך געווען פאַרמישט אין דעם. חדר אינגלעך האָבן זיך געשוואָרן דערויף. אלא ער האָט ניט געטראָגן קיין שניפּס, און ניט קיין קראַגן, איז ער דאָך דערפאַר ניט געווען אין אמעריקע, און ער האָט דאָך דערפאַר געהאַט אַ באָרד. אינעווייניק אָבער, זעט זיך אויס, איז ער יאָ געווען פאַרלאַמפּאַסעוועט מיט טויזנטער דינע פעדעמלעך, וואָס האָבן אים געקנופּט און געבונדן מיט זיין חלום, דער קדיש, מיסטער דזשעיקאָבס.

„דזשעיקאָבס עט קאָמפּאַני — ניו יאָרק"

גאָלדענע אותיות אויף אַן עמאַלירט שילדל, וואָס איז צוגענאָגלט צו א טיר אויפן דריטן שטאָק.

בעני, א לאַנדסמאַן, אַזוי ווי ער האָט געקאָנט דזשעיקאָבס'ן און די משפחה, איז ער אַרויפגעקומען בעטן אַ דזשאָב.

— בעני? אַ דזשאָב? אַהאַ! יאָ, יאָ, ער דערמאָנט זיך. ער גע־דענקט שוין דזשעיקאָבס. (דערביי האָט ער זיך פאַרשאַרצט די אַרבל.)

בעני האָט אַ טראַכט געטאָן: 'דאָס איז ער".

ער, דשעיקאָבס, אָנשטאָט צו ענטפערן, —— יאָ, אָדער ניין,

האָט ער זיך פאַרמאָסטן מיט א פילאָזאָפיע:

„בראשית און אָ קעי” האָט ער אונערוואַרטעט אָ שאָס געטאָן מיט צוויי ווערטער אין דער לופטן, צוויי ווערטער וואָס האָבן ניט קיין שום שייכות איינס צום אַנדערן. מיטן ערשטן האָט ער געוואָלט באַווייזן, אַז ער געדענקט נאָך, די אַלטע היים, יוראָפּ, א. ז. וו. דאָס צווייטע וואָרט, זעט זיך אויס, האָט זיך פון געוואוינהייט אַליין צוגעגליטשט.

נאָר איינמאָל אריין, איז געשאָסן. פלאָנטערן זיך אין יענעמס געגנוואָרט — ניט ער. פאַרקערט. ס'איז אָן אייגענע פילאָזאָפיע אַזאַ. וואָרים ער ווייס דאָך, אַז ס'זענען צוויי פרעמדע ווערטער וואָס שטייען מיט'ן רוקן צו רוקן, פונדעסטוועגן — — —

פונדעסטוועגן וואָס דזשעיקאָבס? אז קיין דזשאָב גיסטו דאָך ניט. גייסט אפשר מטהר זיין מתים? אָדער גייסט זיך אפשר גאָר ארונטערכאַפּן אין קעלער נאָך א כוסה?

וואָס אימיצן קאָן אַלץ איינפאַלן. דאָס טוט מען ניט אין אמע-קע. דאָ דאַרף מען ניט לויפן צווישן די יאַטקעס כאַפּן מוידן. דאָ טוט מען זיך אָן אָ קראַגן מיט אָ שניפּס, און מען שפּייט יענעם גלייך אין פּנים אריין.

— פונדעסטוועגן קאָן אוואָדע ניט שאַטן, האָט מיסטער דזשעי-קאָבס ניט אָפּגעלאָזט ווען בא דער שוועל פון בראשית לייגט זיך אוועק אָן אָקעי!

— אוואָדע קאָן ניט שאַטן, האָט ער זיך אַליין געזאָגט, און גע-ענטפערט, אָבער ווער זאָגט עס, אַז עס לייגט זיך אַזוי אָ אוועק?

דאָ האָט ער ענדלעך דערגרייכט ס'זייניקע און פאַר בעני'ן אָנ-געהויבן אויסרעכענען אָ לאַנגן צעטל מיט אייגענע אויפטואונגען, נסים ונפלאות וואָס זענען אין משך פון יאָרן פאַרלאָפן מיט אים, אַליין, מיטסער דזשעיקאָבס'ן, דאָ אין אַמעריקע.

יאָ, אָבער מיסטער דזשעיקאָבס, האָט בעני פּרובירט...

אַז דאָס לעבן זיינס מיט א ווייב און א קינד הענגט אויף דער שאַרף, דאָס האָט בעני ניט בדעה געהאַט צו זאָגן, אַז דאָס ווייב זיינס איז צוריק בא דער מאַמען, דאָס מעבל שטייט אין גאָס, און ער וואַל-גערט זיך אין פּאַרק, דאָס ווען ער אוואָדע ניט דערציילן, פאַרקערט, זיי זענען גאָט זיי דאַנק געזונט. נאָר גאַרנישט, א לאַנדסמאַן. ער איז פונקט אין דער געגנט, ער איז שוין לאַנג געווען נייגעריק

אויסצוגעפינען וואָס מיסטער דזשעיקאָבס מאַכט. ער האָט זיך אַזוי פיל גוטס אָנגעהערט. יאָ, אָבער אַזוי ווי מ׳האַלט שוין דערביי —

— איז אפשר, כ׳ווייס — — — אַ דזשאַב?

— א דזשאַב? מהיכה תיתא, ער מיסטער דזשעיקאָבס זעט ניט איין פאַרוואָס מען דאַרף זיך דאָס אַזוי פילן געטראָפן. שלעכטע צייטן. קינדער עסן, געוויס דאַרפן זיי עסן, אָבער פון פּרובירן, פּרעגן, האָט נאָך קיינעם ניט געשאַדט. ווי זאָגט דאָרטן א ווערטל — יגעתי מצאתי, אמת, אז גראָד איצט, איז ניטאָ קיין אַרבעט. וואָלט ער בעני געקומען כאָטש מיט א וואָך צוריק. נאָר גיי, אַז יענע האָבן דאָך אויך קינדער... אָבער אז ער איז שוין דאָ, איז וואָס דער געאייל? טאַקע יאָ, צו וואָס זיך איילן? אַוואַדע איז מיסטער דזשעיקאָבס אים צופרידן צו זען. אַזוי לאַנג זיך ניט געזען — — — — — —

נעבן שוי פענסטער פון אָפיס. מיטן קאָפּ אריינגעבויגן אין אַ ברוין פּאָלירט טשיל, איז געזעסן אַ יונג מיידל מיט האַלב אויסדעקאָלטירטע פּלייצעס — די בוכהאַלטערקע.

וועגן קיין זנות איז דאָ ניט קיין רייד. ער, מיסטער דזשעי־קאָבס האַלט, אז אין אייגענעם שאַפּ דאַרף א באַלעבאָס אַרומגיין מיט פאַרקנעפּלטע הויזן און וועסטל. פאַר דער טיר שאַרט ער אָפּ די קרישקעס פון די ליפּן, און אינעווייניק איז ער גרייט פאַר א תענית.

און די בוכהאַלטערקע, ווי היינט, ווי נעכטן, ווי מאָרגן — זי זיצט איבערן טישל מיט אַ פאַרשפּיצטן בליי אין די מאַנעקירטע לאַנגע, אויסגעטאָקטע פינגער, און פירט חשבון אויף ווייסן פּאַפּיר. א גאַנץ טאָג ציפערן. א מיידל, וועלכע איז אַריינגעג׳חשבונ׳ט געוואָרן אין די ביזנעס. דאָרטן אין טישל איז פאַראַן אַ האַלב רונדער שניט, דאָרטן פּאַסט זי זיך פינקטלעך אַריין, ווי די העלפט פון א שווייצער־קעז. מיידל, טיש, טעלעפאָן, אויסגעפּליקטע, גלייכגעווירעטע ברעמען, מיט אַ בליי אין האַנט — אַ פיגור אַזאַ, וואָס זעט און הערט כלומרשט גאָר־ניט...

ביידע לאַנדסלייט זענען געשטאַנען צום פענסטער און מיט די פּלייצעס צום שאַפּ. דאָ, דער אָפיס מיט די ריין אויסגעגלאַנצטע הילצערנע ווענט, מיט דעם שרייב־טיש, און די צוויי פּאָליצעס, אין וועלכע עס זענען געלעגן מוסטערן סחורה, האָט אויסגעקוקט ווי א

צירלעך מאַנירלעך, ניט וואָרימער און ניט קאַלטער קאָרידאָר. אזוי האָבן זיך, דאכט זיך, קינדער אויסגעמאָלן און דערציילט מעשיות וועגן פאָדער־הויז פון גיהנום: — „מ׳הערט ניט, און מ׳זעט ניט, און פלו־צים! — — — ״

דאָרטן, אינגאנצן מיט א פופצן פוס צוריק, דאָרטן אין שאַפּ, האָט געהאַלטן אין איין העמערן, ציק־צאַק, וורדר. לויפנדיקע ניי־מאַשי־נען. אזוי ווי מ׳וואָלט פון אונטער די הענט געריסן, ווי ס׳וואָלטן טויזנט מיטאַמאָל אין קראַמף געפּאַלן, נאָר איין זאַך: שער און אייזן האָט מען פון די הענט ניט ארויסגעלאָזט, איז וורר, זזוממ: נאָך א הויז, הויזן פאר דער וועלט.

ער, בעני, ווען מען גיט א צעעפן די טיר אין שאַפּ אריין, וואָלט ער זיך א הויב געטאָן און מיטגעשוואומען. ער וואָלט פאר פרייד גע־לאָפן איבער אלע גאַסן, ער וואָלט — — נאָר גיי, אַז „זיי האָבן דאָך אויך קינדער״.

ער האָט זיך מאָדנע דערפילט פון דעם, וואָס דאָס מיידל זיצט אַזוי אָ, היינטן רייסט מען פון די הענט, דאָ ציט דער לאַנדסמאַן פונם לאַנגן צעטל מעשיות, ער האָט א הויב געטאָן זיין ביכל פון אונטערן אָרעם, און איז גרייט געווען צו זאָגן, אַז היינט האָט ער מער ניט קיין צייט. ער דאַרף נאָך דערליידיקן א סאך זאַכן.

מיסטער דזשעיקאָבס האָט פאַרשטאַנען. אָבער גראד איצט בעת ער האָט א קוק געטאָן אויף בעני׳ס פאַרלוירנקייט, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן א באַגער צו דערציילן. ניט יעדן טאָג קומט א לאַנדס־מאַן, נאָך דערצו אַזאַ, וועלכער האָט שוין אין דערהיים געשפּילט פידל, זיך געלערנט, געלייענט, און אפילו איצט.

— וואָס פאַרא ביכל?

— אָט א ביכל.

— יאָ, מיסטער דזשעיקאָבס האַלט אויך דערפון, וואָרום והא־ראיה, ראיה והאָ, און זאָל בעני ניט מיינען אַז נאָר ציק־צאַק וורדר. ער, דזשעיקאָבס באזוכט די בעסערע טעאַטערן. ער קאָן אַפילו פער־זענלעך די אַקטיאָרן — הויז איינגייערס. זיין פרוי פלעגט אויך מאָלן. מילא איצט, מ׳קאָן דאָך ניט, אַז מ׳האָט כעיני הרע א הויז געזינט, זיי זאָלן זיין געזונט.

מיסטער דזשעיקאָבס איז זייער צופרידן געווען פון דעם וואָס די

צונג האָט זיך אים ניט געשטעלט דיבאָם, ווי אַ זאַך מאַכט זיך. פאַר גרויס נחת האָבן זיך זיינע פינגער אַרונטערגעגליטשט פונם קייטעלע, און זיך אויסגעזוכט אַ פּלאַץ באַ די אָרעמלעכער אונטערן וועסטל.

— אַוואַדע, אַוואַדע, האָט ער געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון זיינע אייגענע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען.

— אַוואַדע, מ׳דאַרף אַלץ איינער אַליין, וואָרים אין ביזנעס, און בכלל, — מ׳קאָן זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן.

אינדרויסן פאַרביי דעם פענסטער זענען ווי שטענדיק געגאַנגען טראַמווייען, — אויטאָמאָבילן אויפן געיעג. מענטשן פאָרן, פאַרפאָרן איינער דעם צווייטן דעם וועג, אַטשולדיקן זיך, לויפן ווייטער. רוי־טע טראַפיק־ליכט שטעלט אָפּ דעם שטראָם, און גרינע, לאָזט אים פריי. אין געדראַנג, אין געשפּאַן — פּיס און קעפּ. און צווישן זיי אַלע אַ בלינדער. בעני באַמערקט אים. פאַרוואָס האָט זיך בעני פונקט איינ־געגראָבן מיט די אויגן אין אים? פאַרוואָס, ווייס ער אַליין ניט. ס׳קאָן זיין, ווייל מיסטער דזשעיקאָבסנ׳ס מעשיות זענען ניט געווען איבריג אינטערעסאַנט, און ס׳קאָן זיין, אַז ער האָט שטייענדיק דאָ דערפילט דעם שיכות פון יענעמס קלאַפּן מיטן שטעקן אויפן ברוק, צו זיין גאַנצן געמיט. בעני האָט געטראַכט, אַז די ליכט סיגנאַלן זענען ניט אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אים, דעם בלינדן. ער שפּאַנט מיט צוויי ווייסע צעעפנטע אויגן־לעכער, פּוק־פּוק מיטן שטעקן אויפן אַס־פאַלט, א קול אָן אַן אָפּקלאַנג — שענקט א נדבה!

— און אָט, האָט ער ווידער אַ טראַכט געטאָן, דרייען זיך אַרום אינגאַנצן זעעוודיקע, און צום שוואַרצן יאָר, אויך דאָסזעלבע!

— —

מיסטער דזשעיקאָבס האָט שוין געהאַלטן ווער ווייס בא וועלכן נומער פון צעטל לעבנסלענגלעכע פאַסירונגען.

— אַז צו וואָס טאַקע זיך איילן? א לאַנדסמאַן, אַ שיפס־ברוד־דער, אַזוי לאַנג ניט געזען, זייער אינטערעסאַנט. דעמאָלט האָט ער דאָך געהאַלטן באַם סאַמע אָנהויב. ווער נאָך ווי איינער פון דערהיים קאָן וויסן. דאָ זיי צו דערציילן, גיי טענה זיך אויס. אמת, ער האָט א ווייב מיט קינדערלעך, זיי זאָלן לעבן, אָט וועגן דעם טאַקע וואָלט מען זיך געקאָנט אָנדערציילן, געדענקסט בעני?

— וואָס אייגטלעך זאָל ער געדענקן? אַז קיין שטאַרקע מגא

ומשא האָבן זיי דאָך קיינמאָל ניט געהאַט איינער מיטן אַנדערן. עפּעס פּלאָנטערט זיך באַ אים יאָ אין זכרון דער יונגערמאַנטשיק, ר׳שמואל וואָלפּ׳ס זון, וועלכער האָט אינדערהיים אין א געוויסן טאָג אַרומגעהאַקט די פּאות, און איז געבליבן שטיין אין א שניט קראָם. און דערנאָך? דערנאָך דאַכט זיך, האָט ער זיך אויסגעלערנט בוכ-האַלטעריע און אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דאָקטאָר הערצל׳ען און „דאָרט וואו די צעדער״.

אים בעני׳ן איז דעמאָלט אויסגעקומען, אַז דער יעניקער יאָנקל מעסט די נייע ווערטער אויפן אַרשין, ווייל יעדעס וואָרט באַ אים איז געווען אַרומגערייניקט, אָפּגעטאָקט, ווי כרעמזלעך אויף פּורים.

בעני איז צו יענער צייט, געווען א צײַן טעכניקער. ער האָט ליב געהאַט מוזיק, ביכלעך, נאָר בוכהאַלטעריע, אַרשין אַרבעט, האָט ער געהאַסט. אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז בוכהאַלטערן גיבן און נעמען אינטעליגענץ אויף קרעדיט. איז אויב יאָ שוין האַנדלען, פלגעט ער זיך אַמפּערן, טאָ פאַרוואָס טאַקע ניט בלייבן שטיין אין שניט-קראָם?

נאָר איצט שטייענדיק פּנים אל פּנים מיט מיסטער דזשעיקאָבסאָן, האָט אים אַביסל באַנג געטאָן, הלמאי ער, בעני, פלעגט ווייכן פון אים, כאָטש וואָס שייך יחוס קומען זיי פון זעלבן שטאַנד. יוגנטלעכער טעמפּעראַמענט! — האָט בעני געטראַכט. מסתמא האָט ער איבערטריבן.

געדענקסט?

ער געדענקט, יאָ. אויפן וועג, די שיף, צווישן הימל און וואַסער, פון איין שטאָט, דאָס ערשטע מאָל אויף וועלטס באַראָט. זיי זענען זיך, דאַכט זיך, נענטער געווען אויף אַ ווייל. אָבער אַזוי? אַזוי גאָרניט.

— —

בעני׳ס בליק האָט זיך ניט ווילנדיק פאַרטשעפּעט אַן דזשעי-קאָבסנ׳ס פּנים. אָט דאַכט זיך, דיזעלבע פאַרפּוצטע מאָרדעטשקע, ניט מער פון אויבן און אונטן איז זי אַביסל פאַרלייגט מיט פעטס. ס׳קומט אויס ווי אַ מעסער שניט, אַ מויל אַזאַ, איז געבליבן אין קלעם צווישן צוויי פולע באַקן, וואָס ציען זיך ביז אַרויף און פאַרלייגן די אויגן. פון ערשטן אָנבליק קומט אויס, אַז אַזאַ מין מויל נאָכן עסן שלאָפט עס איין, און פאַרטיק. גיט עס זיך ערשט א צענעם און —

בראשית און אַ קעי!

נאָר צוריקגעשמועסט, אפשר איז פאָרט פאַראַן עפּעס אין דעם וואָס דזשעיקאָבס זאָגט. וואָרים אָט איז, ער, בעני שוין באַלד, 13 יאָר אין דער נייער וועלט, אַמעריקע; געלערנט, פאַרליבט זיך, חתונה געהאַט, פלאַנירט, געוואָלט ווערן, ווערן און לסוף איז ער גע-בליבן שטיין מיט אַ ביכעלע אַדרעסן און פאַרצייכנטע טעלעפאָן נו-מערן. און אָט איז ער, דער לאַנדסמאַן זיינער, דער שיפס ברודער, אַ פאַבריקאַנט. יאָ, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, כ׳ווייס — — — אפשר א דזשאבּ?

— האַ־האַ־האַ — מיסטער דזשעיקאָב׳ס האָט זיך צעלאַכט אויפן גאַנצן האלדז. אַז צו וואָס זיך דאָס אנטשולדיקן? אדרבא ווען ער בעני טוט אַזוי אַלע יאָרן. נו, ווען כאָטש מיט זעקס טעג צוריק. נאָר גיי, אַז ס׳איז דאָך אויף יענע אויך רחמנות.

א רחמנות.

— דאָס אָפּיס מיידל האָט באַגראָבן א שמייכל אין אַ גרויסן בוך אריין. הו, הו, האָט זי זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן. א רחמנות, הו־האַ.

נאָר מיסטער דזשעקאָבס האָט גאָרניט ניט באַמערקט. שטענ־דיק אַזוי. אויפן וועג נאָך ס׳זייניקע, זעט ער קיינעם ניט. ער האָט געערעדט און דערציילט ווי אַזוי מ׳רעספּעקטירט אים און כאָטש ער פילט אַז עס פעלט אים אַ סך צו דעם, וואָס מען רופט קולטור, ווייס אָבער קיינער ניט וועגן דעם, חוץ אים אַליין. דאָס איז זיין סוד. ער, פאַרקערט, ווען ס׳קומט אַריינצוקוקען אין די ביכער, צייגט ער זיי, זיינע שותפים, אַז כאָטש די לעצטע זענען אַמעריקאַנער געבוירענע, פונדעסטוועגן איז דאָס ער, מיסטער דזשעיקאָבס, וועלכער איז אָ-קעי!

אָ-קעי. בעני האָט זיך דערמאָנט אַז דאָס וואָרט האָט ער צום ערשטן מאָל דערהערט אויף דער שיף אָהער. יעדער פּאַסאַזשיר האָט דעמאָלט מיט זיך מיטגעפירט וואַליזקעס זכרונות. יעדער האָט גע-דענקט, אַז זיין פּעקל איז שווערער פון אַנדערנס. אין דער קאַיוטע, אונטער פאַרמאַכטע רונדע פענסטערלעך, האָבן זיך מענטשן געטער־ליעט צו זיך און געוואָרימט. ער, איינער, דער דעמאָלטיקער „יאַנקל דאָרט ווי די צעדער״, ער איז ארומגעפלויגן מיט אָפענע פּאָלעס און אויפגעשאַרצטע אַרבל — א באַפרייטער. די שיף האָט זיך גע־

האַלטן אין איין הוידלען, און דער גלאָק האָט כסדר גערופן — עסן. פאַר׳חלומ׳טע, אויסגעמוטשעטע, פאַרבענקטע אויפן דעק , ווער מען איז עס געלעגן אין זינען? קיינער האָט זיך ניט געדירט, אַ חוץ אים יאַנקלע׳ן.

— אָ־קעי! האָט אים דער קאַפּיטאַן אַ זעץ געטאָן איבערן קאַרק.

ביידע, יאַנקל און בעני, האָבן געדענקט, אַז עס מיינט — עסן. א סימן, ווען זיי זענען אַרונטער פון דער שיף און אַן אַנקל איז צו צו יאַנקלען מיטן זעלבן וואָרט, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט ערשט געגעסן.

— אוהום, האָט בעני א טראַכט געטאָן, דאָ שטייענדיק פּנים אל פּנים מיט דזשעיקאָבס׳ן: גערעכט. באַ זיין שוועל פון בראשית האָט זיך אָוועקגעלייגט אַן אָ־קעי!

— —

— —

דאָס שוי־פענסטער, נעבן וועלכן ביידע לאַנדסלייט זענען יענעם פאַרנאַכט געשטאַנען, איז געוואָרן טונקל פאַרבלויט, אַ יאַרמולקע פון אַ שטיק ניו־יאָרקער הימל דורכגעוועבט מיט פאַררויכערטע זילבערנע פעדים האָט זיך געהאַלטן אין זעצן איבער מיסטער דזשעיקאָבסנ׳ס הויזן פאַבריק — הערא‏לד סקווער.

דאָס אָפּיס מיידל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, א קוק געטאָן אויף איר האַנט־זייגערל, און עפּעס אַ מורמל געטאָן. בעני האָט דאַכט זיך אויך עפּעס געזאָגט. מיסטער דזשעיקאָבס מיט אַ ברייט צעגאָסענעם שמייכל אויפן פּנים, אַ צופרידענער, ווי אַ מענטש, וועלכער פאַרענדיקט א גוטן מאָכל, האָט לאַנגזאַם צוריק אַראָפּגעוויקלט די אַרבל, זיך פאַרקנעפּלט די מאַנזשעטן, און גלייכצייטיק ביידן געענטפערט — אָ־קעי!

— פונדעסטוועגן כאַפּ זיך אַמאָל אַרויף, האָט ער צוגעוואָרפן עטלעכע ווערטער אויף בעני׳ס חשבון, כאַפּ זיך ארויף און פאַרגעס ניט דעם אַדרעס!

אויף יענער זייט טיר האָט זיך בעני דערפילט גרוי, דערשלאָגן און מיד. זיינע שווערע, וואַקלדיקע טריט האָבן זיך געוויגט איבער די שטיגן אַראָפּ. טריט, וואָס האָבן געוויינט, און געשפּיגן.

ג י ט ל

סוף וואָך איז גיטל ארויס פון הויכן פיבער. זי האָט צעעפנט די אויגן און באוואונדערט דעם ארום מיט נייגיר. זי האָט זיך א צאפּל געטאָן ווי א קינד וואָס איז ניט דערשלאָפן. צומאָרגנס איז זי געלעגן איינגאנצן רואיק. די זון האָט זיך א שפּיל געטאָן אין שאָטן... די זון האָט פאַרשפּילט — — — — — —

צוויי אָפענע קאַרשן-אויגן איינגעפאסט אין פייכטן אָליוו-קאָליר, זענען פלוצים געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך — טויט. דאָס איז געווען אין סאַמע אָנהויב פון טאָג.

ארום זענען געשטאַנען מענטשן מיט געבויגענע קעפּ — א שוואַרצער פלויט איינמיטן שטוב; די מחיצה צווישן לעבן און טויט.

דורכן פאַרשטויבטן פענצטער האָט זיך געריסן א ווייסער פּאַס ליכט צום געל-ווערנדיקן גוף — ערשטע לילי‌ען-בלעטער אויפן זאַמד... די ארומיקע האָבן אָפּגעזיפצט:—„אַט ערשט, און שוין אויס—גיטל".

— —

צוויי יונגען האָבן זיך געקאָרטשעט אויפן געלעגער א גאנצע נאַכט. פאַרטאָג האָט איינער דעם אַנדערן א שטורכע געטאָן:

— וואָס לאָזטו ניט שלאָפן?

— וואָס צום שוואַרצן יאָר, לאָזטו ניט שלאָפן?

אינדרויסן האָט געדריבלט א דינער אָסיען-רעגן. דער הימל האָט אויסגעקוקט וואָסערדיג-גרוי. פאַרויכערטע שטיקער וואָלקנס האָבן זיך איינער אין אַנדערן אריינגעקנוילט. דער טאָג איז אויפגעגאַנגען א ברודיק-צעקנאָדערטער, ענדלעך אויפן אויסזען פון מענטשן וואָס ליגן איבער אויף דרויסנדיקע שוועלן גאנצע נעכט.

אינעווייניק אין הויז וואו די צוויי האָבן זיך געוואָרפן אין אומרואיקן שלאָף, האָבן געוואוינט נאָך א סך אַנדערע. דאָס איז געווען א פּלאַץ אין א רעזאַרט-שטעטל, וואו האָטעל-ארבעטער נעכטיקן איבער, זוכנדיק א דזשאַב.

אונטער געגומערירטע טירן שטייען רענצלעך, פינף־זעקס אין א צימער. גיט מען א קלאפ אן אין א נומער, רירט זיך א רענצל; צונויפגעפאקט דאס העמד מיטן שניפס — גרייט. בלייבן די אי־בעריקע ארבעטער זיצן אין די בעטן מיט קנאה און באדויער אויף די ליפן: — „געקראגן ארבעט, אריין אין יוניפארם, און באגראבן אויף עטלעכע חדשים".

— —

אינדרויסן האט זיך דער רעגן שטארקער צעפליוכעט. אזעלכע טעג צעלייגן זיך פויל איבער די בעטן, און ציען זיך ביז אין שפעטער שעה אריין. אז קיין דזשאב וועט מען סיי ווי ניט קריגן, איז כאטש שלאפן און פארשלאפן, און פארשפארן אן אנבייסן צו שלינ־גען.

נאר יענע נאכט איז דאס הויז געווען וואך. דורך די ווענט האט מען געהערט ווי ס'וויגט זיך אין אומרו א גאנצע געביידע. ביז שפעט האט זיך געראיעט. דערנאך איז שטילער געווארן אויף עטלעכע שעה, און פארטאג האט מען זיי שוין געזען מיט די אנטעכלעך אויף די ארעמס, גרייט זיך ארומצוואשן, זענען זיי געשטאנען, הארט־שטום, ווי אלץ וואס איז געווען צו זאגן, האט מען שוין געזאגט. דאס איז עס. היינט איז גיטלס לויה.

מיטן אנטעכל אויפן ארעם, האט יעדער געווארט אין דער ריי.

„שטענדיק דאסזעלבע!" — האט איינער א ווארטשע געטאן.
קיינער האט ניט געפרעגט — וואס.
דער פרימארגן האט זיך געשטעלט א פארכמארעטער, אן אנגע־ברוגז'טער, ווי א באליידיקט קינד...

אין דער ריי. עס זענען דא געשטאנען ארום צען איינסלעך. ס'האט אויסגעקוקט ווי זיי שטייען שוין דא א לעבן לאנג אזוי...

איינער האט א ברום געטאן, און איז לאנגזאם, מיט שווערע טריט, צו צום וואש־טאפ. פון אונטן האט ער אויסגעזען ווי די אי־בעריקע 9 — נאך אזא אין דער ריי, מיט א פאר שלייקעס אויף א שמאלער טאליע; א נעט אונטערגעשוירענער, מיט א פאר אויסגע־

פרעסטע הויזן אויף צוויי פלאַכע פיס, פון וועלכע, יעדער פוס גייט רעכטס...

ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס שטיקל זייף אין דער האַנט אַריין, אַרונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטערן קראַן, און צוזאַמען מיט די ערשטע טראָפּנס וואַסער, אַ שפּיי געטאָן עטלעכע ווערטער אין וואַש־טאָפּ אַריין:

— „שטענדיק דאָסזעלבע! מוזט גלאַנצן בא דער אַרבעט; דאַרפסט תמיד געפּעלן ווערן... מוזט דיר כסדר אויסגלייכן דאָס קראַ־וואַטל, ביז — — — ״

דאָס וואַסער האָט זיך געגאָסן איבער זיין האַלדז, איבער די אויערן, איבער די האָר. פרישע, קאַלטע מולינעס אויף אַ מאָרדע, וואָס האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז —

— וואַשסט זיך אַזוי לאַנג ביז דו ווערסט מאַט, און עס גליטשט זיך דיר דאָס האַנטעכל פון אָרעם. ווילסט עס דעמאָלט דערכאַפּן, און ־אַלסט אַליין מיט — צום שוואַרצן יאָר! — — — גיטל.

אין געברום, אויף שטום־לשון, מיטן שאַר פון אָרבל. די לופט איז ענגער געוואָרן. דאָס געמיט האָט אַ ברען געטאָן ביז צו די פּיאַ־טעס, און דאָס שווייגן, ווי אַ פולער קנאָספּ, האָט אויפגעפּלאַצט.

— ווער געדענקט ניט גיטלען?

— יעדער.

אָט דאָ אויפן ראָג איז זי געשטאַנען איינגענורעט אין בלויען מאַנטל, און געטיילט ליפלעטס.

— נעמט, פלעגט זי זאָגן, נעמט און קומט אַרויף צום מיטינג.

גיטל אין אַ מאַנטל, וואָס זומער נעמט מען פון אים אַרונטער דעם פוטערנעם קאָלנער מיט די מאַנזשעטן, און ער קוקט אויס שפּאָגל־ניי. אַזאַ מין בגד, וואָס פעדימט אַביסל צו. און אינעווייניק, ווען מ׳נייט נאָך אַריין אַ פעלצל פאַרן ווינטער, אַי, ווען מ׳נייט אַריין... אין אַזאַ מין מאַנטל האָט זי זיך זייט יאָרן איינגעעקשנ׳ט אויפן ראָג, און — „נעמט אַ ליפלעט!״

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען די קליידער־אינדוסטריע האָט זי אויסגעשפּיגן, האָט זי זיך איבערגעוואָרפן אַהער. געטראַכט האָט

זי, אז סוף-כל-סוף מוז זי זיך דאָך אביסל אָפּרוען. איז געקומען דער רוף פאַר א יוניאָן אין דעם נייעם פאַך, האָט זי זיך די ערשטע גע-שטעלט מיט אַ פּלאַקאַט אויפן ראַג...

די היגע, די אמעריקאַנער געבוירענע אַרבעטער האָבן דעמאָלט געלאַכט פון איר אויסלענדישן אַקצענט, פון איר „שטרויענער העל-דישקייט״.

זיי האָבן געלאַכט און צוגלייך זיך פאַרשעמט פאַר איר בלויען מאַנטל און אירע, גרויסע, ווייכע אויגן.

— אָט, ווי דער טאַנצנדיקער בחור מיט די צוויי אויפגעשרויפּטע וואָנצעס, און מיטן פולן מויל געטאָקטע רייד, האָט דאָס אביסל גע-חוזק'ט. אָבער אז דער סטרייק איז אויסגעבראָכן אין א פּראָסטיקן ניי-יאָר און די פּיקעטס האָבן געגומען פרירן אויפן טראָטואַר, האָט דערזעלבער יונגערמאַן איינגעשפּאַנט זיין „פאָרדל״ און פון האָטעל צו האָטעל יעדן סטרייקער א טעפּל וואַרימעס אונטערגעטראָגן.

— „קאָמאַן, האָט ער געזאָגט, קאָמאַן גיטל, העוו עי קאָפּ אָף קאָפי״.

ביידע האָבן געטרונקען, און געלאַכט אין ווייסן פּראָסט אַריין.

און אָט: — „אויס!״

א בלום איינגעראָמט אין שוואַרצן, ווי א זאַנג אין פאַרנאַכטיקן נעוויטער.

א פלאַקאַט אַזאַ מיט גרויסע אותיות האָט ארונטערגעשריען פון די מויערן אין דער גאַס.

— „אויס! היינט איז גיטלס לויה.״

— —

א פולער הימל רעגן. פון די זייטיקע וועגן האָבן געשטראָמט ארבעטער. יעדער איינגעהילט אין זיין אויבער-ראָק, האָט פאַרביי-גייענדיק די מאַרג-שטוב באַמערקט ווי שווערע טראָפּנס וואַשן דעם שוואַרץ-איינגעראָמטן לעצטן רוף.

מיט געבויגענע קעפּ נעבן ארון, האָט מען זיך אָנגעהויבן דער-טראַכטן צו דער לעצטער טרייסט: — „אזוי, אזוי, און ווער מ'שטיינס געזאָגט, וואָלט יאָ אויסגעהאַלטן פּראָבע ווען מ'צעקנעפּלט אים דאָס געמיט.״

דאָך האָט קיינער ניט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אז זי,

גיטל, וואָס האָט ערשט אויסגעפּרעסט אַ פאַרטעכל און זיך געפּרייט מיטן נייעם דזשאַב, אַז זי, וואָס אָט זעט מען זי בא אַ מיטינג, אַ דע-מאָנסטראַציע, אַז צו עטלעכע און צוואַנציק איז זי שוין אויס. — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען מ׳האָט דעם טויטן-קאַסטן אַ הויב געטאָן אין דער לופטן, און העגט האָבן זיך גענומען שפּאַרן פאָרויס, האָט איינער פון די אַרבע-טער, וועלכער האָט זיך אין יענער נאַכט געקאָרטשעט אין אומרואיקן שלאָף, אַזוי געזאָגט:

— גיטל, אַלס קינד, ביסטו פון אונטער פּעטלורעס הענט גע-לאָפן, ביסט דער נייער וועלט מיט זוניקע אויגן, און אַן אָפּן האַרץ אַנטקעגנגעגאַנגען.

— און איצט, שלאָפסטו אַריין אין פולן טאָג.

אַ קראַנץ פון הענט האָבן זיך אַ הויב געטאָן איבער הונדערטער קעפּ אין אַ רעגנדיקן טאָג.

— מיר שווערן! — —

ניי־יאָר

זיבעצן שעה פאַרענדיקט. מע דאַרף נאָך אַרבעטן פיר. ס׳איז ערב יום־טוב. מ׳מוז דעריאָגן. דערלויפן. מ׳טאָר ניט פאַרשלאָפן. דעם גאַנצן טאָג געאַרבעט. געשניטן פרוכטן. געקינצלט, ס׳מוז אויסקוקן. שיין.

דער עס-צימער: טישן צעשטעלט. בענקלעך. שלעפּ אַרויף, אַרויף. דעק די טישן. לייג די טעלער-גאָפּל, מעסער. באַציר. שטעל אַרויף, שטעל אַרויף! ווער ניט מיד. שנעל! אין אָר-דענונג.

אינמיטן באַדין: געסט דאַרפן ניט ליידן. האַרך; אפשר וויל מען, וואָס וויל מען? באַדין.

זיבעצן שטונדן מיט איין צי. איין האַלבע שטונדע פריי. צייט פאַר אַרונטערוואַרפן פאַרשוויצטע זאָקן, אָפּראַזירן זיך, אומבייטן די אוניפאָרמס און צוריק אין געשפּאַן.

ס׳איז פופצן צו צוועלף. נאַכט.

עס שטייען 33 קעלנערס און קעלנערקעס אין דער ריי. מיט גלימערנדע טאַצן האַרט צום קיך־טיש, כאַפּן זיי שטייענדיק אַ דרימל. זיי וואַרטן אויפן סיגנאַל פון אויבערקעלנער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף יענער זייט טיר איז דער ריזיקער עס-צימער. דאָרטן איז שוין יום־טוב געגרייט.

פון אַלע טישן איינער, — אין דער פאָרם פון א „ח״. אויף ווייסע טישטעכער, צווישן גאָפּל־מעסער, ליגן אויף טעלער פאַרשיידע־נע פרוכטן. באַם זייט פיש. צווישן פרוכט און פיש — אַ פריש גע-באַקענע בולקע פאַר יעדן.

יעדער טעלער אין גרינס איינגעפורעמט. אינמיטן, אַלע מינים סאַלאַטן, צוקערוואַרג, סעלערי, ניס און וויין.

שטײען גלעזער — יעדן גאַסט אַ גלאָז. די קעלנערקעס האָבן מיט מידע פינגער אויסגעבלימלט סערװעטקעס. פאַר יעדן גלאָז אַ סערװעטקע. דער גאַנצער זאַל אַ בלום — אײגענע אַרבעט.

צװײ דאָלער אַ טאָג. עקסטרע הויכער פּרײז. 15 שטונדן אינם טאָג. הײנט איז יום־טוב. אײן און צװאַנציק שטונדן! נײן טעג עקסטרע — 18 דאָלער און „טיפּס”.

ס׳קעדן קעלנער: שלעכטע צײטן. באַלעבאַטים נעמען ניט װײניקער געלט. נאָר „טיפּס” גיט מען ניט, צום שװאַרצן יאָר, מ׳גיט ניט. (פונדעסטװעגן, אפשר װעט מען הײנט באַנאַכט אַ קלײב טאָן מיט דער פולער זשמעניע, — טראַכט יעדער אין דער שטיל).

— —

דער זאַל איז גרויס. פון אַלע זײטן טירן. יעדע טיר באַגרינט, דעקאָרירט. בײמער. אינמיטן שטוב אַ גאָרטן.

דער הויפּט אַרײנגאַנג — אַן אַלײע. קעגנאיבער אַ באַגריסונג צום נײעם יאָר. אַ ליכטיקע באַקראַנצטע אויפשריפט: „1931 — אַ ליכטיק יאָר קומט”.

דורך אַלײען צו דער „ח׳ מאַרשירן בײכער. פּיס. לאַקירטע. זײדענע װעסטן. קײטן איבער בײכער. צילינדערס.

אַלעס װאַרפט זיך אין די אויגן, נאָר ניט קאָפּ.

ס׳גײען יונגען, לוסט־פײגל. עס שפּילט תאוה אין באַװעגונג. באַנקירן, גענעראַלן. אַלקאָהאָל מיט מעדאַלן אין דער לופט.

װײבער — זײער דרײסטקײט זאָגט, אַז ס׳איז ניט קײן נײעס יום־טוב. יום־טוב איז אַן אויסרײד. יעדער אויסרײד אַ ליגן. ניטאָ קײן פרײד. מ׳קומט רײצן צעפוילטקײט, קערפּער ביז צום בײן.

אַלעס װאַרפט זיך אין די אויגן, נאָר ניט קאָפּ.

ס׳לאָזן זיך באַמערקן מײדלעך מיט שרײענדיקער נאַקעטקײט, פּראָפעסיאָנאַליסטקעס, אײנגעשטעלט דעם לעצטן ביסן, און געקער־מען אויסנוצן דעם סעזאָן. (אָפּטמאָל פון אַלקאָהאָל פאַרטרונקען, בלײבן זײ ליגן אַן איבעריקע נאַכט. אַ נאַכט אין האָטעל פאַרשלינגט זיבן הײמישע מיטאָגן...)

— —

דער זאַל איז פול.

ס׳רוישט דער המון. פּוסטער הילצערנער געליאַרם. מיט פּאַ־

פירענע היטלען, מיט טרובעס, און גראגערס אין די הענט, ווארטן זיי אויף צוועלף.

דאָ אין קיך וואַרט מען אויך אויף צוועלף. נאָר דאָ וואַרט מען אין דער שטיל; מיט מידן איינגעהאַלטענעם געדולד. קאַלט, רואיק, ס׳אַרט ניט דער יום טוב. ס׳איז אַ קללה יום טוב.

שטייען זיי 33, אָנגעשפּאַרט מיט גאַמבע אויף טאַצן, וואַרטן און ציילן: „שוין אַוועק 5 — נאָך 10 מינוט. באַלד וועט זיך אָנ-פאַנגען דער געפילדער. באַלד וועט מען טראַמפּלען מיט שווערע משאות איבער גליטשיקן זאַל. דאַרטן וועט מען טאַנצן, וועט מען זיך דאַרפן דורכשלאָגן דעם וועג. מענטשן וועלן רייסן גליענדיקע טעלער פון האַנט. — גיב מיר! דערלאַנג! — ווילדע חיות״...

דער גערויש דאַרטן ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער. מ׳רייסט זיך אויפן גאַנצן פּאַס. די גאַנצע געביידע ציטערט. עס דערגייט ביזן קיך. און דאָ די קיך זשומעט דורך פאַרפּרעסטע ציינער.

ס׳איז גערויש פון אַרבעט, ניטאָ קיין צייט צו ריידן. יעדער אויף זיין פּלאַץ. אײנגאַנצן עטלעכע מינוט. דער אויוון גליט. מ׳דאַרף דערבאַקן, דערקאָכן. נאָך אַ לעק — דער טעם. די הויפּטזאַך איז דער טעם. ס׳גיסט זיך בראָטן-יויך אף בראַנזענע קאַטשקעס — שמאַלץ. די לופט איז פּעטע פּאַרע. עס איז הייס. פינף קוכאַרעס אין שוויס, שטייען גרייט — באַלד!...

די געשיר וואַשער פּאַרציען גומענע פאַרטעכער, און גרייטן זיך ווי צו אַ פייער. איינער גיסט וואַסער, אַ צווייטער רודערט אויף דעם אויוון, און אַ דריטער מאַכט פּלאַץ פאַר טעלער. עס טרייבט פּראַצע. ס׳וואַלט זיך נאָך וועלן אויסשלאָגן עטלעכע מינוט פאַר אָפּרו. אויב ס׳וועט בלייבן א ביסל פרייע צייט, וועלן זיי נאָך קאָנען פאַרדרייען אַ לעצט סיגאַרעטל ביז פאַרטאָגס.

רואיקער פון אַלע זענען איצט די קעלנערס. מיד פון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן, שטייען זיי איצט אין דער ריי, און וואַרטן אויפן לעצטן שאָס...

ס׳ברעכט דער רוקן, אָבער מ׳מוז אויסהאַלטן. אַזוי ווייט דער־גאַנגען, טאָר מען איצט ניט פּאַלן, און כאָטש מ׳רעדט ניט, טראַכט

דאָך יעדער איינער דאָסזעלבע, דרוק פון אַרבעט שמידט געדאַנק. ניט נויטיק צו רעדן אין דער הויך. יעדער ווייס.

מאַכט פון אייזערנער האַנט רעגירט. שטייט מען געצוימט, איז די לאַגע אַ געמיינשאַפטלעכע. בינדט מען זיך נאָך פעסטער צונויף. ברידער אין נויט, יעדער טראַכט אַלעמענס געדאַנק — אַלע ווי איינער.

די קיך שליסט שטומערהייט שלום.

וואָס נענטער צו צוועלף, אַלץ לויזער, פרייער די לופט. ס׳טור־ליעט זיך איינער צום צווייטן מיט צוזאָג פון אייניגקייט, סאָלידאַרי־טעט. זאָל איצט קומען א פרעמדער טשעפּן, ברעכט ער קאָפּ און נאַקן.

יעדער פאַרשטייט: מ׳רייסט זיך אַרום, ווייל ס׳איז באַסישער געיעג. זיי גיבן ניט קיין צייט צו טראַכטן, דאַרף מען טראַכטן אין דער שנעל. ס׳איז שקלאַפּישער סיסטעם פון אַרבעט. שילטן העלפט ניט. דאַרף מען זיך אָנשליסן — איינשליסן אין דער ריי. הייגט בא זיי, מאָרגן אין אונזער אייגענער ריי. ענגער! שנעלער ברידער!

דער זייגער קלינגט צוועלף. — אַלע טירן אָפן.

דער רעש אין זאַל ווערט שטאַרקער. ס׳דערגייט ביזן קלימאַקס. גאַנצע פלאַשן אין גאָרגל אַריין. מ׳טרעט אויף צילינדערס, און שפייט זיך אין פנים. פאַרלוירן די עטיקעט. דער אמת׳ער פרצוף אויף דער פלאַך.

מ׳רייסט ווייבער בא די ליטקעס, און מ׳גיסט בראַנדוויין אין מויל אַריין. פאַרגעסן געטאָקטע שפּראַך. מ׳רעדט אינגאַנצן ניט. דער זאַל רעוועט, אַ שלאַכט־הויז. דזשעז אין רומל. „סאָשל דירעק־טאָרס״ פּאַיאַצעווען — ווערן פאַרשריגן. העלזער אויף העלזער אין אָרעמס געפלאָכטן, ציען ניכטערע בא פרייגט „מעזומען״ פון דער קעשענע.

ס׳איז פריינדשאַפט, חבר׳שאַפט ביז צום הימל. ס׳קושן זיך אַלע, מ׳קושט ביז צום ברעכן.

באַ דער זייט שטייען די האָטעל באַלעבאַטים, קאָלעגן פונם קלאַס, און ציילן די קעפּ...

אינמיטן גייען די קעלנער.

אויף מידע אָרעמס, 12 באַנאַכט טראָגן זיי געלאָדענע טאַצן מיט עסן. הייגט טראָגן זיי אַרויס 13 מאכלים — 4 מאָל פלייש, אויפן טיש שטייען צוויי — צוזאַמען 15, אויסער געטראַנקען.

ס׳וואַלגערן זיך עסנס אונטערן טיש. מ׳וואַרפט טויבן אין דער לופטן.

ס׳איז סוף 1930, דאָס יאָר פון ברעדלײַנס אין אַמעריקע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז דער זייגער צוויי. די אַרבעטער עסן די ברעקלעך.

אין זאַל איז אַ חורבה. מ׳דאַרף אַלס צעשטעלן, אויסרייניגן, גאַפל מעסער צעוואַשן און די טישן צו אָנבייסן גרייטן.

אַ זייגער פיר ווערן זיי פאַרטיק. היינט האָבן זיי געאַרבעט אַלע ווי איינער. „טיפּס" ניט געמאַכט, די געסט זענען געווען שיכור. אַי — זיי זענען שטענדיק שיכור...

אין דער לופט טראָגט זיך מידער געדאַנק. נאָכקלאַנג פון א שלאַכט... זיי גייען שלאָפן. אין צוויי שעה דאַרפן זיי צוריק זיין בא דער אַרבעט.

הינטערן פראָנט

דער אָבאָז האָט געהאַלטן אין איין גיין. וואָכן אַזוי. דייטשן און עסטרייכער האָבן מאַרשירט. גרויע מונדירן, שטאָלענע העל-מען, מאַפּעס אויף בריסטן, מוזיק און פּולעמיאָטן. גאַנצע טעג — טררראַבאַם, טררראַבאַם. זעלנער און פערד.

דאָס רוסיש-פּוילישע שטעטל איז מיטאמאָל אָנגעצויגן געוואָרן ווי א פּויק. זיבעטהאַלבן געסלעך זענען אינמיטן געניצן געבליבן שטיין פאַרגאַפּט.

— אָט אָ דאָס איז עס?

טררראַבאַם! טראַבאַם! זעלנער און פערד טרעטן איבער גאַסן. פאַרשוויצטע קופּערנע פּנים׳ער מיט די גריוועס ארויס, מיט אויפגעריסענע אויגן, לויפן דער לעצטער שעה פון האַרבסט אַנטקעגן.

לענג אויס דעם שטעטל שלענגלט זיך די וואַרטע,* דער חלום פון יאָר-הונדערטער, וואָס ציט זיך מיט בענקשאַפט דורך רויען ברוק פון קישן צו קישן, פון טאַטע צו קינד. . . אינמיטן שטייט דער מאַרק. אָף אָ בינטל צימערינג, אָ לויט הייוון, א קווערטל נאַפּט — דרעמלען די געוועלבער.

ס׳האָט זיך דער האַרבסט דאָסמאָל גענומען פרי איינשטעלן. דער טייך איז געוואָרן אומרואיק פון פרעמדע טריט, וואָס טראָגן זיך האַס-טיק פאַרביי. די סאָסנעס פון די ארומיקע וועלדער האָבן אָנגעהויבן אויפגיין מיטן ריח פון אָפענע וואונדן, בלעכענע אוניפאָרמען און פאַר-רויכערטע יושקע.

טעג.

מענטשן אף בוידעמס. פון אונטער הילצערנע ריגלען אַפּיר האָבן דערשראָקענע בליקן געמאָסטן דעם בראַך פון דער ערד.

טעג. טעג. — דער קאָפּ האָט גענומען ווערן אָ ספּרוזשינע.

---

* נאָמען פון א טייך אין פוילן.

אַ טיק-טאַק קייקעלע, וואָס אָט וועט עס זיך אַליין נעמען רעדלען אי-בער גאַסן. מ׳האָט אפילו אָנגעהויבן צו כאַפּן אַ דרימל שטייענדי-קערהייט, און מיטאַמאָל, ווי די ערד וואָלט געפּלאַצט, איז זעלנערי-שער גוואַלט אַרויס אַף די ציינער:

— עסן! עסן! ! גיט עסן! פאַרקויפט! עפּנט די טירן, בעסטיעס, אַז ניט —

— טרראַבאַם! טרראַבאַם!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— עסן?

פון אונטער לאַדנס האָט מען דורך שפּעלטעלעך אָנגעהויבן אַרויסצושיקן די נעזער, אַ ברעם, אַן אויג, אַ פּוס, ביז מ׳האָט גענומען דערקאָנען, אַז — „ווײ איז מיר, ס׳זענען דאָך אויכעט מענטשן!״

אידישע טאַטע-מאַמע האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די לעצטע פּאָר הערינג, זיי צעשניטן אַף זעקס חלקים, און זיך אַרויסגעלאָזט אַ פּרו-ביר טאָן:

— אַ שאַכטל שוועבעלעך, צינדהעלצלעך, אַ ביסל טייערער ליאַק, אַ שטיקל רויגן פון ברעטל אַרונטער, טיי מיט קוכן, מיט פרי-שע טשאַסטעס, מיט באַנבאָנעס, מיט — — קויפט, טייערע הערן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איציקל, עוזר מלמד׳ס זון איז דעמאָלט אַלט געווען צען יאָר. אַ אינגל אין אַ לאַנגער זשופּיצע מיט די ציצית-כנפות אַרויס און מיט די הענט פאַרלייגט אפן הינטן — שוין לאַנג ווי ער האָט געלעכצט נאָכן נאָקעטן דרויסן. ניט איינמאָל זיצנדיק געבויגן איבער דער גמרא, האָבן זיך אים פון די אותיות אויסגעשיילט הייזער מיט גאַסן, מיט סעדער, מיט גאָלדענע לאַמטערנעס, מיט באַרוויסע פּיס — מאַ-מע! נאָר דאָס היטל האָט ער שטענדיק פעסט צוגעהאַלטן צום קאָפּ: „אַ איד, דאָס מוז מען תמיד געדענקען, אַז מ׳איז.״

און איצט, אַז די זעלנער האָבן אָנגעהויבן פאַרבייצומאַרשירן, זענען שוין עטלעכע טעג פאַרביי ווי ער שטייט אין גאַס און פאַרגעסט גאָר, אַז ס׳האָט זיך געבענקט נאָך עפּעס אַנדערש. . . אַלע אינגלעך שטייען און טיילן שטיקלעך ברויט די הונגעריקע סאָלדאַטן, וואָס האָבן

זיך ניט קיין צייט אָפּצושטעלן, שטייט ער אויך און טיילט דעם לעצטן ביסן פון אונטערן כאַלאַטל אָפּיר.

— איציקל, וואָס וועט ווערן!?

טאַטע-מאַמע זענען שוין הייזעריק געוואָרן שרייענדיק. אָבער וואָס וויל מען פון אים? ס'איז דען זיין שולד, אַז די וועלט האָט באַשלאָסן אָנצוגיין מיט אַבאַז? און ווי קאָן מען דאָס אינעווייניק איינזיצן, ווען די גאָס ליגט מיט די בעבעכעס אַרויס און קייכט אָפּן קול?

— יאָ, ווי קען מען טאָקע?

טאַטע-מאַמע בלייבן שטיין געפּלעפט און שאָקלען טרויעריק צו מיט די אַראָפּהענגענדיקע קעפּ:

באַנבאַנעס איז איבער נאַכט געוואָרן א מסחר און איציקל, עוזר מלמד'ס זון, — א תכיף, א נייעס-טרעגער.

און די לעצטע נייעס, וואָס ער האָט געבראַכט פון פראָנט, איז געווען, אַז דער אַבאַז האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער דער שטאָט אַף אַ וואָך צייט. מען האָט אויפגעשטעלט ביידלעך, צעטורעמט בינטן ביקסן מיט די שפּיצן אַרויף, געגומען אויסלייגן די גראַנירטע סאָלדאַטן און קאָכן טרפה'נע מאכלים.

— יאָ, יאָ, ער זאָל אַזוי לעבן, איציקל, ווי דאָס האָט ער אַליין געזען. און ניט בלויז דאָס, נאָר ער ווייס נאָך א זאך: ער ווייס, אַז מ'וועט אין יעדער שטוב איינקוואַרטירן צו צוויי סאָלדאַטן. יאָ, יאָ, מ'האָט שוין צעקלעפּט פּאַפּירן איבער אַלע פּלויטן. אָבער ס'איז דאָך ניט אַף לאַנג. די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַיינשטעלן פאַר די זעלנער באַ טאַטע־מאַמע...

— האָ? וואָס זאָגט ער, דער תכשיט, שרה־חיה!?

עוזר מלמד האָט זיך אַף אַ ווייל פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אָנגעהויבן צו שאָקלען איבער דער גמרא:

— אָמר ר' אַ-אַ-אָ? שרה חיה! וואו וועט מען זיי לייגן?

שאלות אָפּן ווינט, אַזעלכע אַף וועלכע מ'דערוואַרט סיי ווי ניט קיין ענטפער.

זי, די רבי'צין, אַן אויסגעדאַרט ווייבל מיט א קופּקע אָפּן קאָפּ,

איז געשטאַנען מיטן פנים צום אויוון און צוגעלייגט שפענער. יע-דעס מאָל ווען זי האָט א נעם געטאָן א שפּאָן אין אירע צעשעקטע הענט אריין, איז ווי זי וואָלט אים געוואויגן, אַ פנים ס׳איז ניט געווען צופיל בנמצא. יעדעס מאָל ווען אַ שפענדל האָט זיך צע-קאָפּטשעט דורך די פייערקעס, האָט עס אויסגעקוקט ווי דאָס איז זי, שרה חיה, דער קוימען, וואָס שטייט אַ געבויגענער איבער דער בלעך, און רויכערט אַף די די פּאָסנע קאַרטאָפל-פּלעצלעך ארויף.

— האָ, שרה חיה, וואו ריבונו של עולם, וועט מען זיך דאָ אַלע פּאַמיעשטשען?

עוזר מלמד האָט געקנייטשט דעם שטערן און איציקל איז דער-ווייל געפאַלן אַפן שכל: ער האָט זיך דערטראַכט, אַז אויב יאָ שוין זעלנער, פאַרוואָס ניט קיין אידישע?

— יאָ, פאַרוואָס טאַקע ניט קיין אידישע?

און אומר ועושה. ער איז אַרויס צו די ביידלעך הינטער דער שטאָט, און פּונקט נאָך הבדלה, האָט ער אַ פּאַרסאָפּעטער, געבראַכט צוויי זעלנער. נאָר — — בלויז איינער פון זיי איז געווען א איד.

איציקל האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז אים אַנגעקומען מיט אַנגסטן. זיי גייען ניט באַזונדער... די צוויי זיינען חברים, און — — —

איינער פון די סאָלדאַטן איז איציקלען אַריין אין די רייד. ער האָט גענומען רעדן אידיש. ס׳האָט אַ שלאָג געטאָן מיט פּראסטן וואַרימען, היימישן לשון פון אונטער אַ שווערן מונדיר אַפיר.

דער איד האָט דערציילט, אַז ער, מיטן ערל, האָבן זיך אַפן וועג באַקאַנט. זיי זענען שוין אין עטלעכע פייערן באַנאַנד געווען. ער, דער איד, הייסט אַדאָלף פעלדהאַמער און ער קומט פון שטאָט ראַ-דאָוויץ — בוקאָווינע. דער גוי הייסט אַנטאָן נייוועך — פּאָסט-אַלעיאווו, דאָרף נעטערפינץ, גאַליציע. ביידע זענען שניידער פון דער היים. אַפן וועג טראָגן אַלע צוגלייך ביקסן און מ׳גנאַיעט זיך אין מיסט און אין בלוט. האָבן זיי זיך אַזוי דעררעדט וועגן אַלטע היי-מישע טעג פון נאָדל-פאָדים, נו, זייט דאַן האַלטן זיי זיך צוזאמען און איינער אָן אַנדערן גייט ניט.

— האָ? וואָס זאָגט ער, דער פרעמד-נאָענטער מונדיר?

ערשט איצט האָט עוזר מלמד אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

ביידע סאָלדאַטן זענען געשטאַנען אויסגעשטייפט ווי צום רע-

פּאַרט. זיי האָבן אַ קוק געטאָן אָפן ביסלווירטשאַפט, אַף די אומ-געהובלעוועטע רויע בעלקעס, אַף עוזר׳ס גראָבע ברילן, פון אונטער וועלכע ס׳האָבן אַפּירגעקוקט צוויי פּאַר רויטע אויגן, אַף שרה חיה׳ן, וואָס האָט געוויינט אין פאַרטעך אַריין — זיי האָבן אַ קוק געטאָן און דערפילט ווי זיך פרייוויליק צו שטעלן צו רעפּאַרט. ס׳האָט אויס-געזען, ווי זיי מעלדן זיך פאַר דער אָרעמקייט דאָ, און פאַר אַלע מענטשן, וואָס שלעפּן זיך אַרום איבער דער גאָרער וועלט אָן אַ פאַר-וואָס.

זיי האָבן דערביי געזאָגט, אַז ניט אַף לאַנג זענען זיי אהערגע-קומען. אין עטלאַכע טעג גייען זיי אָפּ צום פראָנט. און גאָט זאָל העלפן — — — דערווייל וועלן זיי ברענגען קאַווע, בעבלעך, קאָנ־סערווירטע מילך — זאָל מען אָפּקאָכן אַ היימישן מאכל ווי באַ אַלטן גוטן נאָדל-פאָדים. . . זאָל עוזר מיטן ווייב ניט קיין פאַראיבל האָבן. אַ מענטש אין דער פרעמד וויל אויך ניט אויסגיין ווי אַ הונט.

— מילא, — האָט עוזר מלמד, טיף אָפּעטעמענדיק, אַ קרעכץ גע-טאָן אָפן קול, און מיט אַ גרויסע קאָלירטע פאַרטשיילע זיך פאַר-שטעלט די רויט-טריפנדיקע אויגן...

שלמה׳לע האָט פון פרייד אַזש די מוטער געגומען קושן.

אַדאָלף פעלדהאַמער איז געווען אַ געפּאַקטער, טונקעלער, היי-מישער, שווייסיקער איד. די גאַנצע צייט פון מלחמה האָט ער גע-טראָגן דעם של־ראש פון טל־ומטר תפילין אונטערן היטל, און זיין ווייב מיט די צוויי קינדער ניט אַרונטערגענומען פון די ליפּן. אַנטאָן נייוועד, דער „ערל״, אין געווען אַ הויכער שלאַנקער יונג. ער האָט אויס-געקוקט אַביסל צעטומלט, דערשראָקן. גערעדט האָט ער ווייניק. דער איד האָט פּאַר אים גע׳טענה׳ט. דער איד האָט זיך אָפּטמאָל צעהעשעט אָפן קול, ווי ער וואָלט געגאַנגען צו אַ לוויה. אַנטאָן האָט בלויז צוגעשמייכלט הינטער די בלאָנדע וואָנצעס, וואָס האָבן געלאָזט זייערע ערשטע שפּראָצן. ער האָט זיך אויך ליב געהאַט צו שפּילן מיט קינדער. אַנטאָן נעבן אַדאָלפן האָט אויסגעקוקט ווי אַ זוניקער שאָטן אָפן זאַמדיקן וועג — צום בית עולם.

— איר זאָלט ניט קיין פאַראיבל האָבן, האָבן זיי ביידע געזאָגט

צו עוזר מלמד'ן, און אַרונטערגעצויגן פון זיך די רוק-זעק.

שרה חיה האָט זיך געוואָלט אויסבעטן אַפן דיל און די געסט לייגן אין בעט אַריין, נאָר די לעצטע האָבן זיך אָפגעזאָגט דערפון. זיי זענען געוואוינט צו דער ערד, האָבן זיי געזאָגט. אַלץ וואָס זיי ווילן, איז, פיר וואַרימע ווענט, און א היימישן מענטשן וועמען צו זאָגן אַ זיי-געזונט, איידער זיי גייען אָפּ, גאָט ווייסט וואו. . .

אַ גאַנצע וואָך זענען זיי געלעגן ווי די פּריצים, אויסגעבעט אַף דער פּאָדלאָגע. איציקל האָט פּלוצים דערפילט, אַז ס'איז אים אויך עגנ אין בעט. . . ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו זיינע נייע חברים און זיי אויסגעפרעגט וואָס דאָס איז אַזעלכעס די וועלט און צו בא זיי אין דער היים ליגט מען אויך אַף דער ערד...

אַ גאַנצע וואָך האָט מען זיך דערציילט מעשות, פּאַרריכט די צע-לעכערטע מלבושים, געטרונקען קאַווע און געגעסן בעבלעך. צום סוף ווען די זעלנער האָבן זיך געגרייט אָפּצוגיין, האָט עוזר מלמד ווי-דער אַ הויב געטאָן די פּאַטשיילע צו די רויטע אויגן, און ס'האָט זיך אינעם מאָמענט גערדוכט, אַז די בעלקעס אַפן סופיט האָבן זיך אַ ריר געטאָן. . . שרה חיה האָט פּראָסט און פּשוט ווי אַ מאַמע קאָן, זיך צעוויינט. און איציקל האָט זיך נאָך אַלץ ניט געלאָזט גלויבן, אַז שוין. . .

סוף וואָך האָבן די דערנעבנדיקע דערפער אָנגעהויבן צו ברענען אַפן קול. פלאַמיקע גאָלד און זילבערנע צינגער האָבן זיך דורשטיק געיאָגט צו די ברעגן פון שטעטל. איינגעבויגענע מענטשן מיט פּעק-לעך און זעקלעך, מיט בעטגעוואַנט און קינדער, מיט אַ לעצטן טשייניק אונעם טויט אין די אויגן, זענען געלאָפן דעם ווינט אַנטקעגן.

— זיבעטהאַלבן גאַסן האָבן אין שרעק זיך געקאָרטשעט צום ריטם פון אויפרייסנדיקע מינעס און קוילן-דונערן. דער פראָנט איז געשטאַנען מיט אַן אָפן-בלוטיק מויל און געשלונגען. די וואָרטע, דער חלום פון יאָר-הונדערטער, דער שטאָלץ פון טאַטע און קינד, האָט זיך אין אָפשיין פון מלחמה-פלאַמען געררויטלט.

דער אָבאָז האָט אָנגעהויבן אויסצורוקן. ווידער האָבן זיך אַ ריר געטאָן פיס און רעדער, מאַפּעס אַף בריסטן, מוזיק און פּולע-

מיאָטן — טררראַבאַם! טררבאַם! נאָר איצט איז שוין דאָס שטעטל ניט געלעגן אַפן בוידעם. קינד און קייט האָט תפילה געטאָן. . .

שנירן זעלנער, צו זעקס, אַכט אין דער ברייט. סאָלידע אָפּ-געטיעסעטע זייטלעך רוקן איין. איינס, צוויי, לינקס, לינקס, גראד אויס!

בא איינע פון די רייען, בעת דער אָבאָז איז געבליבן רוען אַף עטלעכע מינוט, האָט זיך דערוויילט אַ אידיש-עסטרייכישער אָפיציר ארייננעכאַפּט אין שול. אַן אָפיציר מיט א פולער ברוסט מעדאַלן. ער איז אריין, זיך אַוועקגעשטעלט נעבן אַ זייל, מיט אַן אָרעם פאַר-דעקט זיך די אויגן, און אַזוי, צוזאַמען מיט אים, האָט די שול געהע-שעט אַפן קול.

סוף וואָך, שבת.

צומאָרגנס איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען אויסגעליידיקט. בלויז א לעצטער מאַדיאַר איז געבליבן אין מאַרק. אין טומל האָט מען אים פאַרגעסן צו באַפעלן. א מענטש אין גרויען, מיט א פערד און וועגעלע, מיט וויקלען אף די פיס, אַן אַ שפּראַך, אין דער פרעמד, איינער אַליין. ער האָט אַ צי געטאָן די לייצעס, זיך אָפּגעשטעלט, און ווידער אַ צי געטאָן. דאָס פערדל האָט געהאַלטן אין איין אויס-דרייען דעם קאָפּ, נאָר דער האַר האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. האָבן זיי ביידע, פערד און מענטש, געבלאָנדזשעט אין ליכטיקן אָפענעם מאַרק. די שטאָט האָט מורא געהאַט זיך צו צורירן צו אים. בלויז איינער, איציקל, האָט זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן. ער איז ארויף אַפן וואָגן און זיך געטוליעט צום מונדיר. ער האָט אַליין א נעם געטאָן די לייצעס אין די הענט אריין, און ביידע, הילפלאָזע, האָבן געלאַכט אין אָפענעם ווייסן טאָג אריין. . .

— —

דער פראָנט האָט זיך א שאַרפן רוק געטאָן. ס'איז געווען קאַלט, ווינטיק, און ס'האָט געשנייט. אַלץ איז איינגעדעקט געוואָרן אין ווייסן. ס'האָט אויסגעקוקט ווי די וועלט אין א קיטל גייט צום טויט.

די קאָזאַקן זענען אריין מיט אויסגעצויגענע נאַגאַיקעס. בלאַנק שטאָל פון שווערד און שפּאָרן האָבן זיך געשניטן א וועג דורכ'ן שניי,

און צערייצטע פערד מיט דער פינע אויף אויפגעריסענע מאָרדעס האָבן גענומען פרייכן איבער מאָגערע געקעסטלטע שויבן פון אידישע פענסטער.

— קאַלי—איפּ! קאַלי—איפּ!

ווי אַט-אָ דאָ האָלט געווען דער צענטער פון מלחמה.

— קאַליאיפּ! פּאַרכאַטע זשידי! שפּיאָנען! האַנדלען ווילט זיך אייך? מיט שונאים אויף וואַגנס!! זשידי!

די אידן, ווי ברוכוואַרג, זענען געפאַלן מיט׳ן ביסל ליאַק; מיט א לעצטע באָנבאָנע אין האַנט...

און דער טײַך?

די וואַרטע, דער חלום פון יאָר־הונדערטער האָט זיך ווי אַלעמאָל רואיק געפּליוסקעט לענג־אויס דעם שטעטל. בלויז די וועלדער האָבן גענמען אויפגיין מיט אַ ריח פון פריש-געקוילעטע שעפסן. — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

חברים

א גאַנצע וואָך פאַריאָגט. ער אַרבעט, זי אַרבעט; ער אַ מיטינג, זי אַ מיטינג. האָט מען אָט־אָ זיך געפונען אין בעט — זונטיק אינ־דערפרי.

— מאיר!

— וואָס, גיטל?

— גאָרניט.

אַזוי-אָ פעשטשעט זי זיך זונטיק אינדערפרי.

דער אַלאַרם-זייגער רוט. אינדרויסן שטייט שוין דער טאָג אַ פולער. אויפן טיש ליגן פּאַפּיר־בייטלען מיט עסן. דאָס האָבן זיי פאַרן שלאָפן גיין פאַרגרייט, נעכטן נאָך. זי האָט אויסגעפּאַקט, און ער האָט איר געהאָלפן ווי אין ערשטן טאָג פון זייער באַגעגעניש. זי און ער, און ציטער פון באַריר. יעדער טאָג אַן ערשטער, פונקט ווי דעמאָלט מיט זעקס יאָר צוריק.

מאָדנע. ס'איז גוט אַזוי צו פילן, אַז אַ מענטש ווי ער, שניידט צו קליידער און מאָדעלירט פאַסאָנען אַ גאַנצע וואָך, און צוגלייך טראָגט ער אין זכרון יעדע מינוט פון דער היים.

ער און זי, פונקט היינט זעקס יאָר. נאָר גיי און ברענג ווערטער אויף די ליפּן, אַז —

— ניטע!

— וואָס ניטע?

— גאָרניט.

אַזוי־אָ פעשטשעט זי זיך זונטיק אינדערפרי.

נו, וועט ער ניט רעדן, וועט ער בלויז נאָך איין קוש טאָן, וועט ער שטומערהייט אַזוי־אָ זיך טוליען צום פאַרברוינטן לייב, וואָס רונדע־וועט צו זעקס אויס, זייערס אַ בשותפות'דיקע פרי — זעקס גיטל, שוין זעקס!"

זעקס טעג שאַפּ. אָוונטן. מיטינגען. פאַרן שלאָפן גיין שקאַרמיצן מיט עסן. צווישן טעג א פילם, אַ טעאַטער אַמאָל. מיטן טראַם, מיט דער באַן, כסדר אַהין; אַהין און צוריק. זונטיקס יאָגן זונטיקס.

זאָל זי לאָזן דערציילן. אַזוי פיל וואָכן, טעג און נעכט. שאַפּ פרעסט, גאַס רעוועט, בעט זינגט, זאָל זי לאָזן — — — — —

נו גוט, זי וועט שווין.

אויף זיין מוסקולירטן אָרעם, אינמיטן טאָג דרימלט זי איין ווי אַ הון אויף דער סידעלע. זי אָטעמט, גלייך א ראַשטשינע, וואָס יערט פון דער דייזשע אויף. שטיקלעך צעברעקעלטער געשאַרך פּלאַצן אין אַ ווינקל פון אירע ליפּן — פּפּפּ. זי אָטעמט און ער ציילט, ווי ער וואָלט געמאָסטן, ווי ער וואָלט געוואָלט צונויפשפּינען איר חלום מיט די טעג, מיט אַלע טעג, מיטן ערשטן טאָג זיינעם דאָ אין לאַנד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע. א פאַרבלאָנדזשעטער, אַ פאַרגאַפטער פון גרויסן וואונדער. האָט ער געהאַלטן אין איין פאָרן אַרויף אָנשטאָט אַראָפּ, אַהין אָנשטאָט אַהער. אין דער היים האָט ער געטראָגן אַ קאַשקעטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק. „גע-זעט״ גימנאַ-זיום זשיראַדאָוו האָט זיך פון היטל אַרונטערגעלייענט. זשיראַדאָווער גאָרנישטן, האָבן זיך אנדערע געוויצלט. עד, ס׳זענען אים נמאס גע־וואָרן די גלאַנציקע דאַשיקעס מיט די פאַרפומירטע געמאָסטענע ביכל־דיקע ווערטער.

דאָ אין ניו יאָרק אָבער איז דאָס לעבן געוואָרן אַזוי פּריקרע־זיס, אַז כאָטש נעם און שענק עס אַוועק דעם בעסטן פריינט. נאָר אַזאַ איז ניט געוועזן.

גאַנצע וואָכן אַרבעט, און צום סוף פלעגן די יום־טוב׳דיקע זונ-טיקס בלייבן שטיין בלאַנק, אויסגעצירטע אין געשטרייפטע קראַ-וואַטן ווי די פלאַגן, מיט אָפּגעגלאַנצטע שיך, „מיקי מאַוז״ מיט האַנט־זייגערלעך און גרויסע איינגערעמטע ברילן, מיט אַלעס, נאָר איין זאַך! ס׳איז געווען ליידיק. אַקוראַט ווי מ׳זאָל אַ דורשטיקן דער-וואַקסענעם יונג אַוועקשטעלן אַנטקעגן דער ברענענדיקער זון, און אים אויספּאַטשן אינמיטן העלן טאָג.

און אין שאַפּ?

חדשים לאַנג ווי ער פלעגט שטיין אָנגעטאָן אינם גאַנווער פאַר־טעכל לעבן דער הילצערנער מויד, דעם מאָדעל, און אריינשטעכן אין איר שפּילקעס. ער האָט זיך געלערנט אַ מלאכה בא קאַלאַמבוסן... דערנאָך פלעגט ער ליגן אויסגעצויגן אויפן לאַנגן טיש איבער הור־בעס גלייכגעלייגטע שטיקער סחורה, און צילן צום פּונקט. פון דער פרי ביז באַנאַכט. אָט אַזוי ווי דאָ, לעבן דעם פּונקט, הויבט זיך אָן און עקט זיך די וועלט. „גע־זעגט" ברודער — ס'האָט זיך גענומען בענקן נאָכן גלאַנציקן דאַשיק...

זיין פלאַץ פון אַרבעט איז געווען אַוועק פון שאָפּ און נאָענט פון אָפּיס. צווישן. ניט אַהער און ניט אַהין.

אינדערהיים האָט מען זיך אַזוי פיל אָנדערציילט וועגן שאָפּ אין אַמעריקע: הענט מיט פיס און געלאַף, צעכראַסטעטע העמדער, אין דער בלויזער אונטערוועש, אָן וואָנצעס, מיט גרויסע קאַפּעלושן, קללות מיט לידער און געמיש — פרייהייט! פרייהייט!

דאָ אין דעם צווישן, ניט אַהער און ניט אַהין, דורך דער דינער פאַרברעטלטער וואַנט, האָט זיך געבענקט צו די מאַשינען וואָס האָבן גאַנצענע טעג געזונגען אויפן קול. דורך די שפּאַרעס וואָלט ער זיך געלאָזט שווימען. ער האָט זיך געוואָלט דערנענטערן, נאָר די אַר־בעטער פון דאָרטן האָבן אַהערגעלאָכט מיט ביטול און קנאה צו אַ גריי־נעם „נעפּיו" וואָס האָט געקראָגן זיין שאַנס און דאַרף דערפאַר האַלטן אָן אויג... יענע האָבן געלאָכט און דער אָפּיס האָט דערפאַר אָנפאַר־טרויט די שליסלען מיט אַן אָנזאָג, אַז מען דאַרף צושליסן, אויפ־שליסן, אריינקומען פריער, אַוועקגיין שפּעטער, אויסקערן ווען נויטיק, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַן אייגענעם...

כוחות האָבן זיך ערשט געהאָט אָנגעהויבן צו צעוויגן, און פלוצים שטיי! זיי אַ מענטש און ווער דערשטיקט.

ס'האָט זיך צוריק געבענקט אַהיים, אַהין וואו דאָס לעבן איז אויף שפּינוועבס געשלאָפן. צעריסענע טעג.

און מיטאַמאָל, אַזוי ווי איצט געדענקט ער עס, אין איינעם פון יע־נע שעה'ן, בעת ער איז ווי שטענדיק אין דער ליידיקער צייט געשטאַ־נען לעבן פענסטער און פאַרגליכן דעם ריטם פון גאַס מיטן אייגענעם געמיט, האָט ער פלוצים דערהערט אימיצן אויסרופן זיין נאָמען:

— מאיר?

— יאָ? יאָ! אַזוי הייסט ער. מאָדנע, שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן.

אין דער טיר פון שאַפּ איז געשטאַנען אַ יונג מיידל מיט שוואַרצע, אָפּגעשוירענע האָר און מיט מידע ווייניקע אויגן, וואָס האָבן אויסגע-קוקט האַלב־פאַרשלאָפן.

— איר זענט געבעטן, האָט זי פּאַרזיכטיק אַ זאָג געטאָן, — איר זענט געבעטן אויף דעם קומענדן זונטיק צו אַ פּאַרטי פון די שאַפּ-אַר־בעטער. נאָט אייך דעם אַדרעס.

— האָ??

שוין אַזוי פיל חדשים ווי ער זוכט אַ נומער, אַן אַדרעס, אַן אָרט, וואו ער זאָל ניט דוקא מוזן אָפּגעבן גערוסן פון דערהיים און דערציילן די לאַנדסלייט אַז גאַנץ „יוראָפּ" ליגט אויפן פייער און דערפאַר אָבער איז אַמעריקע אַלראַיט.

פון גרויס צעשטרייאונג האָט ער דאַן געוואָלט אַ גאָס טאָן אויף דער מיידל זיין איבערגעפילטן געמיט — „מוחל, טובות", נאָר זי איז גלייך אָפּ.

אַ שאָטן האָט אַ מיניע געטאָן איבער דער לענג פון גלאַנציקן דיל. אַ זיסער שאָטן מיט שוואַרצע אָפּגעשוירענע האָר. זי איז אָפּ און ווידער האָט אָפּגעהילכט דער מאָנאָטאָנער געבריאַזג פון די מאַשינען.

לאַנג האָבן זיך געצויגן די צוויי טעג ביז זונטיק...

ער האָט דאַן געוואוינט בא זיינע לאַנדסלייט אין דער בראָנקס. ס'איז געווען אַ פיין אויסמעבעלירטע קעלער־וואוינונג. אַפילו אַ פּיאַנאָ און אַ וויקטראָלע זענען דאָ געשטאַנען, אָבער דאָס וואָס דו פאַרסט אָפּ אַזוי פיל וואַסערן און לייגסט זיך אין אַ קעלער אַריין און דאָס וואָס ער האָט באַדאַרפט עטלעכע מאָל אין טאָג אַדורכגיין דעם פינסטערן קאָרידאָר מיט די שטיינערנע ויילן, איבער וועלכן ס'האָבן זיך געצויגן סטים־און וואַסער-רערן — — — — — — — —

אין דעם קאָרידאָר איז שטענדיק געווען שטויביק, פאַרשטיקט, און ס'האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון טוכלעקייט, ווי ס'וואָלטן דאָ אַרום גע־פוילט טויטע ראַצן. תמיד האָט דאָ געלויכטן אַ גאַז־פלעמל, און גע-קאָפּטשעט אויף דער מויער אַרויף. דאָס האָט געמאַכט דעם איינ-דרוק פון אַ שטענדיקן יאָרצייט.

לעבן איינער פון די ווענט פלעגט זיצן דער דזשעניטאָר, אַ לאַנ־

גער, אויסגעטרוקנטער דייטש. אַז ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אינעם אויוון, האָט ער אויסגעקוקט ווי אַריינגעוואַקסן, און מען האָט אים גאָר־ניט דערקאָנט. ערשט אַז מ׳איז צוגעקומען נאָענט האָט עפּעס אַ בורטשע געטאָן אויף אַ ווייכער לַמד — „האַלאָו״. אָן אַנדערש מאָל האָט זיך די קאַץ צעמיאַוקעט. האָסט זיך געכאַפּט, אַז דו הוסט אויף איר אָנגעטראָטן. ער, דער דזשעניטאָר, פלעגט בורטשן צו די ווענט און זיך דורכשמועסן מיט די קעץ. צו קיין מענטש האָט ער גאָרניט קיין חשק געהאַט צו רעדן. דאָסזעלבע די לאַנדסלייט — „מיסטער און מיסעס.״

זיי האָבן זיך, אפילו ניט געפונען פאַר נויטיק נאָכצופרעגן אויפן באָרדער... זיי האָבןביידע געאַרבעט. בלויז זונטיק האָט מען גע־הערט ווי זיי שילטן זיך. די מיסעס האָט געהאַלטן אין איין פאַר־וואַרפן דעם מיסטער — איר מאַן, דעם שטילן פּייוול, הלמאי ער לערנט זיך ניט אויסער „סימס״ אויך אַריינבנייען ׳אַ פּאַקעט״ טאָמער, האָט זי געשריען, ווערט דער שאַפּ פאַרברענט, איז אויס „סימס״ און אויס באַלמעלאָכע — אַ בראָך צו דיין קאָפּ!

צום באָרדער האָט זי ווייניק וואָס גערעדט. בלויז באַם דירה־געלט נעמען האָט זי אים פאַרזיכערט אַז אַנטקעגן אַנדערע צימערן איז זיין אַלקערל אַ פּאַלאַץ.

ווי עס געדענקען זיך דאָס די צייטן. טעג — — — — — — —

ווען זי, גיטל, שלאָפט ניט איצט, וואָלט ער איר דאָס אַלץ דער־ציילט. ער וואָלט איר אויפן אויער געזאָגט, אַז עס האָט זיך געלוינט... נאָר זי דרימלט אין זיינע אָרעמס, און, ער אָטעמט איין דעם ריח פון אירע האָר. זי קוקט איצט אויס ווי אַ פּריש פלאָם-פלעצל, וואָס דער־גייט אונטער די לעצטע האַלעוועשקעס. אַ מינדסטער שאָרך, און זי וועט אויפגיין ווי אַ קינד. וועט ער בעסער אָזוי־אָ, וואָרימענדיק זיך אָן איר לייב, שפּינען זיין געוועב אין דער שטיל.

— —

יאָ, איז יענעם זונטאָג גיטל אויך געקומען. ער האָט זי דאָן נאָך ניט געקאָנט, ניט געוואוסט, אַז דאָס איז זי. ער האָט בלויז געלעכצט נאָך איר, ווי זי קומט אַריין און גיט אַ זאָג „מאיר״ אָט ווי זי בריט איצט אויס זייער בשותפות׳דיק. קינד. ער האָט אין זיין איינזאַמ־קייט זי אויסגע׳חלומ׳ט ווי זי דרימלט איצט, ווי זיי גייען אין שאָפּ

אַריין, און טאָמער קומט איינער פון זיי אַהיים שפּעטער, זאָגט ער „אַ גוטן אָוונט״ אַזוי שטיל, אַז דער צווייטער דערפילט עס אויף די ליפּן אינם שלאָף.

ער האָט זי דאַן נאָך ניט געקאַנט, נאָר געקומען איז זי, ווי אַנדערע, וועלכע דער שאַפּ האָט גערופן. און אַרויסגעוויזן האָט זיך דעמאָלט אין די צוויי קליינע צימערלעך אויף דער איסט־סאַיד, אַז עס איז דאָ נאָר אַ קליינער טייל פון שאַפּ. בלויז די זענען געקומען, אויף וועלכע דאָס יוניאָן־קעמערל האָט געוואָרפן אַן אויג פון צוטרוי...

די צימערן דאָ זענען געווען ריין, אָבער אָרים. עס איז געשטאַנען אַ בעט, אַ קאָמאָד מיט עטלעכע ביכער, עטלעכע שטולן און אַן אַלאַרם־זייגער. ער, מאיר, האָט זיך דאַן דערפילט ווי ער וואָלט פון איינעם אַרויס און אין צווייטן אַריין. ער וואָלט זיך געווען אַנטשולדיקט, און באַלד צוריק, נאָר דאָ האָט אים אימיצער אונטערגערוקט אַ בענקל.

— זעצט אייך, חבר מאיר!, זעצט אייך!

אויפן אָנלען פון בענקל איז געבליבן הייגנען א פוקעס פרויען־האַנט, דורכגעזייט מיט דינע זומער־שפּרענקעלעך און גאָלדענע האָר. א ווייס פּנים האָט זי געהאָט די יונגע באַלעבאָסטע, און די האָר זענען ביי איר געווען אָנגעצויגן, פאַרקעמט ווי אין דערהיים. לעבן איר איז געשטאַנען א יונגערמאַן אָנעם ראָק. דאָס איז געווען איר חבר, איר מאַן. ער האָט גאָרניט געזאָגט. ער האָט אומבאַהאָלפן־פריינטלעך געפינטלט מיט די אויגן, אַן אָנדייטונג אויף דעם, אַז ער איז איינשטימיק מיט איר האַנט אויפן אָנלען...

— זעצט אייך, חבר מאיר, זעצט אייך!

ס׳האָבן זיך אַזוי אויסגעזעצט אַרום צען, צוועלף מענטשן. מ׳האָט געגעסן, געטרונקען, געזונגען, און גערעדט וועגן שאַפּ. שאַפּ — באַ דעם געשפּרעך האָט זיך יעדער דערפילט היימיש. עצות, טענות, — הייסע, גליאיקע פּעדים האָבן זיך אויף פּנים׳ער גענומען צו צעברענען. מינוטנווייז האָט זיך אָנגעהויבן אויסדוכטן, אַז ס׳איז אויס בעט, אויס קאָמאָד מיט ביכער... בלויז דער אַלאַרם זייגער איז געבליבן אין דער לופטן, און די מאַשינען האָבן זיך ווידער אַמאָל אין טאָג פון רו צעזשווזשעט...

איינער, גראָד פון אויסזען אַזאַ, וואָס אַז ער וואָלט אימיצן צוגע-לייגט אַ האַנט, וואָלט שוין יענער פאַרשפּאַרט צוריקנעמען דעם אַקסל. גראָד ער האָט גע׳עצה׳ט, אַז אַן אונזעריקער דאַרף זיך איצט ניט אָמ־פּערן איבער אַ באַנדל, אפילו ווען ער איז גערעכט. עס האָלט, האָט ער געזאָגט פאַר אַ סטרייק, און אַן אונזעריקער, אַ פּראָגרעסיווער, וועל־כער וועט דאַרפן ווערן אַ פירער, טאָר זיך בשום אופן ניט איינרייסן.

אַן אַנדערער האָט געהאַלטן פונקט פאַרקערט, אַז וואָס שייך דער צעטיילונג פון אַרבעט, זענען אַלע גלייכע מחותנים און עס טאָר ניט ווערן קיין געוואוינהייט פון אונטערקויפן אימיצן מיט חניפה.

— אָט! האָט ענדלעך גענומען אַ וואָרט דער אומבאַהאָלפענער בחור, מיט דער ווייכער, גרויסער טשופרינע. ער, דער פּאַרטייער איז מסכים געווען מיט דעם פריערדיקן רעדנער. „ניט ווי קיין טרוסן האָט ער געזאָגט, נאָר ווי מאַרגנדיקע פירער פון אַ סטרייק.״

דאָ איז ער איבערגעגאַנגען צו די געשעענישן פון שאַפּ.

— נעכטן, האָט ער דערציילט, האָט זיך אים דער באַלעבאָס אַוועק-געשטעלט גלייך הינטער די פּלייצעס און געמרוקעט: — „נו, וועסט שוין באַלד פּראַוון יום־טוב? וועסט שוין פּאַראַדירן איבער די גאַסן אין די צעריסענע הויזן, וועסט שוין טראָגן אַ פּאַנע — אַרונטער מיט די באָסעס!״

און בא זיך זיצנדיק איינגעבויגן, האָט ער, דער פּאַרטייער, גע-טראַכט:

— וועסט מיך ניט אַרויסברענגען פון די האָלאָבלעס. אָבער וואַרט! וועסט שוין לאָזן עפּעען אַ פענסטער. וועסט שוין באַלד אויפ-הערן אויסצוטראַכטן, אַז „עפּעס איז דער פאַרשלאָפן, און עפּעס זיצט יענער צופיל אין אָפּטרעט, און עפּעס קוקט די מיידל אויס ווי זי וואָלט נעכטן חתונה געהאַט.״

— זשום, האָט ער זיין מאַשין געלאָזט לויפן — ״ עפּעס וועט דיר, אויסגעדאַרט מענטשעלע געשען אין עטלעכע טעג, אז דו וועסט פאַרזאָגן אַ צענטן״...

די צוויי צימערלעך זענען אַנגעוואַרימט געוואָרן. דאָס וואָס מען האָט ניט געקאָנט דערדעדן, האָט מען דערדרויכערט. די לופט איז גע-וואָרן געדיכט און שאַרף. מ׳האָט שוין באַלד קיין פּנים׳ער ניט דער-

קאָנט. בלויז גליאיקע פּאַפּיראָסן, ווי פּולווער־שטיק, האָבן געבליצט פון אַלע ווינקלען.

ס׳האָט אָנגעהויבן אויסצוקוקן ווי אַ סטראַטעגישער פּונקט אויפן שלאַכטפעלד. אַלע זענען גרייט. אַלע שלאָגן זיך. עס וואַרט נאָך צו הערן, ווי עס האַלט מיט די פרישע, נייע קאָנטאַקטן פון שאַפּ.

ער, מאיר, האָט דעמאָלט ווייניק־וואָס געוואוסט פון דער יוניאָן מיט אירע געזעצן, אָבער אַז פון ערגעץ ווייעט אַ ווינט, דאָס האָט ער גלייך דערפילט...

ער האָט ענדלעך אויך גענומען אַ וואָרט און גערעדט וועגן דעם ווי מענטשן ווערן צוזאַמענגעוואָרפן אין איין שמעלץ־טאָפּ, און קיינעם אַרט ניט פאַרן צווייטן. ער האָט גערעדט וועגן דעם, ווי אַ מענטש ברענט אוועק זיין לעבן אין שאָפּ, און באַנאַכט צוישן ווענט, פון זיין אַ באָרדער, ווערט אַזוי נמאס. אַז ער בענקט צוריק צו דער שרפה־שאָפּ. און אויב יאָ שוין פלאַמען, האָט ער דעמאָלט אַ געשריי געטאָן, — טאָ זאָלן מיר כאָטש אויפגיין מיט גלייכע אַקסלען, ווי עס פּאַסט פאַר מענטשן.

ער האָט דעמאָלט גערעדט וועגן אַ סך זאַכן, וואָס האָבן גאָרניט געהאַט צו טאָן מיטן ענין, אָבער קיינער האָט אים ניט דערווידערט. ער האָט גערעדט מיט אַ קינדישער, פאַרלוירענער אָפנקייט, און מיטן טעמפּעראַמענט פון אַ היימיש פאַרבענקט אינטעליגענטל. ער האָט רעדנדיק געוועקט דעם צוטרוי פון אַן אייגענעם, אַ חבר.

אין יענעם אָוונט טאַקע, נאָך דער פאַרטיי, האָט ער זיך באַקאָנט מיט גיטלען. דאָ אין גאַס האָט זי זיך צוגעטוליעט צו אים. זי איז אויך געווען אַ נייער קאָנטאַקט. איר ערשטע יוניאָן־מיסיע איז געווען אים, מאיר׳ן אַהער — איינצולאָדן. זי באַדויערט ניט זי האָט אים געדאַנקט פאַר דעם, וואָס ער האָט שוין פאַר איר אויך גערעדט. איר נאָמען איז גיטל, האָט זי דערביי געזאָגט. זי איז מקנא יעדן איינעם, וועלכער קאָן רעדן. אַז זי זיצט באַ דער מאַשין, דאַכט זיך איר, אַז זי וואָלט אויך געקאָנט. ס׳דאַכט זיך איר אפילו, אַז זי וואָלט עפּעס געקאָנט אָנשרייבן... נאָר אַז זי קומט אַהיים, איז זי צו מיד צו טראַכטן. אין דערהיים, אין דער ליטע, האָט מען שטונדן אריינגעאַר־בעט. זי פלעגט נייען, העפטן, שטעפּן. אָבער דאָרטן איז מען ניט אַזוי מיד געוואָרן. פאַרנאַכט פלעגט מען נאָך שפּאַצירן, זיך צו־

זאַמענקומען, פאַרלייענען. און דאָ איז עפּעס ניט אזוי... זי קאָן פּונקט ניט דערקלערן ווי אַזוי עס איז ניט...

און ער?

זיין נאָמען איז מאיר. אין דערהיים האָט ער געלערנט. ער באַדויערט ניט וואָס ער דאַרף אַרבעטן. פאַרקערט, ער האָט עס דער־וואַרט, און געוואָלט, אָבער... דעם אָבער ווייס ער אויך ניט ווי צו דערקלערן...

און וואָס וועניקער זיי האָבן זיך דאָן געקאָנט דערקלערן, אַלץ שפּעטער איז געוואָרן, אַלץ קלאָרער און אומבאַמערקט פאַר ביידן איז אויפגעגאַנגען דער פאַרטאָג...

ווי אַזוי זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג דאָס קאָן ער זיך ניט פּינקטלעך דערמאָנען. ער געדענקט נאָר, אַז קורץ נאָך יע־נעם אָוונט איז אויסגעבראָכן דער סטרייק. ער איז דאָן צו דער גרוי־סער איבערראַשונג פון זיין קרוב, דעם באַלעבאָס, ניט נאָר אַרונטער מיט אַלע, נאָר אויך געוואָרן אַן אַקטיווער מיטקעמפער אין דער יוניאָן. ער האָט דאַן מיט זיינע ענטוזיאַסטישע רעדעס צוגעצויגן אַ סך, אָבער גראַד דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צו דערפילן, אַז עס פעלט אים די באַזע פון דער פאַרטיי... און אַז מען מוז אָנהויבן צו ווערן פאַראַנט־וואָרטלעך...

זייט דאַן — ער אַרבעט, זי אַרבעט. ער — אַ מיטינג, זי אַ מיטינג — חברים. איז אָט-אָ נאָך זעקס יאָר פון בשותפות׳דיקן צו־זאַמענלעבן און אַרבעטן הויבט זיך זייער וועג אויף, אויף אַ נייעם שליאַך, און ערגעץ גיט עפּעס אַ ציטער ווען עס קומט אויפן זכרון דער ערשטער, יענער טאָג...

אויפן טיש זענען געווען אָנגעוואָרפן ניט צעוואַשענע גאָפּל־מע־סער. אינדרויסן איז שוין געשטאַנען דער טאָג אַ פולער. טענער פון רוישיקע קינדישע, קול׳כעלעך האָבן זיך געטראָגן פון די גאַסן אַהער — העי דזשעק! בעני!! פּיליפּ!!

גיטל, האָט זיך טוליענדיק צו אים, מיט צעפלאַמטע באַקן, צע־עפנט די אויגן. —

— מאַיר!

— וואָס, גיטל?

— גאָרניט!

אַזוי אַ פּעשטשעט זי זיך זונטיק אינדערפרי.

ערשטע טריט

אַ דזשאָב. אפשר אַ דזשאָב?

דאָ זיצן זיי אַנגעוואָרפן אין די הונדערטער. פאַראַן געַנוג צי־מערן מיט ליידיקע בענק. קאָנסט זיך זעצן, קאָנסט שטיין, און מעגסט גיין אַז דו ווילסט. אָבער אַז דו מוזט דווקא קריגן אַ דזשאָב, טאָ זיך. קוק זיי אין די אויגן אַריין. ווייז דיין באַגער. עפן אויף די אויגן און אויערן. און דער עיקר:

„קיפּ סמיילינג"

אַ שילדל אַזאַ באַם אַריינגאַנג פון דער איידזשענסי. אויפשריפטן אויף די ווענט:

„האַלט ריין" „שפּייט ניט אויפן דיל" „ניט רויכערן" מיידלעך און בחורים זאָלן זיצן באַזונדער".

זיצט מען אונטער באַריערן און מען וואַרט. טעג און חדשים, — יעדער אויף זיין גורל. ווערט לאַנגווייליק דורכגעבלעטערט שוין אַלע צייטונגען, און ווייטער? רויכערט מען פּאַפּיראָסן, פלירטע־וועט מען מיט די מיידלעך, און מען שפּייט אויפן דיל.

און אַז ס'ווערט נמאס זיצנדיק, פאַרשטעקט מען די הענט אין די קעשענעס, פאַרוקט דאָס היטל אָן אַ זייט, מעשה הפקר פּעטרעשקע, און מען שפּאַנט פון אַפּטיילונג צו אַפּטיילונג.

— נו מיסטער?

— וואָס נו?

דער פרעגער ווייס אַז ס'איז אויפן ווינט. אָבער אַ מענטש קאָן דאָך ניט כסדר שטום זיין. רעדט ער. רעדט ער אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט אַליין מיד, און די פון אַנטקעגן הויבן אָן צו געניצן אויפן קול.

„קיפּ סמאַילינג"

אַהער קומט מען אַפּראַזירט, אַרומגעוואַשן, אויסגעשטייפט, פאַר־

טיק צו געפעלן. זיצט מען און מ׳מאַכט דערווייל פּראָבע איינער אויפן אַנדערן מיט אַביסל באַרימענכץ:

— איך, זאָגט איינער, האַלטנדיק דאָס רעקל אויפן האַנט, און פון אונטערן קאַפּעליוש אַפּיר זעצט א שווייס אויפן קראַוואַט אַרויף, ווי ער וואָלט געווײנט פון סאַמע אויבן אַראָפּ, איך האָב מיר שוין גע־מאַכט מיין סעזאָן אַרבעט, נאָר גאַרניט, עס גייט אַזאַ זומער, פאַר־וואָס זאָל איך ניט אַריינכאַפּן נאָך אַ פּאָר דאָלער.

— פאַרוואָס טאַקע ניט? לאָזט אים ניט אַן אַנדער בייקומען דעם ליגן. דער אַנדערער איז אַ יונג וואָס, וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג. „פאַרוואָס טאַקע ניט, גיט ער זיין „העלד״ אַ נעם אויפן צימבל. מסתמא האָט דאָך דיר דער דאָקטאָר פאַרשריבן פרישע לופט, ניט אמת?״

האַ־האַ. אַלע לאַכן. די איידזשענסי זיגט. פון די נעציקע ווענט קרישלען זיך שטיקלעך קאַלך. ארום זיצן באַווייבטע, באַ-מאַנטע, בחורים, מיידלעך. מען פילט זיך געטראָפן, פאַרוואָס מ׳קומט אַהער מיט ליידיקע, הונגעריקע הענט, און יענער וויל אפילו ניט א קוק טאָן. ברעקלען זיך די ווענט און צוזאַמען מיט דער פויל־קייט, זוניקט זיך אַביסל גאָלדיקער טרייסט...

שטייט דער „העלד״ אַ פאַרשעמטער און אַלע לאַכן, האַ־האַ.

יעדן טאָג דיזעלבע ברוינע בענק, פאַרשטונקענע לופט, נאַסע ווענט, הוילער טומל, מענטשן אינדערמיט — אַ יאַריד.

אינדרויסן גרינט אַ זוניקער מאַי. וואַרעמע ערד גייט אויף. פרילינג שפּאַרט זיך דורך די צעפוילטע וויטרינעס. דערגייען טע-נער אַהער און ווערן אַנטשלאָפן אינמיטן טאָג. קינדישער, באַרוויסער פרילינג. עס פאַרבענקט זיך דאָס געמיט נאָך אינגלשע, זאַרגלאָזע חדר-טעג.

דאָרטן אין חדר פלעגט מען אויך דאגה׳ן, אָבער ס׳איז געווען פון אַן אַנדער מין. דעמאָלט האָט מען גע׳חלומ׳ט וועגן פאַרלירן דאָס עקל פון די הויזן, פון אונטערלייגן דעם רבין א טשוועקל אונטערן גע-זעס און זיך צעווייגען פאַר פרייד. דעמאָלט אז איינער האָט ניט געהאַט קיין מעשה צו דערציילן, האָט מען זיך בא אים געבעטן, ער זאָל אויסטראַכטן און דערציילן. דעמאָלט, אַז מיין חבר נתן יאָפּ־צאָק האָט באַ מיר געוואָלט אויסנאַרן א שטיק בייגל, איז ער געפאַלן

אויף אַ המצאה און מיר איינגערעדט, אַז ער וועט עס באַהאַלטן אויף אַזאַ פּלאַץ, אַז איך וועל עס קיינמאָל ניט געפינען. ער האָט עס אַרונטערגעשלונגען און איך האָב עס קיינמאָל ניט געפונען. אָבער איך געדענק, אַז איך האָב שטאַרק געלאַכט, בעת איך האָב אים געזען שטייענדיק אויסגעדרייט און שלינגען מיט אַ פרומער מינע פון אַ בעל־תפילה.

יאָ, אָבער היינט איז אַזאַ איינער ווי איך שוין דריי מאָל 9 און גייט אַנגעטאָן אין אַ געפּרעסטן אַנצוג, מיט אַ בלום אין לאַץ, און פון די אַלע מעשות אַרום ווערט מורא׳דיק פריקרע. האַלט איך צוגלייך מיט אַלע, מיין רעקל אויף דער האַנט. פון אויבן איבערן געקעסטלטן. סופיט זינגט עמיצער „איך ברענג דיר א גערוס פון דער היים" אינ-דרויסן פאַרן סטופּ פאַרקויפט מען הייסע וואורשטלעך, געבראָטענע די-ניע־קערן און סאָדע-וואַסער. פון דעם אַלעס ווערט איבלדיק און מען הויבט אַליין אָן מיטצוברעכן.

— עקספּירענס יונגערמאַן?

— אַוואַדע, וואָדען ניט דערפאַרן?

— זענט איר זיכער?

— וואָס רעדט איר? מישט זיך שוין אריין די מיסעס איידזשענסי. מיר וועלן אייך חלילה געבן ניט קיין עקספּירענס לייטע?

אינדרויסן גרינט א זוניקער מאַי. מיטן ריח פון ערשטן בעז בליען אויף ערשטע פרילינג טעג.

זי, די מיסעס איידזשענסי, טראָגט אַ קאָקס האָר אויפן סאַמע שפּיץ ווי א קרוין. אַ פּנים פאַרמאַגט זי א לענגלעכעס מיט פאַלדן, און אַ גערינצלטן דעקאָלט איבער וועלכן עס וויגט זיך אַ מעדאַליאָן. די אויסגעקנייפּטע זיג־זאַגישע רינצלס דאַ דערמאָנען אָן סאָלדאַטסקע שפּאָרן. אויפן זכר פון אמאָליקע לוסטיקע טעג זענען דאָ געבליבן ליגן בונטע, לאַקירטע פאַרבן. אַ קאָליר אַזאַ וואָס שרייט גוואַלד און רינט צוגלייך מיטן שווייס פון די ווענט.

זי, די מיסעס, איז אין ביזנעס, און האָט קינדער און אַ מאַן. איין זון האָט א „לופּ־דע־לופּ" אין קוני־איילאַנד, און דער אַנדערער שטו-דירט אויף אַדוואָקאַט, און דאַך מוז אַלצדינג זיין אויף איר קאָפּ, מיסעס איידזשענסי. און דערביי אין גרעסטן טומל, צווישן אַזוי פיל „ווילדע רוחות" פאַרגעסט זי קיינמאָל ניט צו דערמאָנען איר מאַן, אַז

ער זאָל למען השם זען און עסן.

— אייבי! שרייט זי — אייבו! האָב רחמנות און עס אָפּ.

אייב, א מענטש פון א קנאַפּן פּופּציקער, אַ בלייכער, א שטילער, אַן אויסגעמאָגערטער וואָס האַלט זיך אין איין טאַפּן דאָס טויבן־פּנים׳ל, אַ סימן אַז דאָ ערגעץ פּעלט אַ באָרד. ער, זאָגט מען, איז איר פּער־טער מאַן. זי האָט זיך איינגעקויפט יחוס. זייט דאַן קלעפּט ער דאָ לעבן דער טיר ווי א פאַרגעלטע מזוזה, און וואַרנט די יונגען, זיי זאָלן ניט רויכערן און זיך ניט צורוקן צו די מוידן, אַז ניט...

אַז ניט, איז אויך דאָסזעלבע, וואָרים די באַלעבאַטים, וועלכע קומען דאָ אַהער, קלייבן זיך סיי ווי אַליין אויס די אַרבעטער.

— גיט מיר עפּעס אַזעלכעס און אַזעלכעס, — מאָלט יעדער באַ־לעבאָס אויס וואָס ער וויל, און קנאַקט דערביי צו מיט צוויי פינגער — יו נאו וואָט איי מין?

וואָס ער וויל, ווייס ער ניט גענוי, אָבער די, וועלכע געפינען זיך דאָ, זעט ער, אַז זיי זענען צו קליין, צו גרויס, צו גראָב, צו דין, צו —. ער קלייבט ווי אויף אַ פּושקאַרט, און פּילט דערביי ניט ווי יונגע, צאַפּלדיקע אָדערן שרפה׳ען באַ אים אין די הענט...

— מיסטער, — רוקט יעדער אַרבעטער אַרויס אַ פראַנט, מיס־טער, איך!... און טאָמער דאַרף מען רעפערענס, האָט דער דאָזיקער אַר־בעטער געאַרבעט דאָ, דאָרטן, וואו האָט ער ניט געאַרבעט?

קליינע מיידלעך שווערן זיך, אַז זיי קאָנען אַרבעטן בעסער ווי גרויסע. אַלטע אידן פאַרקויפן בייגל. יונגעז פּעדלען מיט זוק־גלעזער. ווייבער מעסטן צו קאָרסעטן, בחורים — היטלעך. מאַ־דאַם איידזשענסי שמייכלט אויף אַלע זייטן. אַגענטן לויפן, די היץ ברענט, און אינמיטן שטייט דער קלייבער, אַ צעמישטער: — „וועלכער איז בעסער?"

וועלכער אַרבעטער ס׳איז בעסער, דאָס ווייסן זיי, די אַגענטן. זיי אַרבעטן אויף פּראָצענט. אַרבעטער אויפן שטיק. זיי, אַז זיי לייגן, עמיצן צו אַ האַנט צו דער פּלייצע, ווייסן זיי, ווי גרויס די מתנה איז, וואָס יענער וועט איינשטעקן, און דער יעניקער וועט גלייך פאַרזי־כערט, אַז באַ דער ערשטער סאַמער געלעגנהייט, קריגט ער ס׳זייניקע.

די מערסטע אַגענטן זענען יונגע בחורים מיט שנעלע ברענענדיקע טריט, אַזעלכע וואָס ערשט נעכטן האָבן די מאַמעס אויף זיי געשריגן אַז

ליילעכער וואָשן קאָסט א סך געלט, און אַז זיי זאָלן אויסגעריסן ווערן.. ערשט נעכטן, — און היינט וויקן שוין בא זיי די ציגאַרן אין די ווינקלען פון די מיילער...

— —

עקספּיריענס יונגערמאַן?

צוויי מאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך האָב אַרונטערגע־שלונגען מיינע אייגענע ציינער, און אינעווייניק לעבן האַרץ האָט גע־האַקט איין צאָן אָן אַנדערן. אויפן אויבערשטן שטאָק האָט דאָס מיידל שוין געזונגען „עוד לא עבדה״. אין דעם מאָמענט האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך בין פּופציק יאָר אַלט, און איך האָב שטילער־הייט געענטפערט: —

— יאָ, איך בין עקספּיריענס.

דער באַלעבאָס האָט א שמייכל געטאָן: אַלע זענען מיטאַמאָל געוואָרן צופרידן. איך האָב אויך אויסגעקרומט דאָס מויל. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אים איז גראָד געפעלן אַזאַ הייזעריק, ניט דרייסט קול. דער רויט־האָריקער פאַרמער האָט א צעעפן געטאָן דאָס מויל כדי אויסצודריקן זיין צופרידנקייט, נאָר דאָ האָבן אים אויסגעפעלט ווערטער, עפּעס אַזוי ווי ס׳וואָלט אים זעלטן אויסגעקומען צו רעדן. איך האָב ניט געוואוסט צו איז ער אַזוי, צו מאַכט ער זיך אַזוי.

ער האָט אין א צעבראָכענעם אידיש־ענגליש ענדלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז בא אים אין באָרדינג־הויז איז ניט „פּענסי״, אַז מען דאַרף נאָר וועלן... אמת, די אַרבעט איז זייער אַ שווערע. מען דאַרף אויפשטיין פינף א זייגער פאַרטאָגס, אָבער ער אַליין אַרבעט אויך שווער. ער, מיט זיין ווייב און קינדער, אַלע אַרבעטן.

— אַ פאַרם, הימל, גראָזן, פאַרהאָרעוועטע מענטשן, ערגעץ אין דער שטיל האָט זיך דאָך געלעכצט נאָך שווערער, ערלעכער האָרעוואַ־ניע, נאָך אַ ווינקל צווישן אייגענע... אָבער זיי, די יונגען פון אַרום האָבן אָפּגעשראָקן.

— ניט פּענסי, זאָגט ער, מיר קאָנען זיי שוין, די פאַרמערס מיט זייער אָנשטעל. צוזעצטערהייט דאַרפסטו אַרבעטן, און מאַכן מאַכסטו מיט די זייטן.

נאָר אַז איך בין מושווה געוואָרן, האָבן דיזעלבע יונגען, אָנצייגנ־דיק אויף מיר, געזאָגט איינער צום אַנדערן: „אַזאַ גרינער ת... אַז ניט

קאָן ער אַרבעטן, ווייסיך וואָס, אין עטלעכע טעג וועט ער צוריק זיין...״

אינדרויסן פאַר דער איידזשענסי זענען געשטאַנען אויטאָמאָבילן מיט אָנגעדראָלעוועטע פעק און מענטשן. קינדער האָבן געלאַכט הלמאי די דאָרע קעפּלעך פון די אַרבעטער סטאַרטשן מאָדנע אַרויס פון צווישן די גרויסע פעק אין די מאַשינען. א ביסל באַרוועסער ״פאָן״ האָט אַ בלישטש געטאָן אין ניו-יאָרקער דאַון טאַון.

דאָ אונטער דער זיבעטער ריפּ האָט מיר געגומען מאָדנע ציקן. איך האָב דערזען פאַר די אויגן די באָבע מרים ווי זי גייט מיטן ליכטל אויף קבר אבות און לאָזט וויסן אַלע טויטע, אַז איציק פאָרט קיין אַמע-ריקע. ״אין אַמעריקע, וויינט זי אַריין אין די קברים, אין אַמעריקע זענען אפילו די שטיינער טריפה, אָבער אַז דאָ איז אַזאַ צער אויסגע-גאַנגען און אידיש בלוט גיסט זיך אין די גאַסן — איציק פאָרט קיין אמעריקע״.

איך האָב א נעם געטאָן דאָס רענצל אין דער האַנט אַריין, זיך געלאָזט צו דער מאַשין, און געזוכט וועמען צו זאָגן אַ ״זיי געזונט״, נאָר אַזאַ איז ניט געווען.

דער אויטאָמאָביל האָט פאַרלאָזן מיט אַ רויך פון געזאַלין. די איבעריקע אַרבעטער זענען געבליבן שטיין און געשלונגען שטיקער שטויב.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר זענען אַרויסגעפאָרן אויפן ברייטן שליאַך. אַרויף־צו די קעסטקיל בערג. ארויס פון דער שטאָט, אַריין אין דער נאַכט. וואָס טיפער, אַלץ פינסטערער. זיבן מענטשן אין דער מאַשין, אומבאַקאַנ-טע, צונויפגעקוועטשטע, אָרעם צו אָרעם. יעדעס מאָל ווען מיר זע־נען פאַרביי אַן עלעקטרישן סלופּ, אַ שטעטל, האָבן מיר זיך פּרובירט אָנצוקוקן; שטומערהייט צו באַקאָנען, כדי צו וויסן וועמען מען וואַרפט צו אַ וואָרט אין דער פינסטער.

דער אויטאָמאָביל אָנטרייבער האָט געהאַלטן אין איין שפּייען אין די הענט אַריין, און שילטן — אַ שוואַרץ יאָר! אַ שוואַרץ יאָר!

אויף וועמעס חשבון עס שיקט די קללות דער מענטש מיט די איי-זערנע הענט, מיט דעם פאַרברוינטן פנים און מיט די גרויסע וואַסער-

דיקע אויגן, האָט קיינער ניט געוואוסט, און אויך ניט געפרעגט. ער האָט געשאָלטן אין רעדל אַריין, אַזוי ווי דאָ הינטער אים וואָלט גע-לעגן בלויז געפּעק, און ס'איז זיך סיי ווי ניטאָ מיט וועמען דורכצו־רעדן.

דער וועג אַרויפצו האָט זיך געשלענגלט אויף שוואַרצע פּאַסן אַספּאַלט. פון ביידע זייטן האָבן זיך געהאַלטן אין אויסדריוולען קליינע הייזער, איינגעהילטע אין בוימער, גראָזן און קילע ווינטלעך; — שטילע, רואיקע, שלאָפנדיקע שטעטלעך. די גאַנצע וועלט ליגט פאַרוויקלט אין טונקל-בלוי. נאַכט. געדיכטע קנוילן טוי שפּרייטן זיך איבער בערג, ווי אַ ים וואָלט זיך א הויב געטאָן איינדערלופטן. מיר, פון דער מאַשין, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, האָבן געהאַלטן אין איין צוקומען, אריינשווימען, נאָר אָט — ווידער שוואַרצע פּאַסן אַספּאַלט. אַזוי אומרואיק, ציטריק, גייט אפשר אַ מאַמע אין חלום צו קינד...

אונזער מאַשין, צווישן אַ סך אַנדערע אויפן וועג, אין געזשום, ווי אַ פייער־פליג. שטאָלענע צאַפּלדיקע פייער-פליגן, מיט שטויסן רענצלעך אויף די רוקנס, יאָגן דורך דער נאַכט און וועקן פון שלאָף.

דער אַנטרייבער האָט געהאַלטן אין איין האָוועןן, אַזוי ווי מיר וואָלטן נאָך היינט אויפדערנאַכט געדאַרפט ארויס אויפן פראָנט און איינבנעמען... איינבנעמען אַ דזשאַבל און פאַרברענען די דריי זומער-דיקע מאָנאַטן פון יאָר.

די לופט איז געווען ריין, פריש און שאַרף. ס'וואָלט קיינמאָל קיינעם ניט איינגעפאַלן אַז אַזאַ הקדש דאָרטן פון ניו-יאָרקער דאַון-טאָון האָט קאָנטאַקט מיט דער אָ דרויסנדיקער וועלט. דאָך האָט אַ צי געטאָן אויף צוריק. . . דאָרטן האָט מען נאָך געקאָנט דערוואַרטן, און דאָ —

— דאָ, — האָט איינער א זיפץ געטאָן, — ווער ווייס, וואָס פאַר אַ בראָך ס'וואַרט אויף דיר. פאַלסט אַריין צווישן חיות און מ'עסט דיך לעבעדיקערהייט.

איך האָב פאַרויכערט אַ סיגאַרעט און דערקאָנט דעם רעדנדיקן. אין דער איידזשענסי האָט ער זיך געהאַלטן אין איין באַרימען, אַז פון יעדן, „גאַדעם באַלעבאַס" מאַכט ער פּיפּקע. ער גיט אים אַ זאָג: מיסטער! און יענער גיט זיך גלייך אונטער.

דאָרטן אין דער איידזשענסי האָט ער יעדן פאַרזיכערט, אַז בא אים זענען ניט פאַראַן קיין חכמות — „פּראָסטאָ זמאָסטאָ, און קי־ביני פיני!״

איצט זיצט ער, רעדט זיך אַרונטער פון האַרצן און האַלט דערביי דער שכנה׳ס מיידעלע אויף די קני. ס׳קומט אויס ווי ער וואָלט זיך פאַר איר אָנפאַרטרויט. ער, דער לאַנגער יונג, מיטן נעט צוגעפּרעסטן שרונט, פון איין זייט, און דער מיידלס מאַמע פון דער אַנדערער.

זאָלסט דאָרטן ניט זאָגן, אַז דו ביסט הונגעריק, אָדער שלעפעריק, הערסט? — שרייט זי אין קינד אַריין. און ער, דער פרעמדער אויס־געגלאַנצטער קראַוואַט שאָקלט צו מיטן קאָפּ אויף „אמת, אמת״ — זאָלסט גוט געדענקען, אַז ניט וועל איך מוזן פאַרלאָזן דעם דזשאָב און דיך וועל איך אַוועקגעבן אין אַ האָום אַריין, הערסט? זאָלסט ניט וויי־נען. זאָלסט זיך שפּילן אין דער שטיל. זאָלסט...

די מוטער איז אַ קעכין. דאָס מיידעלע איז אינגאַנצן זעקס יאָר אַלט. אַלעמען ווילט זיך איצט שטאַרק שלאָפן. דער זייגער איז צוויי, נאָר די גערעדערייען צוזאַמען מיט דער פרישער פאַרטאָגיקער לופט לאָזן ניט. עס איז צו פריש און צו ריין, און דער אויטאָמאָ־ביל לויפט א ביסל צו שנעל. און וואָס שנעלער ער לויפט, אַלץ גי־כער וועט ער דאָך אָנקומען... פון דעם קומט דיר דער טעם פון דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן.

— אַ שוואַרץ יאָר! אַ שוואַרץ יאָר!

ווייס מען שוין, אַז דאָ שטעלט ער זיך ווידער אָפּ און לאָזט איי־נעם אַרונטער. אינעווייניק אין אויטאָמאָביל ווערט ווייניקער. יע־דער וואָס גיט אַ כאָפּ זיין רענצל, פליט אַרויס ווי אַן אָפּגעבריטער. „גוט־מאָרגן״ און „אַ גוטן טאָג״ איז געוואָרן אַן איבריקע זאַך, אַ קללה וואָס צערינט מיטן ווינט אויפן וועג.

נאָר זי, די קעכין, פאַרט אַ פרוי, אַ מאַמע פון אַ קינד. זיי גע־זונט, האָט זי געזאָגט, און גאָט זאָל העלפן, מ׳זאָל שוין ניט דאַרפן...

באַם לעצטן „שוואַרץ יאָר״ בין איך אַרונטער.

מיר זענען אָנגעקומען. ס׳איז געווען דאָנערשטיק פאַרטאָגס. פון דער פינסטער האָט זיך אויסגעשיילט אַ הויז, מיט אַ פאַרקנדל אַרומגעצוימט. אַ קאַלט־פרעמד הייזל. דערנעבן איז געשטאַנען נאָך איינס און נאָך איינס. שוואַרצע, אויסגעקרומטע לאַטעס. און

איבער די הייזלעך האָט זיך געשפּרייט טונקל-בלוי לידיק לאַנד — ווייטע שליאַכן ערד, מיט אַ היימישן פול אויסגעשטערנטן הימל.

— אָט אָ דאָ איז ער, דער באַי! האָט דער אָנטרייבער א געשריי געטאָן, נאָך איידער מיר זענען אריין אין קיך. בא מיר איז ניט פאַראַן קיין מאַנקי ביזנעס. געזאָגט און געטאָן. אָט אָ דאָ איז ער דער באַי!

ער האָט גערעדט און קיינער האָט אים ניט געענטפערט. די קיך איז געווען אַ קליינע, אַ ווארעמע. אַן עלעקטריש לעמפּל האָט זיך געוויגט אויף א שוואַרצע דראָט. ארומ׳עו ליכט האָבן זיך געוואַרעמט ווייס-מעליקע פלאַטערלעך און אויפן סופיט האָבן אַרומשפּאַצירט פליגן.

מיטן פּנים צום אויוון איז געשטאַנען אַ ברייט צעשוואומען הייטיש ווייבל און אַ קופּקע אויפן קאָפּ. זי האָט דאַכט זיך געשוימט די יויך. זי האָט אויסגעקוקט ווי זי וואָלט געשטאַנען שמונה עשרה. זי דאַוונט שלאָפנדיק אין אויוון אריין.

מיטן פּנים צום אויוון און מיטן געזעס צום טיש. און דער טיש איז אַ לאַנגער, אַ העל-ברוינער, אַזאַ וואָס מאָגט הענט און אַרבעט. נאָר דערווייל איז שטיל. און דער טיש קוקט אויס ווי מ׳וואָלט אים ערשט אויסגעריבן. די אויסגעקראַצטע בלאָטע פון צווישן די שפּאַרונעס אין די ברעטער, ליגט נאָך אַ פּייכטע. אָט אָ דאָ צווישן די ווייכע שרענגעס בלאָטע, מיט אַן אָפן מויל, צו די פליגן אַרויף, ליגט די באַלעבאָסטע, מיסעס בעקער, און כאַפּט אַ דרימל אויף דערווייל... אויף א צעאָדערטן ביינערדיקן ארעם ליגט זי אַנגעלענט, און פון צווישן אירע ליפּן סטאַרטשן אַרויס קליינע צעדזשיבעטע ציינדלעך, פאַרפלאַסטערטע מיט פאַרשימלטן גאָלד.

ס׳איז דאָנערשטיק. מאָרגן קומען געסט, אַ סך געסט... חלום׳ט זי דערווייל מסתמא וועגן זיי, וואָס דאַרפן קומען. דעם דאַרף מען געבן אַזאַ צימער און יענעם, אַזאַ. קיין סאַך שטובן זענען ניט פאַראַן. מוז מען טוישן, איבערטוישן, צוזאָגן, אַייסהערן גוואַלטן, און איבערבעטן... גאָט זאָל העלפן, ס׳זאָל זיין אַ גוטער סיזן...

— אָט אָ דאָ איז ער, דער באַי! האָט דער אָנטרייבער ווידער אַ געשריי געטאָן. בא מיר איז ניט פאַראַן קיין מאַנקע ביזנעס! האָ??

דאָס אויסגעדאַרטע ווייבל איז ארונטער פון טיש און איז אונז גרייט געווען צו צייגן אַ צימער. זי האָט זיך אָבער שנעל אויסגע־ניכטערט און —

— טפו! וואָס ס׳האָט זיך איר גע׳חלומ׳ט די נאַכט און יענע נאַכט זאָל אויסגיין צו אַלדי שונאימ׳ס קעפּ...

אין דעם זעלבן טאָן האָט זי געגומען דערציילן, אַז דאָס וואָרט זי אויפן מאַן. ער איז געפאָרן אין מאַרקעט אריין איינקויפן. ער האָט זיך פאַרזאַמט. ווער ווייס וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט דער ט אַ ר אַ ד אַ י ק ע אויפן וועג, אַן אַלט פאָרדל. ס׳איז ערב יום-טוב. אַלע גרייטן זיך. גאָט זאָל געבן...

און צו מיר:

— צו בין איך עקספּיריענס? צו האָב איך א קראוואַט מיט אַ ווייס העמד און אַ שוואַרצן אַנצוג?

— יאָ, איך האָב, נאָר איך וואָלט בעסער ניט געוואָלט אַריינגיין אין עס-צימער. ס׳שרעקט מיך אַ ביסל דער דאָרטן... איך וואָלט בע־סער געוואָלט בלייבן דאָ אין קיך אַרבעטן, די יויך שוימען, האָלץ האַקן...

דאָס האָב איך אָבער ניט געזאָגט. דאָס האָב איך מיר בלויז אויסגעהאַקט מיט אַ צאָן אויף אַ צאָן.

— אין די מאָונטיינס זענען די נעכט קאַלט, איז די מיסעס בע־קער אַ ביסל ווייכער געוואָרן. מ׳דאַרף טראָגן א סוועטער.

— יאָ, די נעכט זענען קאַלט. מ׳דאַרף טראָגן אַ סוועטער. דער זייגער איז שפּעט. און איך בין שלעפעריק.

דערווייל איז דער פאַרמער אָנגעקומען.

אַ רויט-האָריקער האַלב-איד און האַלב־פויערישער יענקי אין א שווער קאַקי-העמדל, מיט אַן אָפן צעאַקערט פּנים און גרויסע אויס־געלאָשענע גרויע אויגן. און רעדן, רעדט ער דאַכט זיך, ניט פון מויל, נאָר פון דער קעל.

גלייך ווי ער איז אריין, האָט ער א רעווע געטאָן, אַז אַלץ איז בראַנד-פייער אין מאַרקעט. „זיי האָבן שוין אויפגעשרויפט די פּרייזן, אַ בראַנד זיי אין די קישקעס!"

צייג דעם באַי וואו צו שלאָפן, האָט די מיסעס בעקער אים אי־בערגעהאַקט די רייד, אַן אָנצוהערעניש, אַז ס׳וועט שוין געגוג זיין

אויף הײנט, און „מ׳דאַרף מאַכן נאַכט״.

דער רויט־האָריקער באַרני האָט מיך באַלד באַמערקט, נאָר ער איז מסתמא זיכער געווען, אַז איך וועל פון אים ניט אַנטלויפן... איצט אַז זי האָט אים דערמאָנט, האָט ער נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף מײן טשופּרינע און זיך ברייט צעשמייכלט:

— „הממ, ער איז אויך אַמאָל געווען אַ סאָציאַליסט אין אַלטן רוסלאַנד. גע׳חלומ׳ט וועגן אָקער־אײזנס, ערד, עך, פּאַניע גנבֿ! מיט עטלעכע יאָר צוריק נאָך האָט ער געוואָלט אַלץ אײנפּאַקן און אהײמ־פאָרן, נאָר זי, (אָנצייגנדיק אויפן ווייבל) קינדער — — מ׳ווערט על־טער — — — — —

גיי שוין משוגענער! האָט זיך דאָס דאַרע ווייבל צושריען אויף אירע גאָלדן־פאַרשימלטע צײנער, גיי שוין —

דער טאָג האָט געגרויט. איך בין געלעגן אויפן בוידעם. אויף דער הילצערנער וואַנט איז געהאָנגען אַן אויל־בילד, — אַ מאַמע מיט אַ קינד אויפן אָרעם. דערנעבן אין אַ בעט איז געשלאָפן דער דישוואַשער. ער איז געלעגן מיט א ווייס־האָריקן בויך ארויף און זיך שטאַרק געקראַצט. קיין פּנים האָט מען ניט געזען. דאָס בילד פון דער וואַנט האָט מיר גענומען נאָכגיין... איך האָב געטראַכט וועגן דער קעכין אין דער קופּקע, וואָס האָט געזאָגט, אַז זי קאָן ניט גײן שלאָפן, ווייל דער קוכן איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען. אנטקעגן פענס־טער אין פרישן, שאַרפן פאַרטאָג האָבן זיך פּאַר מײנע אויגן גענומען שלענגלען בלויע סטעזשקעס... איך בין אײנגעשלאָפן, און אין חלום האָב איך געזען ווי פון די אָרומיקע ביימער שיילט זיך די קאָרע. דער ווינט פליקט די הויט ביז אַראָפּ. די ביימער בלייבן שטײן אנט־בלויזטע. אַזאַ ווייסע נאַקעטקייט דאַכט זיך, האָב איך שוין ערגעץ פריער געזען. דאַכט זיך ס׳איז געווען אינדערהיים — נתן, שלמה, פעלע — — — איך האָב אויף דער פייכטער זייט פון דער קאָרע גענומען אויף שנעל צייכנען, צייכנען — פאַרצייכנען — ערשטע טריט...

ברויט

(צווייטע אָפּטיילונג)

אויף „גנאָינע״

אַזאַ נאַטור האָט זי געהאַט, פערטשע. טאָמער האָט זיך גע־מאַכט, אַז עמיצער איז געשטאָרבן אין שטעטל, איז זי די ערשטע אַרויס מיט א גוואַלד אויף די ליפּן. זי פלעגט אויף שנעל אַרויפכאַפּן אַ טיכל אויפן קאָפּ, אַ שפּרינג טאָן אין דער לופטן, אַ צעשפּרייט געבן די הענט און פּיס ווי א פלעדערמויז, להבדיל, און

— גוואַלד אידן, ראַטעוועט!

— ווער איז שוין ווידער אַוועק אויפן עולם האמת?

און זי פלעגט אויסזינגען אַ מין גאָרנדיקן פּזמון, וואָס אפילו ווען מ׳האָט ניט געהערט קיין ווערטער, האָט מען לויטן טאָן פון די יללות, זיך אָנגעהויבן משער צו זיין. ערשט אַז זי האָט זיך באַרואיקט, איז נאָכגעקומען אַזאַ שפּרוך, ווי:

— פּיצעלעך קינדער, וואָס וועלן זיי איצט, נעבעך, טאָן? און ווער וועט זיך אויף זיי אומקוקן, און ווער, און ווי, און וואו, און וואַ—אַ—אַ—אַ!

דערפאַר אָבער ווען דאָס אומגליק איז פאַרקראָכן צו איר אין שטוב אריין, איז זי געבליבן זיצן איינע אליין מיט צוויי קינדער, מיט אַ טויטן געביין אויפן בעט, און געוואָרט אויף גוטע אידן, וואָס זאָלן אים אַרונטערנעמען אויף דער ערד און אָנצינדן אַ ליכט. און דער־ווייל איז אין הויז געווען שטאָק־פינסטער.

ס׳איז אַזוי געווען די מעשה:

זעקס טעג ווי איר מאַן, כאַצקל, האָט געהאַלטן אין איין גוסס׳ן, און זי, זיין ווייב, פערטשע, האָט כסדר אָפּגעשריען דעם טויט. נו, מענטשן זענען געקומען, געקומען, און גאָרניט. צום סוף, אַז כאַצקל האָט אויסגעצאַנקט ווי אַ ליכט, איז זי שוין געווען הייזעריק, און גיי שריי חי וקים. אָבער אויף וויפיל קיינער איז ניט געווען דערביי, האָט מען דאָך איבערדערציילט, אַז זי, פערטשע, האָט נאָך באַוויזן אין דער לעצטער מינוט אַ געשריי צו טאָן: „כאַצקל, ווי לאָזטו מיך אי־

בער?״ כאַצקלען האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַפּגענומען דאָס לשון, אָבער ער האָט נאָך ראַפּטאַם אַ שטרעק געטאָן די האַנט צום הימל, און דאָס האָט באַשיינפּערלעך, לויט אַלע סמנים, געמיינט — „ביי גאָט!״

אַ מאַמע מיט צוויי קינדער זענען געזעסן שבעה, און גוטע שכנים האָבן צוגעטראָגן וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט. פּערטשע האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ קליין בענקעלע, און איז דערהויבן געוואָרן. ניט קיין רחמנות האָט זי געוועקט, נאָר דרך ארץ צו אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַלטן אין איין ארומפליען, און פּלוצים האָט מען אים אָפּגעשאָסן אַ פליגל — אויס מענטש, מלאך — אויסס — — —

די שטוב האָט איינגעדרעמלט. פון דער וואַנט האָט ארונטער־געקוקט כאַצקל׳ס פאָטאָגראַפיע. דאָ, צווישן די בראָנזענע רעמלעך, איז ער געווען אַ סאָלדאַט, אַן איינגעדאַרט, אויסגעצויגן אידל מיט אַ שפּיץ בערדל, באַצירט מיט שליפעס — אַ סאָלדאַט באַ פראַנץ יאָזעפ׳ן. אַ בערדל אין דער גאַס, אין דער היים, אין דער בעקעריי. דאָס האָט ער אָפּגעהיטן זייט ער איז צום שכל געקומען. אַלע יאָרן אַ מענטש, אַ איד. אַ פילאָזאָפיע אַזאַ, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אַלס קינד, און זי געטראָגן דורך ענגע געסלעך, נאַפּט־קרעמלעך, עסיג־און הערינג־ירידים, דורך אַ פינסטערן בעקער־פּעקעליק ביז אהער.

שטייט ער איצט דאָרטן אונטערן איינגערעמטן שייבל, מיט אַ ביקס אין האַנט, און ס׳דאַכט זיך, אז דאָ, צווישן דער הענגל־וואָג, זוכט ער איצט דעם כאַצקל, וועלכער האָט אַ גאַנצן לעבן געשאַנעוועט די שבת׳דיקע הויזן, זיך דערפאַר ארומגעדרייט אין די גאַטקעס, און צום סוף, איז ער געבליבן נקי, ווי גאָט האָט אים געהאַט.

„וואו איז ער, דער בעקער, ערגעץ?״ — וואונדערט ער זיך פון דער וואַנט ארונטער. „וואו איז ער, אַט אַ דער, וועלכער האָט שטענ־דיק אַרומגעשוועבט צווישן די ווייבער—אַ טשאָלנט אריין, אַ טשאָלנט אַרויס, מיט אַ רויט שטאַרצל, מיט אַ גרין בענדל, אַ ברויט האָט אויפ־געפלאַצט, די זעמל זענען איינגעדאַרט, מיט קימל און אָן קימל, זעץ און גיס דאָס קאַלטע וואַסער!״

נאָר ער, כאַצקל, איז שוין מער ניטאָ. אַ לאָפּעטע איז געבליבן טריקענען נעבן באַק־אויוון, און אַ זכר איז געבליבן הענגען אויף דער וואַנט. אַ פּוטער-וויס פּנים׳ל, אַ שמייכל אויף די ליפּן, און אַ ביקס — דריי צוזאמענגעשטיקעוועטע זאכן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט

געקלעפּט איינס צום אַנדערן — שטענדיק זיך געווען פרעמד. פונקט ווי עס האָט זיך ניט געקלעפּט דאָס, וואָס ער האָט יעדן שבת צו שלוש־סעודות צוגעטראָגן זיינע פיר חלות אין בית המדרש אריין, און אליין איז ער געבליבן זיצן, העט-העט נעבן אַ שפּיץ טיש. קינדער אין די גאַסן פלעגן טאַקע לאַכן — „האַ-האַ, כאַצקל אין די שבת׳דיקע הויזן“. און זי, פּערטשע, האָט געהאַלטן אין איין שרייען, הלמאי ער קויפט בעסער ניט פאַרן זון אַ פּאָר שיך. נאָר גיי טענה זיך אויס מיט אַ אידענע.

כאַצקל, אַ איד, אַ בעקער, איז אַ גאַנצן דאָס, וואָס מען רופט אַ לעבן, געגאַנגען נעבן דער וואַנט. ווי אַן איבעריקער, האָט ער זיך גע־שאַרט ארום די ברעגן, און צומאָל ניט אָפּגעפרעגט: וואָס? וואָס האָט געוואָלט א פראַנץ יאָזעף פון אים? צו וואָס דאַרף זי, פּערטשע, שרייען? זעט זי דען ניט, אז ער טוט אויף אזוי פיל, אויף וויפיל עס סטאַיען אים כוחות? וואָס קומט ארויס פון שלוש סעודות? און וואָס ווילן די קינדער, ווען זיי לאַכן? און פאַרוואָס מוז ער דאָס אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר היטן, אז דאָס טייג זאָל אויפגיין? און אַז עס וועט אַמאָל ניט אויפגיין? אז עס וועט ניט אויפגיין?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ איד, ווי כאַצקל, האָט ניט געפרעגט קיין שאלות. צו עטלעכע און פערציק איז ער געבליבן זיצן אויף די שטיגעלעך, וואָס פירן אַרונטער צום אויוון. און טאָמער האָט מען זיך אַ כאַפּ געטאָן: „אוי, כאַצקל!“ — האָט ער שוין געהאַלטן נאָענט צו נעילה.

ער איז געשטאָרבן אויפן בעט, ווי א פריץ. כאַצקל און א גע-לעגער, אפילו דאָס האָט זיך ניט געפּאָרט.

און איצט?

איצט איז ניטאָ מער דאָס איינגעמעלטע אידל, וואָס פלעגט „מיטן שווייס פון זיין פנים“ אויסגראָבן חיונה — ניטאָ מער כאַצקל.

אינמיטן שטוב שטייען צוויי שאַפעס, איינע אַ געלע, די אַנדערע אַ טונקל-ברוינע, צוויי לאַטעס. די ערשטע שאַפע האָבן זיי געקראָגן דרשה־געשאַנק. „אַ געשענקטן פערד קוקט מען ניט אין די ציינער“. די צווייטע, האָבן זיי איינגעהאַנדלט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. אויך דאָסזעלבע: ס׳האָט זיך פונקט געמאַכט, אויף אַלדי שונאים׳ס קעפּ,

אַ פויער איז אַוועקגעשטאַרבן, און דאָ האָט מען געדאַרפט — א שיכל וואו אוועקצולייגן, אַ קליידל, אַ וויכעטש, ס'איז זיך ניט געווען וואו א ריר צו טאָן. נו, שטייען אָט אַ די שאַפעס אינמיטן שטוב, ווי צוויי מצבות, און גליווערן — שאַ שטיל. עס שווייגט דער לאָמפּ, וואָס הענגט אויף א בלעכענעם פאַרקאָפּטשעטן אויער אין דער וויטרינע, דער קופּערט, באַראָן דע הירש, — אַלץ שטומט. אפילו די פיר-קאַנ-טיקע גריך־אָפּגעפּאַרבטע בעלקעס אויפן סופיט, וואָס אין מינוטן פון צער, פלעגט מען זיך ווענדן ארויף צו זיי, אפילו זיי — שווייגן.

אויפן קאָמאָד צאַנקט א קנייטל אין א געפינגערט גלאָז. עס צינגלט א פלעמל איבערן אָטעם פון דריי — אַ מאַמע מיט צוויי קינ-דער. דריי שאָטנס ווי אַ סגל צונויפגעקאָרטשעט.

— „שלוש, — שאָקלט פּערטשע צו מיטן קאָפּ, — וועסט שוין ניט טראָגן קיין חלות צו שלוש סעודות" — און די צוויי קינדער טר־ליען זיך נענטער צו — — — שבעה.

אין דריטן טאָג פון דער שבעה האָט זיך פלוצים געיאָוועט ר' אברהם גדול, דער מעל-סוחר.

— ר' אברהם גדול בכבודו ובעצמו, — האָבן זיך די שכנים גע־שושקעט אויפן אויער. פּערטשען זענען אַזש די אויגן פאַרגאַנגען מיט טרערן — „פּאַרט דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט".

ר' אברהם האָט באַדויערט, געטרייסט, דערמאָנט לזכות דעם פאַרשטאָרבענעם כאַצקל, צוגעזאָגט הילף—„מ'דאַרף האָבן גלויבן אין אים, ווען נאָמען א מענטש איז ניט ווערט צו מעלדן".

— אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק!

און דאָ אויף דער שוועל ארויס, שוין באַלד באַם אָפּגיין, האָט זיך דער גאַסט פלוצים א ישוב געטאָן. איין האַנט האָט ער פאַררוקט אין דער געדיכטער רויטער באָרד אריין, דעם שטערן פאַרקנייטשט, און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער פון בוזים קעשענע אין כאַלאַטל, גע־צויגן א כתב.

— וואָס איז דאָס פאַר א כתב, ר' אברהם?

איצט איז שוין געווען נאָך דער מינוט פון ישוב'ן זיך, און ער האָט מיט אַ וווייכן, פאָטערלעכן טאָן, געענטפערט, אַז מסתמא וויל זי דאָך אויף ווייטער האַנדלען „וואָרים די לעבעדיגע מוזן דאָך לעבן..."

— אַ דאַנק, ר׳ אברהם, אַ גרויסן דאַנק!

— נאָר אפשר קאָן עס איר צוועלף יאָריקער שלמה׳לע אונטער־שרייבן, וואָרים זי, פערטשע, שוין יאָרן ווי זי האָט ניט איינגעטונקט די פעדער?

— ניין, ס׳איז גלייכער, אַז זי אליין זאָל עס אונטערשרייבן.

— מילא, אז ר׳ אברהם זאָגט, אַז גאָט וועט העלפן, מסתמא וועט ער דאָך העלפן? — — — — — —

אין דער גאַס, אויף ראָג גנאַינע, צווישן איינגעקנייטשטע אָרימע הייזער, מיט משופע׳דיקע אָפגעשונדע דעכער, אונטער לאָדנס פון וועלכע ס׳האָט געזעצט א ריח פון פאָסנע קאַרטאָפּלעס אין היימישן שוויס, זענען שטענדיק געשטאַנען די באַלמעלאָכעס פון שטעטל — „קהל׳ס פאַרזאָרגער” (ווי מ׳פלעגט זיי רופן).

יונה, דער שמש, האָט גע׳טענה׳ט, אז דאָרטן צערייבט מען די וועלט אויף דער דלאָניע. וואָד־איין, וואָך-אויס אזוי, און ער זאָל האָבן די גוטע יאָר, וואָס וואָלט קראַנטער געווען ווען זיי זענען טועם אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים. דערווייל אָבער, ביז וואָס ווען, ביז ס׳באַ־ווייזט זיך א חשוב׳ער באַלעבאָס, גיט ער אליין א שטעק אריין די באָרד און אַ נאָש אַ ביסל פּאָליטיקע.

— פּאָליטיקע, שמיטיקע, גיט ער א זאָג ביים סאמע סוף, שקצים, דראַבעס וואָס איר זענט! ווייסט מען שוין, אז עמיצער גייט, און מ׳דאַרף זיך א היט טאָן מיט די רייד...

דאָס מאָל, דערזעענדיק ר׳ אברהמ׳ען, איז דער שמש אָפּ מיטן זעלבן פזמון, און חברה יונגען האָבן פונדערווייטנס דעם גאַסט אַ נעם געטאָן אין דער אָרבעט אריין...

איינער האָט געזאָגט, אז ווען מ׳נעמט אָט אָ דעם בערישן איד, און מ׳האַקט אים אונטער דעם רויטן בעזים, די באָרד מיינט ער, וואָלט ר׳ אברהם געווען א גוטער קאַוואָלעריסט. א צווייטער האָט אים דווקא געוואָלט מאַכן פאר אַ פאַרשטעטיק אין דער מקוה. א דריטער ווידער האָט געזאָגט, אז נאָר אַ סאַרווער אויף גוי׳אישע חתונות, וואָלט ער באַדאַרף זיין. און אָלע זענען באַשטאַנען דאַרויף, אַז דער גדול איז פון קאָפּ ביז די פיס פול מיט גזילה, און אז ער האָט שוין ניט איין מענטשן בדיל הדל געשטעלט.

נאָר מאָלע וואָס געזעלן-יונגען באַלאַבאָטשען אויפן ראָג. מאָ-

מעס האָבן שוין פון לאַנג געזאָגט, אז פון דעם קאָן קיין גוטס ניט ארויסקומען. אָבער די אחדות-יונגען, ווי זיי אליין האָבן זיך גערופן, פלעגן אָנשטאָט אָפּענטפערן, שטענדיק עפּעס אונטערברומען, אָדער צופייפן א ניגון.

— אָ פייפן אויף אַלדי רוחות! האָבן זיך אויסגעלערנט אַזעלכע פאַרשייטע ניגונים און זיך אוועקגעשטעלט אונטער די פענסטער פייפן. ניט אומזיסט זענען דאָ אַזעלכע צרות אויף דער וועלט!

— גאָט וועט העלפן, — האָט ר׳ אברהם, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, פאַרזיכערט פערטשען.

און ר׳ אברהם איז ניט געווען דער איינציקער. אין יענע טעג פון דער שבעה, האָבן פערטשען מנחם אבל געווען: יצחק בער, דער אייזנ-הענדלער, משה, דער פוטער־און הייוון פארקויפער, דער פארבער. נאָר איין מענדיל שוסטער, וועמען כאַצקל איז שולדיק געווען פאַר אַ פּאָר שטיוול, איז ניט געקומען. ער האָט געזאָגט, אז ער האָט ניט דאָס הארץ, און זאָל מען ניט מיינען אז ער קומט רייסן דעם ביסן פון מויל..

שלמה׳לע, כאַצקל׳ס בן־יחיד, האָט זיך אין יענע טעג מיטאמאָל דערפילט גרויס. יעדער פון די באַזוכער האָט אים א גלעט געטאָן איי־בערן קאָפּ און געזאָגט, אז „פּאָרט א נחמה״. שלמה׳לע האָט דערפילט ווי ער וואָלט ביז איצט געשלאָפן און מיטאָמאָל קלאָפּט אָן דער שמש אין זיין לאָדן: — „שטיי אויף שלמה צו סליחות!״ שלמה — אויס „לע״ און באַלד אפשר „רעב״ צוגלייך מיט אַלע דערוואַקסענע, א מענטש, אַ מאַנספּארשוין, וועמען מ׳האָט אָנפאַרטרויט אַ מאַמע מיט אַ שוועסטערל.

ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרקנייטשן דעם שטערן און זיך גלעטן די גאָמבע, מעשה באָרד.

— ווי זאָל ער איצט אָנהויבן? ס׳וואָלט אַוואַדע כדאַי געווען ארויף צו דער מדרגה פון, לאָמיר זאָגן, א ר׳ אברהם. יאָ, דאָס וואָלט כדאי געווען, אָבער ס׳איז דאָך אומעגלעך. נו, גוט, וועט ער ארבעטן באַ יצחק בער׳ן אין אייזן-סקלאַד. די מאַמע האָט אים מיט צוויי טעג צוריק געבעטן, און ער האָט צוגעזאָגט. וועט ער, שלמה, ארבעטן, אָבער ער וועט אויך בעטן יצחק בער׳ס זון, ער זאָל אים אויסלערנען פירן ביכער. וועט ער, שלמה, זיצן גאַנצע נעכט און זיך לערנען. ער וועט אויף אייביק אויסלעשן די אויל־לאָמטערנע, וואָס פירט אין חדר

אַריין, און וועט מיטאַמאָל טראָגן כבוד, כבוד פּאַר א מאַמען און א שוועסטער, וועלכע זענען אינמיטן טאָג איינגעשלאָפן געוואָרן און קנוילן זיך אין דרייען.

כסלו טעג. דער ווינט האָט אָנגעהויבן פּרירן אויף די שויבן. בלאָער פראָסט האָט זיך געקרישלט אויף די געזימסן פון די וויטרינעס. וואו נאָר אַ שפּאַלט, אַ לאָך, א צעלעכערטע רינוועס, איז זי פאַרשטעקט געוואָרן מיט אַ שמאַטע. גנאַינער לאַכודרעס. ווינטער איז אויף דעם אויך אויסגעגאַנגען אַ יקרות. דער גאַנצער אַלטער מאַרק איז געלעגן אונטער די לאָדנס און געהויכט אין די זשמעניעס אַריין. קינדער פון אונטער דורכגענעצטע שטרוי-זעק אַפּיר, ארומגעבעט מיט וואַרעם־פלאַשן און הייסע ציגל, האָבן גע'חלומ'ט וועגן זוניקע טעג.

און דערווייל?

דערווייל זענען זיי, פאַרלאַטעטע, געלעגן אונטער די ריגלען און געוואַרט אויף טאַטע־מאַמע וואָס שלייען זיך אַרום איבער די דערפער, שלעפּנדיק אויף די אַקסלען עול פּרנסה. פון הינטער אַפּיר האָט מען זיך אויף די פאַרשנייטע פענסטער אויסגעהויכט ליכטיקע שעה'ן. ווער עס האָט זיך אויסגעהוכעט א שטיק ברויט מיט פּוטער, ווער פליישׁ, ווער א קלייד און ווער א גאַנצן מלבוש מיטאַמאָל.

און שלמה'לע?

יצחק בער האָט טאַקע צוגעזאָגט, אָבער גענומען האָט ער ניט. זיין זון, דער בוכהאַלטער, האָט א קוק געטאָן פון אונטער די ברילן און זיך צעלאַכט אויפן קול. און טאַקע יענעם ווינטער נאָך האָט דער קאַמאַרניק פּערטשען געלאָזט וויסן, אז אויב זי וועט ניט באַצאָלן אירע חובות, וועט מען דאָס הויז פאַרזיגלען.

— באַצאָלן? גאָט אין הימל, אויף דיר און אויף דיין גענאָד יואַרט דאָך גאַנץ גנאַינע!

יענעם ווינטער האָט מען פון פּערטשע'ס הויז אַרויסגעשלעפּטביידע שאַפעס. דערנאָך האָט מען זיך א נעם געטאָן צום זייגער, צו די בענקלעך. אפילו דער אַלטער באָבע'ס תכריכים, וואָס זענען געבליבן, ווייל זי, די אַלטע, איז געשטאָרבן אויף א טיפוס אין שפּיטאָל, און מ'האָט צו קבורה ניט צוגעלאָזט, אפילו דאָס האָט מען צוגענומען.

— גאָט אין הימל, הערסט צי דו הערסט ניט? גזלנים! — האָט

פערטשע געווײַנט, — ס׳מת האָט דאָך נאָך ניט אָפּגעקילט.

נאָר די פּאָליציי האָט געזאָגט, אַז דאָס געזעץ האָט באַפוילן, און אויסער דעם, האָט זי, פּערטשע, דאָך אַליין גע׳חתמ׳עט — אָט איז דאָס כתב.

— יאָ, זי דערקאָנט עס. ס׳הארץ האָט איר אָבער באַלד גע־זאָגט. ר׳ אברהם האָט זיך געהאַלטן אין איין שווערן בא זיך, און זיי־נע קינדער, אַז די זאַך איז איצטער אויסער זיין רשות. ר׳ חיים איז געלעגן באַגראָבן אין פינפטן אָלקער און מ׳האָט כסדר געזאָגט, אַז ער איז ניטאָ אינדערהיים. און יצחק בער׳ס זון האָט גע׳טענה׳ט, אַז די גאַנצע זאַך איז ניט מער ווי אַ צוג אַזאַ אין בוכהאַלטעריע. צום יאָר מוז מען אויסגלייכן דעם באַלאַנס. דער דעביט מיטן קרעדיט מוזן שטימען.

און די שכנים האָבן מיט פאַרשטשעמעטע מיילער און געבויגענע קעפּ באַגלייט כאַצקל׳ס ווירטשאַפט. ס׳האָט אויסגעקוקט ווי אַ פּראָצעסיע פון שטומע, וואָס ציט זיך נאָך אַ לויה פון אַן אויסגעקוי־לעט געסל. בלויז קרעכצן האָט מען געהערט, בלויז אַן אָפּקלאַנג, אַ זכר וואָס דערמאָנט, אַז ערגעץ וואו איז נאָך לשון פאַראַן, נאָר אויפן מאָמענט איז עס אויסגערונען.

טבת, שבט, אדר, — שנעל אויף די פינגער פלעגט דער טאַנדעט־ניק אויסרעכענען, בעת „אַ גנאַינער" האָט זיך צו אים געווענדט נאָך אַ פּאַלטן אויף באָרג. וואָס דאַרפסטו עס? — האָט ער יענעם פּרו־בירט איבערצוצייגן, — איינס, צוויי, דריי, אינגאַנצן דריי חדשים, און זומער דאַרף מען שוין ניט קיין פּאַלטן.

דאָ איבער די געסלעך האָבן זיך אָבער געצויגן לאַנגע ווינטער־דיקע חדשים, און טאָמער איז געווען ווייניק, איז אויף „גנאַינע" נאָך אויסגעאַנגען אַ בראַנדיקער „ואדר".

און אין ניסן ווען די שנייען האָבן אָנגעהויבן צו טאָפּטשען, און די פאַרפרוירענע גריבלעך זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט בלאָטיקע וואַסערלעך, און „גנאַינע" איז רויט געוואָרן הוסטנדיק, פונקט דע־מאָלט האָט שלמה׳לע געדאַרפט ווערן בר מצוה. און עס איז גע־גאַנגען ד י סדרה — ווער געדענקט עס וואָס פאַראַ סדרה ס׳איז גע־גאַנגען. יאָ, איז פונקט דעמאָלט האָט זיך שלמה׳לע באוויזן אין

גאָס מיט אָפּגעשניטענע פּאות און אַ גומענעם קאָלנער.

— וואָסי שלמה? חסר דעה, צו וואָס?

גאָרניט!

— וואָס הייסט גאָרניט?

— גאָרניט, גאָרניט! איז ער שוין איינגע׳עקשנ׳ט געוואָרן, און מעשה מענטש זיך אַנטקעגנגעשטעלט.

— —

שוין איבער דריי חדשים צייט, ווי די סטאָליער-יונגען האָבן שלמה׳לען אריינגענומען צו דער אַרבעט, און צוגעזאָגט דעם באַלע-באָס און דער מאַמען זיינער, אז זיי וועלן אים אויסלערנען די מלאכה. צוגלייך מיט דער אַרבעט האָבן זיי אים אויך פּרובירט אויסצולערנען, אַז ס׳איז ניטאָ קיינער אין הימל.

מילא, צי ס׳איז דאָ אימיצער דאָרט אויבן, צי ניין, דאָס האָט ער נאָך ניט געקאָנט באַשטימען, אָבער אַז אברהם גדול לייגט דווקא איין וועלטן אויף דער מזרח וואַנט, דאַרף מען אים אויף צו להכעיס טאָן פּונקט פאַרקערט, דאַרף מען זיך אַנטאָן אַזאַ מין גומענעם קאָלנער ביז צום איבערשניידן, און האָב אים אַ שוואַרץ יאָר!

פּערטשע האָט ניט אינגאַנצן באַנומען איר זון, און אָוואָדע ניט די „אחדות-יונגען״, אָבער אַז זיי לערנען איר שלמה׳לען אַ מלאכה, דאָס האָט זי געזען, און אַז ער איז דער איינציקער, וועלכער וועט גאָט צו פריער, דערנאָך ער, מפרנס זיין דאָס הויז־געזינט, דאָס האָט זי אויך געזען. איז טאַקי אמת, האָט זי בא זיך געטראַכט, אַז די אחדות־יונגען, איר שלמה׳לעס איצטיקע חברים, זענען אפּיקורסים און טויגן אויף תשעים ניינציק, נאָר טאָמער חלילה שיקט זיי אימיצער צו אַ קללה, זאָל עס ריבונו-של־עולם אויסגיין צו דעם יעניגנס קאָפּ, צו זיינע הענט און פיס! (דאָ פלעגט זי זיך צעוויינען). דערביי פלעגן די שכנים מיט די אַראָפּגעלאָזטע טיכלעך איבער די שטערנס, צושאָקלען מיט די קעפּ און זאָגן, אַז ס׳איז פאַרט דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, און ער שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה.

משה מאָריץ

כ׳האָב דעם כבוד פאָרצושטעלן: משה מאָריץ פון דער היים.
געטייטשט האָט עס זיך אזוי: ווען דעם טאָטנ׳ס סקלאַד איז געווען אַ קליינער, האָט דער זון געהייסן משה, נאָר ווען אין אַלע וויב־קעלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן שטויסן ברעטער, הויך-העכער און נאָך העכער, דעמאָלט איז עס געוואָרן אויס משה: — מאָריץ.

מאָריץ אויף העברעאישע קורסן, מאָריץ אין דער צוקערניע, מאָ-ריץ פענסנע, מאָריץ ליוביטעל, דער אַקטיאָר, דער רעזשיסאָר, מאָ-ריץ דער ציוני, דער ועד, מאָריץ בוכהאַלטער — —
פאַרגעסט זיך אמאָל דער אייגענער בראַטאַק און גיט מאָריצ׳ן א רוף אינמיטן דער גאַס אויפן פאַר-פינפיאָריגן נאָמען. ער האָט זיך תיכף פרובירט צוריקכאַפּן, נאָר א שטעטל, גיי שפּיל זיך מיט אַ שטעטל. זייט דעמאָלט האָט מען אים גערופן: משה מאָריץ.
ווען דערזעלבער משה מאָריץ איז ארונטערגעקומען קיין אַמע-ריקע, האָבן אים אָפּגעוואַרט זיינע אַנקלס, טאַטעס, קינדערלעך מיט דעקלאַראַציעס אין מויל, אַלי-אַלי, קאַרוסאַ, אַ גרוס פון דער היים, אל מלא רחמים, אלץ — אַלע האָבן גלייך געזען, אַז ער, מאָריץ, וועט שוין זיינע יאָרן ניט אפּפינסטערן אין שאָפּ.
און מאָריץ אַליין?
מאָריץ איז בשעת מעשה געשטאַנען באַם פענסטער, געקוקט אויף די לאַנגע שטריק מיט נאַסע וועש און מקנא געווען דעם היימישן בוידעם.
די ערשטע נאַכט אין אמעריקע האָט מאָריץ ביטער געוויינט. פאַרטאָגס איז ער אַ מידער אַנטדרעמלט געוואָרן, און גע׳חלומ׳ט האָט זיך אים, אַז ער איז נאָך אַלץ אויף דער שיף, אז מ׳האָט די שיף אָנ־געקליידט מיט הוידלקעס, פאַר יעדן פּאַסאַזשיר איינע — „הושש, הושש, זאָל עס זיך הוידלען, זאָל זיך די שיף קיינמאָל ניט אָפּשטעלן״..

נאָר אינמיטן האָט זיך דער אַלאַרם־זייגער צעקלונגען. מאָריץ האָט זיך אַ דערשוויצטער אויפגעכאַפּט, און אָט וואָס ער האָט געזען:

איינער כאַפּט א קראַוואַט, א צווייטער אַ פּאָר שיך, שלייקעס, א דריטער זאָקן, אַ קאָרסעט, אַ מאַנטל, און אינמיטן אויף בלויע פייער־לעך מיט א מאָדנעם ריח האָבן טעפּלעך זיך געזשאַרעט. — — — א לויף אַ כאַפּ, און עס, אַ ביס, און איידער מאָריץ האָט צייט געהאַט איבערצוציילן, וויפל זיי זענען דאָ געווען אויפן געיעג, איז די שטוב געווען שוין ליידיג.

טיק-טאַק, אַ זייגער אויפן קאַלטן קאָמאָד. אינדרויסן פאַרביי דעם פענסטער גייט דער טראַם — גלין-גלאַן, גלין-גלאַן — רוישיקער גליוועך, יום-טוב, — אַמעריקע.

פון די וואַסער-קראַנען ציען זיך לאַנגזאַם לעצטע פלעכטלעך: טריפּ־טראָפּ. מאָריץ, אין די נייע אַמעריקאַנער גאַטקעס, שטעלט די פיס צום טאַקט און באַטראַכט:

— — מ׳קאָן זיך באָדן, נעמען א טוש, מעסערלעך צו ראַזירן, אין דער וואַנט-שאַפקע אַ גאַנצע אַפּטייק, אויפן טיש ברויט מיט פּוטער, זעמל, הערינג, וואורשט, קאַקאַאָ — מ׳דאַרף גאָר זיך אָנטאָן און אַרויס! וואו ארויס? וואו גייען זיי? דזשאב. מאָריץ האָט דערלערנט א וואָרט — דזשאָב.

צוערשט איז אים אויסגעקומען, אַז עס מיינט „אַ גוטן טאָג". יעדן אינדערפרי איז אן אנדערער צוגעקומען צו זיין אַלקערל און אַ זאָג געטאָן דאָס וואָרט: דזשאַב. נאָר שפּעטער האט ער לויטן טאָן דער־קאָנט, אז ס׳איז א קללה אַזאַ — דזשאָב.

זונטיק אינדערפרי האָט זיך דער אָנקל אין שפּענצער אוועקגע־זעצט ציילן. „זעסט", האָט ער געזאָגט צו מאָריץ׳ן, מ׳פּרעסט אויס א דרעס און מ׳רייסט אַרונטער צען סענט, שטיק-אַרבעט, צאָיטשיק. טיקעטלעך — אַ שווערע מלאכה".

מאָריץ האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען, אָבער געפרעגט האָט ער אויך ניט. ער האָט אפילו ניט געפרעגט אויף די צוויי ברידער, וועלכע האָבן זיך אויף דער שנעל אַרומגעוואַשן, אַרויפגעצויגן די מאַנטלען און אַרויס. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי האַלטן זיך בא די הענט, אַז זיי ווייִנען שלאָפענדיק. נאָר געפרעגט האָט ער ניט, ביין.

אים איז געווען דערווידער דער גאַנצער עסק פון אן אַנקל, וואָס ציילט מיט גראָבע הענט קליינע פּאַפּירלעך, האָט א הנאה, זיפּצט ווי אן אַל־טער, און גרויסט זיך ווי א אינגל.

יאָ, דער בעזגראַמאָטנער אינגל, האָט הנאה פון דעם, וואָס מאַ־ריץ העלפּט אים אויסרעכענען און כאַפּט שנעל דעם חשבון. „האַ־האָ", זאָגט ער, „דו וועסט שוין דיינע יאָרן ניט אָפּפינסטערן אין שאָפּ".

און די טאַנטע ווישט די פענסטער, ווישט אַרום דאָס גלאָזוואַרג, דעם טיש, רייבט די וואַנע, — רייניגט. און צווישן איין שמיר און צווייטן פאַרגייט זי זיך אין אַ זיפץ. „אַי, ווען מיין ברודער וואָלט געהאַט געלט אויף אַ טיקעט, ווי דו, מאַריץ, אַי, וואָס קאָן ער נעבעך דאָרטן דערלעבן ביי די פּאָליאַקן?"

מאַריץ באַדויערט די טאַנטע, וואָס קוקט אויס ווי אן אויסגע־צוואָגן ברעטל, און זיפצט מיט. נאָר ענעלע און בענעלע, זייערע צוויי קינדער, לאָזן ניט אָפּ אויף אַ מינוט:

— קאָזין מאָריס, אין יוראָפּ איז אויך דאָ אַמעריקע?

— יאָ.

—קאָזין מאָריס, אין יוראָפּ ציילט מען אויך נאָמבערס?

— יאָ.

— קאָזין מאָריס, אין יוראָפּ איז אויך דאָ אַמעריקע?

— אַי, וואָס דרייען זיי דאָרטן א קאָפּ, — פּאָלט די טאַנטע אריין אינמיטן. — אַמעריקאַנער קינדער, גיב זיי באָל צו שפּילן, גיב זיי, טו בי, טרי בי, און דאָך בלייבט עס דאָס ווי די וואַנט, אַי, אַמערי־קע, אמעריקע, ווען מיין ברודער וואָלט כאָטש געהאַט געלט אויף א טיקעט, וואָלט ער זיך ניט באַדאַרפט אַזוי מוטשען, וואָס פאַר א תכלית קאָן ער דאָרטן דערלעבן ביי די פּאָליאַקן, וואָס קאָן ער, אַי, אַי, אַי.

מאַריץ זיפּצט ביז צו טרערן.

די קינדער קוקן ארויף מיט באַוואונדערונג.

— קאָזין מאָריס, אין יוראָפּ וויינט מען אויך?

— —

נאָכמיטאָג האָט די טאַנטע אָנגעטאָן א געשטריקטע יאַקע, דער אַנקל אַ זיידן העמד מיט שטרייפן, ענעלען און בענעלען האָט מען אי־בערגעלאָזט בא אַ שכן, מאַריצן האָבן זיי גענומען בא דער האַנט ווי א קינד און געגאַנגען.

געגאַנגען, געפאָרן, געפאָרן, טראַנספּערירט פון איין באַן אויף דער אַנדערער. מאַריץ האָט א דורשטיקער געשלונגען דעם נייעם וואונדער.

— נו, אַט זאָגט מען, אַז ס'זענען פאַראַן אין ניו יאָרק זיבן מיליאָן מענטשן. איצט זענען דאָ זיבן מיליאָן און איינער. איינער מער אין סאַבוועי. קיינער פרעגט ניט, קיינער זאָגט ניט. קוקט ער אויפן קאָנדוקטאָר, דער קאָנדוקטאָר אויף אים. אנטקעגן זיצן מענטשן און קייען. זאָל ער נעמען אַזאַ מין זאַך אין מויל אַריין, וועט מען דענקען, אַז ער זיצט שוין דאָ זייט יאָרן און קייעט.

— נו, און ענגליש, און פּרנסה, — האָט מאַריץ א טראַכט געטאָן, און דער חלום וועגן ווערן א גרויסער אַקטיאָר, וועגן ארויף, וועגן א טרייסל טאָן מיט דער וועלט? בעת זיינע חברים האָבן אים באַגלייט צו דער באַן, האָט אים די שייניקע רעגינטשע געזאָגט, אַז ער שווייגט אינם לעצטן אָפשייד־מאָמענט, ווי אַן אמת'ער פילאָזאָף. זיין פריינט לעאָן האָט דערויף געענטפערט, אַז ער זאָל ניט פאַרענדיקן ווי דער פילאָזאָף וויינינגער וואָס האָט זיך פרי גענומען דאָס לעבן. לעאָן, א חכם.

צו איין זאַך האָט זיך מאַריץ זיצנדיק דאָ אין סאַבוועי יאָ דערטראַכט: אַז ס'וועט זיין א סך שווערער, ווי ס'האָט זיך אויסגעדוכט פון דערווייטנס. נאָר פאַראַן אַ טרייסט: אַז די וואָס זיצן דאָ קעגן איבער און קייען, קאָנען, — וועט ער מאַריץ, דעם אַלטן פּאָטאָקס אייניקל, אויך קאָנען. דער עיקר, אפילו ס'זאָל אויסקומען אין אָנפאַנג צו פאַרקאַטשן די אַרבל, וועט מען מוזן, אַבי זיי דאָרטן אין שטעטל צו צייגן אַז ער, מאַריץ, וועלכן מ'פלעגט רופן אונטער די אויגן משה מאַריץ, אַז ער איז דוקא געבליבן — מאַריץ.

איז מען געגאַנגען, געפאָרן, טראַנספּערירט, ביז וואַנען מ'האָט זיך דערפרעגט, דערקלונגען צו אַ קיילעכיק פּליכעוואַטע -אויסגעבייכלט נפש'ל.

דער אָנקל האָט געלויבט, געזאָגט, איבערגע'חזר'ט, אַז אויף אייביק אין שאָפּ ניט, נאָר דערווייל ביז וואָס, ווען.

יענער האָט אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און צוריקגעטענה'ט, אז ער דאַרף ניט, ער קאָן ניט, ס'איז אוממעגלעך, ס'וועט ניט לוינען. נאָר גאָרניט — — — — אָלע־ראַיט.

„אָלע־ראַיט" מאָריץ האָט נאָך א וואָרט דערלערנט. א וואָרט צו א וואָרט, האָט מאָריץ אַ טראַכט געטאָן. ווערטער און פּעניס, מ׳וועט צוזאמענקלעפּן, זאַמלען, ביז וואַנען ס׳וועט סטאַיען אויף אַן אויפשריפט. דערנאָך וועט מען ארויסהייבגען אַ שילד אין סאַמע צענטער פון אמעריקע. — „איך מאָריץ פּאַרקויף", דערנאָך וועט מען גיין ווייטער, און אויף פאַרשיידענע וועגן, און אלע וועגן וועלן מוזן פירן צו איינעם: — צו דעם באַרימטן, פון בארוף אזוי און אזוי...

און דערוויילע?

דערווייל האָט מאָריץ געאַרבעט, געפּאַקט, געבונדן, געשלעפּט, געהאַוועט. געאַרבעט האָט ער ניט ווי דער דורכשניטלעכער מענטש, וועלכער טיילט די וואָך אויף טעג, טעג אויף שעה׳ן און די פרייע צייט פאַר אייגענעם געברויך. ניין, געאַרבעט האָט ער ווי אויף דערווייל, און ווייל אויף דערווייל, איז וואָס פאַר אַן אונטערשייד, וואָס, ווען מ׳טוט, און צי מ׳טוט איבער דער מינוט. פאַרקערט. זאָלן זיי זען. אפשר וועט אַמאָל אַרויסקומען אַ טובה. א טובה׳לע אין צייט איז אַ גרויסע זאַך. דאָ אַ פּרעס, דאָרט א ניי, א בינד, אַ פּאַק, און צו דערזעלבער צייט אַ קוק אַהין־אַהער, ס׳זאָל זיך קיין אַנדערער אויך ניט אונטערפּוילן. אמת, די פינגער, ביטערע פינ־גער אַזעלכע, נאָך ניט אינגאַנצן צוגעוואוינט. באַנדלס פלעגן צוריק־קומען וואָך-איין וואָך-אויס, און מ׳האָט געשמועסט, אז ס׳איז דעמ׳ס, יענעמס, נאָר וועמען אָרט עס, וועמעס ביזנעס איז עס?

ביזנעס — נאָך א וואָרט. אַ וואָרט צו א וואָרט, ס׳וועט דאָך מוזן קלעקן מיט דער צייט.

און נאָך א שוואַכקייט האָט משה מאָריץ פאַרמאָגט: ער האט זייער ניט געליטן דאס וואָרט „גרינער". וואָס פאַר א גרינער אין מיצקע דרינען? אָפּגעלעבט פינף און צוואַנציק יאָר מיט מענטשן, און נאָך ווי מיט מענטשן גלייך, און פלוצים נאַדיר גאָר גרינער. אָבער מיט ענגליש איז געגאַנגען שווערלעך. ס׳איז אויסגעקומען ווי די גאַנצע שפּראַך ליגט אונטער דער נאָז. אַ לאַנד פאַנפעט. און ער, מאָריץ, האָט ניט קיין צייט איבערצובויען די נאָז, און האָט אויך ניט קיין צייט צו גיין אין שולע, טאָמער וועט מען אויסקומען אָן אַן אָפּעראַציע.

געפעלן געפעלט אים גראָד יאָ, דאָס וואָס דער „עלעוועיטערמאַן"
פון שאפּ רופט אים ביל, ביל, גיט ער א זאָג, גייסט ארויף? ביל.
נאָר ווען ער קומט אַרונטער פאַר מיטאָג און וויל קויפן א גלעזל סאָ-
דע, פרעגט אים די אידענע איבער, — „וואוּעס, וואוּעס זאָדע-וואסער,
טאָ פּאַרוואוּעס זאָג עץ באַלד ניט אַזוי, אידיש אינגערמאַן, אין
אמעריקע רעדט מען נישט קיין ענגליש".

אַלע אַרום שטייען. די פענסנע ווערט אַזש בלוי פאַר בושה,
ווי מ'וואָלט זי פאַרגאָסן מיט אַ געדיכטן קעראָסין.

— איז ווי אזוי זשע, ווען זשע — מאָריץ!

נאָר אָט פאָרט אונטער אַן אויטאָמאָביל, דער שאפער שטעקט
אַרויס די האַנט, גיט אַ כאַפּ דעם פאַרטראַכטן יונגענמאַן באַם אָרעם
— „העי. מאָטל, היט זיך, דאָס איז אמעריקע".

אַמעריקע, אַמעריקע, יאָרן פון אויפגעשאַרצטע אַרבל, פון אָדערן,
ווי שטריקלעך איבער דער הויט, פון קאָפּ-דאַרעניש וועגן א צוקונפט,
פון קריג צווישן אָנקלס, טאַנטעס, קאָזינס, פון זיין א באָרדער בא אַ
מיסעס, וואָס שענקט א גלעזל טיי און טוט דערביי א טובה. יאָרן
פון איינזאַמקייט, פון וועלן צוריק אהיים, פון עקשנות, פון רעכענען
און איבעררעכענען. זאָל ער, צו זאָל ער ניט. אַ איד גיט עטלעכע
הונדערט דאָלאַר, א היים, אן אייגענע שטוב, א מיידל; פּטור ווערן פון
די רעסטאָראַנען — אָלע-ראַיט!

אַזוי האָט מאָריץ מיט מזל חתונה געהאַט און פאַרצויגן א שילד
— To Repair.

שיע, וואו לויפסטו?

אַמאָל, נאָר ער האָט געהאַלטן אין איין לויפן:
— שיע, וואו לויפסטו, מ׳זאָל מיינען דו האַנדלסט?
— ניין, דאָס ניט.

נאָר קיין קלאָרן חשבון האָט ער ניט זיך, און ניט יענעם געקאָנט אָפּגעבן. אָט. ס׳האָט אים געטראָגן די אומרו — אויפן שטענדיקן געיעג.

אַ אינגל, א יחסן צווישן אַנדערע קינדער אויף די נאַלעווקיס: זיין טאַטן האָט מען געקאָנט אלס ר׳שכנה חזן. אלס צולאָג צו פרנסה. חזנות האָט ר׳שכנה אויך פאַרמאָגט א גאַלאַנטעריי-געשעפט.

ר׳שכנה, איין קליינִיקייט! אין גאַס וואָלט מען זיך בשום אופן

ניט פאַרגעשטעלט, אַז א איד מיט אַזאַ באָרד נעמט א פופצן יאָריקן בחור איבער די קני און שלאָגט מכח רצח.

„באַ מיר ווּעסטו מעביר סדרה זיין״ — פלעגט ער שרייען. מעביר סדרה זיין, באַ מיר! ניט צוליב דעם האָט ער אים פיינט געקראָגן, ניין. ער האָט אים פאַרהאַסט, ווייל ער האָט אים קיינמאָל ניט געזען אין כעס, ווייל בעת זי, די מאַמע, איז איבערגעבראָכן געוואָרן פון עול פרנסה, פלעגט ער, גלעטנדיק זיך די באַיאָרטע באָרד, קאַלט, אויסגערעכנט, מעסטן פעטש. ער, דער בכבוד׳יקער שלוח־ציבור, און זי, די מאַמע ,אַן אויסגעבויגענע, אַן אויסגעטרוקנטע... שוין אַזוי פיל יאָר אוועק...

אין זכרון זענען אויף אייביק פאַרבליבן יענע פריטיקס, ווען דער טאַטע, אהיימקומענדיק פון דער מקוה, אַן אויסגעפּאַיעטער, רויט ווי אַ בוריק, פלעגט ער אַ געשריי טאָן: „שבת!״ און די מאַמע, אַ פאַרמאַטערטע מיט ציטעריקע הענט, איז געשטאַנען אין קראָם — „נאָך, נאָך אַ פּאָר גראָשן״. פונקט איז אימיצער אַריינגעקומען קויפן אַ פּעקל האָר-נאָדלען.

די מאַמע — די סוחר׳טע, די קעכן, די שפּייזערן — גלייך נאָך די פיש פּלעגט זי איינשלאָפן. „עונג, עונג, שבת״, — האָט ער גע-האַלטן פאַריסן דעם קאָפּ צו דער סטעליע, סמאַטשקענדיק דערביי א ביין פון א פולקע-הון — „עונג!״

... ביין! ער, שיע, האָט דעמאָלט ניט באַדאַרפט אַנטלויפן. נאָר א אינגליש, סענסיטיוו, ברויזיק געמיט, וואָס ווייס קינד?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז געווען אָן א פּרייטיק. ער איז געלאָפן מיטן קלומעקל אונטערן אָרעם. און ווי ער האָט געשטעלט א פוס, האָט זיך אים אויסגעוויזן אַ באָרד. אַזוי ווי די גאַנצע נאַלעווקיס מיט בערד און שטעקעלעך וואָלטן אים נאָכגעשריען: „העיי! ר׳ שכנה,ס תכשיט!״ נאָר ער האָט זיך ניט אומגעקוקט. ער האָט זיי פאַרהאָסט ביז צום בלוט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זי, די איצטיקע, צווייטע ווייב זיינע האָט שוין ניט איינמאָל גע-הערט די מעשה. נאָר זי הערט גערן נאָך און נאָכאַמאָל. איר ווייזט זיך שטענדיק אויס, אז ער דערציילט עפּעס נייעס. אמאָל טראַכט זי, אַז כ׳לעבן, ס׳וואָלט גוט געווען די אַלע מעשות אין די צייַ-טונגען אריינצושרייבן. אָבער אַז זי קומט אין מאַרקעט אַריין, און הערט זיך אָן ווי באַ איינעם, ניטאָ געדאַכט, פּוילט די לעבער, א צוויי-טער האָט א לאָך אין האַרץ, אַ דריטער — וואָסער אין בויך, אַ ראַק אין מאָגן, — טראַכט זי, אז גאַנץ אַמעריקע מיט דזשענינגס סטריט צוזאַמען, איז איין גרויסער לעבעדיקער „פּייפּער״ — מ׳גייט ארום און מ׳הערט זיך אָן נייעס.

זי גראַד האָט ניט אַזוי פיל צו שטייער צו געבן צום „פּייפּער״ און אפשר, ווען זי זאָל זיך וועלן דערמאָנען. אָבער צו וואָס זיך דער-מאָנען, ווי זי האָט זיך געשלעפּט מיט דריי קינדער אויף דער שיף, א יונגע אלמנה, אַליין נאָך א קינד געווען, יאָ, צו וואָס? נאָר אַזוי איז שוין, זעט זיך אויס, די טבע פון א אידענע: טאָמער הויבן אָן די געדאַנקען צו ראַיען, איז ווידעראַמאָל און אָבער אַמאָל, און ס׳איז דע-מאָלט ניט שייך צו זאָגן יאָ דערמאָנען, ניט דערמאָנען. ס׳טראַכט זיך און פאַרטיק.

ניט איינמאָל, בשעת דער קאָפּ איז איר אַזוי פאַרדרייט, גיט איר

דער בוטשער-באַי אַ טאָרקע באַם אָרבל: „מיסעס, שלאָפט ניט אין די הויזן".

— „אַ בוטשער, בלייבט אַ בוטשער".

יאָ, אָבער וויפיל זי זאָל זיך ניט וועלן אָפּשאָקלען פון די געדאַנ-קען קומען זיי ווי אויף להכעיס קאַפּויער, און הויפּטזאַכלעך דעמאָלט, ווען ער, איר איצטיקער מאַן, דערציילט, און ס'דאַכט זיך איר, אַז ער דערערדט ניט...

אינדערהיים פלעגט מען זאָגן, אַז גאַנץ אַמעריקע איז פול מיט קאַטאַרזשניקעס, סיבירניקעס און אַנטלאָפענע מענער. נאַרישקייטן! זי מיינט דאָך חלילה ניט, אַז... וואָס אַ אידענע קאָן אַלץ איינפאַלן... צען יאָר, אַז מ'אַרבעט זאַלבענאַנד מיט אַ מאַן אין שאַפּ, קאָן מען דאָך אים, יאָ, מ'קאָן, און דאָך ...

מילא, היינט זענען שלעכטע צייטן. נו, אַבי די קינדער אויס-געגעבן. צוויי מענטשן וועלן שוין ווי ס'איז ניט אויסקומען. שלעפּט זי זיך דאָרטן פון מאַרקעט צו מאַרקעט, מיט די פּעקלעך אַרויף צום פינפטן שטאָק. אמת, ס'איז שווער, זייער שווער. ביידע ווערן עלטער. אים קומט שוין אָן מיט אַנגסטן צו קריגן אַ דזשאַב. אַ פּרעסער, אַ שווערע מלאכה; מילא, וואָס גאָט וועט שענקען אַלעמען, וועט ער זיי אויך געבן.

נאָר דאָס וואָס זי בלייבט אָפּטמאָל זיצן איינע אַליין אויפן פינפטן שטאָק. דער קאָפּ ראַיעט. פון די שכנות'דיקע ווענט רייסן זיך ראַדיאָס אויף די העכסטע קולות. אינדרויסן גייט די זון אויף און פאַרגייט, און זי זיצט.

שיע, דער מאַן אירער, ווי נאָר ער שלינגט אַרונטער דעם ביסן, אַהאָ, ער איז שוין באַ זיינע „פריינטלעך" אין פּאַרק.

— שיע, וואו גייסטו?—אָבער גיי רעד צום נעכטיקן טאָג. באַנאַכט קומט ער צוריק, לייגט זיך אין בעט אַריין, קרעכצט און שילט די וועלט.

איז אָט אַזוי ווי איצט, ווען ער זעצט זיך אַוועק דערציילן, וואָלט זי געוואָלט ער זאָל וואָס מער דערזאָגן... אַז מ'זיצט איינע אַליין, קו-מען מאָדנע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין, און שטענדיק צום שלעכטן. טאָ זאָל ער זיך דערנעענטערן צו איר. עס וועקט אין איר אויף עפּעס אַזעל-כעס, וואָס טראָגט אָפּ צוריק... כאָטש וואו צוריק?. אַז זי האָט דאָך כמעט קיין לעבן ניט געהאַט. איר ערשטער מאַן בערל, טאָמער

וואָלט זי זיך געוועז צוגעוואוינט צו אים, האָט ער אָבער פּאַר פּרי אָנ־געהויבן שלינגען טאַבאַק, כּדי ער זאָל ניט דאַרפן גיין צום מיליטער, און ביז ער איז צוגעקומען צו פּאַניען, איז שוין געווען אויס בערל, אויס טאַבאַק, און היינט איז שוין אויך אויס קייסער. אָבער איר ציט אויף צוריק, טאַקי ווייל זי האָט נאָך קיין לעבן ניט געהאַט. דאָרטן איז מען כאָטש געווען יונג, און דאָ ברעקלט זיך דער גרונט נעבן פּענס־טער; פרעמדע אָפּגעפּאַרבטע וויטרינעס מיט א פרעמדן גערויש. דאָרטן ניט דערצויגן, דאָ ניט דערלעבט. געשלעפּט זיך איבער ים׳ען און אריין אין הו־האָ. און אז זי האָט זיך מיט גאָטס הילף דערשלאָגן צו אן אייגן ביסלווירטשאַפט, און וואָלט אפשר געקאָנט אַ הנאה האָבן, ווערט זי אָבער אזוי שנעל מיד...

... טאָ זאָל ער וואָס מער דערציילן. פּאָרט אַ מאַן. אין שאָפּ זאַלבענאַנד יאָרן געשטאַנען און קיינמאָל ניט דערעדט. בלויז אויפן וואונק. א פּרעס מיטן אייזן, און א זזיפּ מיט דער מאַשין. אָטעמס האָבן דורכן שוייס זיך דערפילט: „א קישן, אַ געלעגער, פיר ווענט", — דער שאָפּ האָט אַזוי שנעל אויסגעמוטשעט, פון די שכנות׳דיקע ווענט רייסן זיך די ראַדיאָס. אונטן ליאַרמען די קינדער . די זון גייט אויף און פאַרגייט. זאָל ער זי ניט לאָזן אליין...

און ער, שיע, דערציילט. יעדער אַלטער טאָג גייט ביי אים אויף א שפּאָגל נייער, א דערפרישטער. וואָכעדיקע, יונגע, צאַפּל־דיקע דינסטיקס און רעגנדיקע פרייטיקס שווימען אַרויף אויף דער פלאַך, און ער אינדערמיט. נאָר אַמאָל דערפילט ער, אז ס׳איז אי־בער די כּוחות. דעמאָלט זוכט ער הילף; אימיצן, וואָס זאָל אונטער־שטעלן אן אקסל... דעמאָלט דערציילט ער זיינע לעבנס־פּאַסירונגען אינדערהויך. און פון יעדן מעשה׳לע ווערט א ליד. מינוטנווייז דאַכט זיך אים, אז זי, זיין ווייב, זינגט מיט. א מענטש אין די פופ־ציקער דאַרף דאָך אימיצן, וועלכער זאָל דערוואַרימען. נעמען זיך קינדישע מאָטיוון שפּאַרן דורך אלע ווינקלען, און נאַקעטע פרייד איז זיך גרייט צו לאָזן אין גאַלאָפּ אָנעם העמד, און נאָר עדות פעלן, עדות, וואָס זאָלן הערן און מיטלויפן... וועבט ער זיינע מעשות אזוי לאַנג ביז דער פאַרנאַכט א פולער פאַלט ווי א שווער הענגל טרויבן ביי דער שוועל... דעמאָלט דערזעט ער פלוצים ווי זיין ווייב, א געפּאַקטע, זיצט אין גרויסן שאָקל־שטול, און דרימלט.

אַלץ צערונט מיט אַמאָל, אַלץ. די טאַפּיצירטע ווענט שיילן זיך אויס מיט זייערע געלע פּליאַמעס, און איבער די פלעקן הענגען אַלטע פאָטאָגראַפיעס, וואָס נאָך פון מצרים, דאַכט זיך, ציט זיך זייער וועג. פון אונטער דער פּלושענער קאַנאַפּע קוקט אַפיר דאָס אינגעווייד. אויפן גלאָז־שענקל, ווי היינט, ווי נעכטן, ווי מיט צען יאָר צוריק, שטייט דער זילבערנער קאַנדעלאַבער אויף א גרין שטיק פּאַרטריפטן סאַמעט, און פון א שאַפקע, ביי דער זייט קוקן ארויס עטלעכע אָפּ־געבליאַקעוועטע ביכער מיט פאַרשטויבטע מחזורים צונויפגעמישט, און איבער א גאַנצער וואַנט ציט זיך א טונקל ברוינע פּיאַנאָ מיט געלע אויסגעגעסענע ביינדלעך, קלאַווישן — ווי א מצבה מיט געלע אותיות — אַ דאָקומענט, וואָס דערציילט, אז אַמאָל זענען דאָ געווען קינדער, ווארימקייט...

און זי, זיין ווייב, זיצט אינמיטן שטוב און דרימלט...

נאָר ער וויל ניט אַזוי פרי גיין שלאָפן, ניין! ער ציט אויף דער שנעל ארויף דעם מאַנטל, לאָזט זיך גיין אין פּאַרק, וואו עס זיצן צענד־ליקער גרופּעס פאַר פרי אויסגעשפּיגענע פון שאָפ.

דאָ, אין שכנותדיקן פּאַרק, נאָענט פון א בערגל, אַרומגערינגלט מיט מויערן און עלעקטרישע הויכ־באַנען, מיט א טייכל אינדערמיט, מיט צוויי לאָדקעס, וואָס שווימען אָפּ און צו געמיטלעך, דאָ איז דער עיר מקלט פאַר די אידן, וועלכע זענען מיט יאָרן צוריק אַהער קיין אמעריקע, ארויפגעצויגן סוועטערס אריין אין שעפער, און איצט דריווי־לען זיך שוין די סוועטערס, ס׳ווערט אויס שאָפּ, און ס׳איז, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געווען אמעריקע...

אין הייסע זומערדיקע פאַרנאַכטן קומט מען זיך אהער אָפּקילן. מענטש נעבן מענטש מאַכט זיך באַקוועם, און טרייסט זיך דערביי, אז ס׳איז בעסער ווי דאָרט אויבן אין שטיקעניש.

— אַי דאָרט אויבן!

— אי דאָרט אויבן!

די אַלטע, שטענדיקע תושבים פון פּאַרק, זיצן דאָ צווישן די לאַמ־טערנעס אויף די בענק, זאַפּן איין לופט, און צעקרעכצן דעם נחת אויפן קול. צערינט מינוטנדיקע פרייד פון רעדן מיט פאַרנאַכטיקע ווינטן, און קילט זיך אָן די גראָזן, ביימער, אויף טונקעלע, קאַלטע סטעזש־קעס.

אַזעלכע, ווי שיע׳ס ווייב, למשל, וואָס דער גורל האָט זי אַמאָל א שלעפּ געטאָן, אויפגעזעצט אויף דער שיף, אזא וועט שווייגנדיק פאַר־שטומען וועלטן אין דער שטיל. אַזאַ אָבער ווי שיע, וואָס אין דער יוגנט האָבן אונטער זיי, זייערע טריט געברענט, א לעבן האָט זיך גע־צויגן פלאַמיק ארויף און שטענדיק ערגיץ געצוימט געוואָרן, אַזעלכע קאָנען זיך קיינמאָל ניט איינשטילן און בלייבן שטענדיק טליען אויפן קול.

שיע, דער מענטש פון גאַס, דער פרעמדער אין דער היים, שיע איז אַן אָנגעלייגטער גאַסט אין פאַרק. און ווי אַלעמאָל פּרובירט ער אויך היינט צו פאַרציען דעם פאָדים, וואָס ער האָט אָנגעהויבן פאַנאַנ־דערצואוויקלען דאָרט העט־ווייט, און ציט אים איבער שפּעטער, דורך טענעמענט הייזער, און סלאָמס, — ביז אהער.

— איך, הויבט ער אָן. און אַלע אַרום ווייסן שוין, — א אינגל פון די נאַלעוווקיס.

— יאָ, מילא דאָס ווייסן זיי, גיט ער שטומערהייט צו און גלעט זיך דערביי זיין אָפּגעראַזירטע מאָרדע. אָבער, אז א מענטש למשל ווי ער, וועלכער האָט געהאַט א שטימע צום זינגען; איז געלאָפן פון עמוד; האָט פאַרהאַסט דאָס קרעמל; האָט זיך אַלע יאָרן גע׳קהל׳ט, און איז אין ערגיץ ניט אריינגעקלעפּט געוואָרן, — צו ווייסן זיי דאָס אויך? ממאַ, ס׳קאָן זיין, אז זיי האָבן עפּעס א ידיעה אין דעם, אָבער ניט פּונקט אַזוי ווי ער שטעלט עס אוועק...

— אַנטקעגן דעם טאַקי, האָט ער היינט געוואָלט דערציילן, — אַנטקעגן וואָס, איז איז ניט קיין אונטערשייד, וואָרים אז שיען איז אָנגעזאָליעט אויפן האַרץ, וועט ער שוין רעדן, און וועט אויך געפינען אַזעלכע, וועלכע זאָל הערן, און אַנדערע, וועלכע וועלן זיך אפילו גוט איינהערן.

— —

— „זי" — האָט סעם פאַרענדיקט זיין היינטיק קאַפּיטל אין פאַרק, — זי, מיין ערשטע ווייב, האָט דאָס ניט געקאָנט, און ניט גע־וואָלט פאַרשטיין. סטייטש, פלעגט זי שרייען, א איד פון דריי קינ־דער, טאָמער וואָלט מען געקאָנט דאָס געוועלב אפּנהאַלטן א צוויי, דריי שעה לענגער, לויפט ער צו פראָבעס. „אַז צו וואָס דאַרף איך

דאָס זיין דער משוגענער, ווען איך קאָן קויפן אַ בילעט און זען ווי יע-נער מאַכט זיך משוגע, אַז צו וואָס?״

— „אַט אזוי פלעגט זי איינ׳טענה׳ען גאַנצענע טעג און נעכט. איך בין צו יענער צייט געווען א גלעזער, און אין געוועלב האָט מען צופאַרקויפט פאַר א פאַים קיט. טעג ווי איך, אַ באַבערדלטער יונגער-מאַן, בין געלעגן אויף די דעכער, געגלעזט, און גע׳חלומ׳ט וועגן אַ לעבן, וואָס איז מער ווי אַכצן און דרייצן. מיינע חברים האָבן מיר שטילערהייט צוגעגעבן מוט. כאָטש אליין זענען זיי געבליבן טאָפּטשען אין די שפּענצערס. מאַנטיק און דינסטיק, דאָנערשטיק א יריד, דער שמש דערמאָנט דעם מולד, קוויטלעך אויף דער שול, א מסירה׳לע, א רכילות׳ל, ס׳איז נמאס געוואָרן!״

— כאָטש שיע, וואו לויפסטו? מ׳זאָל מיינען דו האַנדלסט?

— „איך״, האָט סעם, דער תושב פון פּאַרק, פאַרצויגן אן איראָ-נישן שמייכל אויפן פנים. — „אין ניו יאָרק בין איך אַרונטער א שטו-מער, אַ פאַרבענקטער, מיט אַ ליידיק זעקל אויף די פלייצעס, און דאָס שטעטל האָט נאָכגעשריען

— אנטלאָפן! איבערגעלאָזן א ווייב מיט קינדער!!! יאָגט אים! כאַפּט אים! שרייבט קוויטלעך צו די רבנים!!! זיי דאַרטן האָבן פאַרהאַסט, און דאָ האָסטו זיך אַ גאַנצן לעבן געיאָגט נאָך א שטיקל יום טוב, מיטצוזינגען, מיטצושפּילן, אַרבעטן...

— און זי, מיין איצטיקע, די ווייב מיינע, ניט אַנדערש, נאָר אַלץ וויל זי וויסן, אַלץ. די פּאָליטיק פון גאַרניט, די פּאָליטיק פון אַ לעבן.

דער אַלטער האָט זיך צעלאַכט ביז טרערן.

אין פּאַרק איז שוין געווען פינסטערלעך. א קיל ווינטל האָט איינגעהילט דיביימער, און איבער זייערע שפּיצן האָט זיך פון טונק-לען בלוי אָנגעהויבן אויסצושיילן אַ דינער, ווייסער דרויב... ליכטיקע היימישע פינטעלעך אבער גרינע לאַמטערנעס און געבויגענע קעפּ...

— אָט אָ דאָס איז עס דאָך, האָט איינער פון די אַרומיקע אידן צוגעבאָמקעט מיט זיין בערדל, און נחומ׳צע, דער קנישע-פאַרקויפער, האָט אויך צוגעשאָקלט מיט זיין קיישל — „קנישעס! הייסע קנישעס!״

— אָט אָ דאָס איז עס דאָך, — האָט דער איד מיטן אָפּגעשניצטן בערדל געזאָגט:

— „וואָס מיר פאַנטאַזיעס, שמאַזיעס. דאָ אין לאַנד, קוים צע-פּאַקעווען ניט אויף שנעל דיינע זאַכן, און פּאַרציסט ניט קיין שילד מיט אַ גוואַלד איבערן קאָפּ, בלייבסטו אויף אייביק שטיין מיטן זעקל חלומות אויף די פּלייצעס, א פּרעמדער, א ניע-טו, ניע־טאַם, א חידוש פאַר פּיקטשעס און פאַר די „פּייפּערס״.

— קנישעס צו פאַרקויפן! וואַרימע קנישעס!״ און אָפּגעקלונגען האָט עס ווי „צדקה תציל ממות, ממות!.

אין טייכל פון אַנטקעגן איז נחומצע׳ס שאָטן, אַ וואַלקדיקער גע-שוואומען מיטן קיישל אַראָפּ, און געבויגענע פּלייצעס האָבן זיך וואַ-סערדיק לויז געוויגט צום געמיט — „מיט אַ קיישל אָן א קיישל — — קיישל — — — — — ״

— „אָט אָ דאָס איז עס דאָך, — האָבן די אַרומיקע שטומערהייט מסכים געווען.

און ער, סעם, יעדעס מאָל ווען ער דערזעט אַ גרויס רעדל מענטשן צעברענט זיך אין אים דאָס געמיט, און יאָרן נעמען זינגען אויפן קול... דערציילט ער אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די יונגען פון דער גאַס הויבן אָן אַרומצולויפן מיט די מאָרגן-צייטונגען. דעמאָלט גייט ער צו, צו די לאָמטערנעס, נעמט ארויס דעם זייגער, און צעהוסט זיך —

— קכע, קכע, מיין ווייב האָט זיך שוין אוודע אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

נומער 260—נעקסט!

שוין עטלעכע מאָל ווי ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן ראָג, און אַריינגיין האָט ער אַלץ ניט געוואָגט.

— עס מוז דאָך אָבער נעמען אַן עק, האָט ער זיך געהאַלטן אין איין אָמפּערן מיט זיך אַליין. אָט א דאָרטן איז עס, יאָ. ער לייענט:

— „האָום רעליעף ביוראָ". אַן אייזערן שילדל, אַ פּאַראָסטס, אַ קאַלטס. זיין בליק עסט זיך איין אין דער אויפשריפט, ווי א הונגעריקער אין אַ זעמל. ער לייענט יעדן אות באַזונדער: ה אָ ו ם.

— אַך, ווען ער קאָן דאָס די אַלע אותיות, דאָס גאַנצע שילדל צוציען אַהער אויף דער זייט ראָג, און שוין! יאָ, שוין. וואָס פּאַראַ נאַרישע געדאַנקען. אָט איז עס דאָך צוגענאָגלט צום אריינגאַנג, און איידער מ׳קומט אַהין, דאַרף מען צוערשט אדורכגיין דעם בלאָק, דער־נאָך קומט די לאָונדרי, דער שניידער־שאָפּ, דער באַרבער, און גלייך נאָכדעם, יאָ, דאָרטן איז עס!

נו, און אז ער וועט אריינקומען, וואָס וועט ער זאָגן? אפשר זאָל ער גאָר צוריק אהיימגיין, און נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אין צייטונג, אפשר... נאַריש! האַלט ער דאָך זייט די לעצטע זעקס מאָנאַטן אין איין קוקן, און קיין אַרבעט איז ניטאָ... אָבער, לאָמיר זאָגן, ער גיט אַ קום אַריין אינעווייניק אין דער ביוראָ, איז וואָס וועט ער זאָגן, ווי אַזוי וועט ער אָנהויבן? און טאָמער וועט ער פאַרגעסן אַ וואָרט? און טאָמער קומט אים א מיידל אַנטקעגן? ער, אַזאַ גרויסער, אַן אָפּראַזירטער, אין אַ קראַוואַט, וואָס וועט ער?... און אַז זי, די באַלעבאָסטע, וועט אים ווידער אַנטקעגנקומען — ׳העי, באָי, דירה-געלט, באַ מיר איז ניט קיין הכנסת אורחים״.

צום טייוול! ער איז אריין.

אויף דער שוועל האָט אים דער רעכטער פוס א ציטער געטאָן. ווען ער זאָל ניט האָבן געמאַכט אַזאַ גרויסן שפּרייז, וואָלט ער נאָך אפשר געווען צוריק. איין פוס מיט א האַנט זענען געבליבן שטיין

אינעווייניק, לעבן אַ טישל, און דער קאָפּ איז געהאנגען ווי בא א בעט־לער.

— וואָס פאַרלאַנגט איר?—האָט, דוכט זיך, אימיצער געפרעגט.

— נעקסט!

אַ נומער האָט זיך אים ארייגעגליטשט אין דער האַנט, און אָנ־געוויזן אויף אַ באַנק.

המם, א געמנומערירטער. ווען ער זאָל ניט האָבן געמאַכט אַזאַ גרויסן שפּרייז. נאָר ביז ער איז צוגעקומען צו דער באַנק, האָט אַ שווינדל געטאָן מיט א צוויי הונדערט פּאָר פּיס.

דאָ אויף דער באנק איז ער געבליבן זיצן נאָנט צו אַ האַרטן ארבל. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט. ער איז געזעסן און גע־טראַכט, אַז איצט איז שוין צו שפּעט. פאַרפאַלן. איינגעשלונגען. ס׳האָט אים ארומגענומען א מין פּוסטקייט, וואָס ברעכט ניט, בויגט ניט, לאַכט ניט, וויינט ניט, גאָרניט. מינוטנווייז האָט ער דערפילט אַ דינינקן וואַרימען שטראָם. די וואַרימקייט האָט זיך געצויגן פון אויבן ביז צו די שפּיצן פינגער פון די פּיס, ווי ס׳וואָלט אימיצער אַ גאָס געטאָן אויף אים פון אַ הייסן עמער. דעמאָלט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די צוויי פאָדערשטע קנעפּלעך פונעם ווערסטל הויבן זיך א ביסל צו שטאַרק. נאַריש. נאָר עס קאָן געמאָלט זיין, אז ס׳איז געווען אַזאַ מין ציטער, וואָס קומט פון ערגעץ דערנעבן, פון ערגעץ אונטערן ווערסטל. פון אויבן ארונטער האָט געהאָלטן אין איין טרי־פן, פון סאַמע האָלדז, אינעווייניק אריין, ביז איבער די קנעפּלעך, טריף-טראָפּנס אויף אַ ליידיקן דנאָ — אויסגעהוילטע דריי־און דריי־סיק יאָר.

אַ בלעכן קול האָט אויסגערופן נומערן, יעדע עטלעכע מינוט אַן אַנדערן. דזשעק איז געזעסן און געשוויגן. אַלע האָבן געשוויגן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. דער דאָ פון דערנעבן האָט זיך מיטן האַרטן אַרבל אָפּגעווישט דעם שטערן, און צוזאמען מיטן וויש האָט ער אַ זאָג געגעבן: „באַלד־באַלד קומט מיין נעקסט״. ביידע האָבן זיך דערפילט. זיי וואָלטן אפשר געווען גערעדט, געפרעגט עפּעס, אַן עצה געגעבן. נאָר אָט האָט מען אים א רוף געטאָן. ס׳איז געווען צו שפּעט. נאַריש, האָט דזשעק אַ טראַכט געטאָן. וואָס וואָלטן זיי געווען גערעדט? יענער איז ניט קיין קינד. קיין קינדער לאָזט מען

דאָ ניט אריין. דאָס איז אַ פּלאַץ פאר בלויז דערוואַקסענע, פּאַר אזעלכע וואָס קאָנען אויפצייגן יאָרן, וואוינונגס אדרעסן, און אַ לעבע-דיקן גוף. ניט מער, ניט געקוקט אויף די יאָרן, וויל מען די לעצטע ארויסוואַרפן פון די וואוינונגען, און זייערע גופים זענען אביסל איינ-געשלאָפן. אָט ווי ער דאָרטן, דער ערשט ארויסגעוואָרפענער, דער ברייט־פּלייציקער. אָט ווי ער שפּרייזט דורכן גאַנצן זאַל איבער אַלע פּנים׳ער און פּיס, אַהינצו, צום אָפּיס. זיין גאַנג איז אביסל אַ פּוי־לער, אָבער ער דערמאָנט אָן סאָלדאַטסקן מאַרשרוט. עס איז אַ מין הילצערנער, שטייף-געהאַרכזאַמער ריטם. ער גייט, און ביז ער דער־גרייכט דעם אָפּיס דאָרטן, זעט מען ניט מער ווי א פּינטעלע, אַ קליין איינגעצערט קוואַדראַטל, שפּורן פון אַ געל־געפּאַסט רעקל.

דזשעק האָט געטראַכט:

מאָדנע, אַז מ׳זיצט דאָ אויף דער באַנק, קומען פאַרשיידענע גע־דאַנקען אין קאָפּ אריין. אַ ריר צו טאָן זיך וואַגט מען ניט, און פּונקט ליגט די צייטונג אין בוזים־קעשענע אריינגעקוועטשט. נאָר אָט נעמט איינער לייענען, אַ צווייטער, אַ דריטער, צום טייוול! מ׳קאָן דאָך משוגע ווערן אזוי צו זיצן כסדר. ער שלעפּט פונעם בוזים, און ווי אויף להכעיס זאָטשעפּעט ער דעם אָרעם אָן א נאַקעטער האַנט פונעם פרישן שכן. ס׳גיט א ברי מיט א פּוכקער וואַרימקייט פון דערנעבן... ס׳גיט א טרעסע מיט גאַנצע דריי־און דרייסיק יאָר, וואָס האָבן זיך אויף א ווייל פאַרשלאָפן.

— אַנטשולדיקט.

דזשעק האָט זיך העפלעך פאַרנויגט.

—ס׳מאַכט ניט, האָט א יונגע פרויען סאָפּראַנאָ, אָפּגעענטפערט.

„ס׳מאַכט ניט" ווי ס׳וואָלט פּלוצים די לופט אַנגעוואַרימט גע־וואָרן מיט טויזנט זומערדיקע זונען. טויזנט טויבע יאָר האָבן זיך פּלוצים אויפגעוועקט מיט א ליד אויף די ליפּן...

„ס׳מאַכט ניט". דזשעק האָט געכאַפּט א בליק אויפן ארום. ער האָט זיך פאַרגעסן, אַז ס׳איז שוין באַלד דריי שטונדן פאַרביי, ווי ער זיצט דאָ, און וואַרט. ער האָט ערשט איצט דערזען, אז אייגנטלעך האָט ער זיך גאָר אנדערש פאָרגעשטעלט די מענטשן פון דאַנען: אים איז אויסגעקומען, אז זיי וויינען, נאָר צוליב ניט געוואַגטקייט שלינגען זיי די טרערן אין דער שטיל. ער האָט זיך אפילו געקאָנט שווערן, אַז

ער הערט יעדן שלוכץ. אָבער איצט, אַז ער האָט זיך ארומגעקוקט, האָט ער ניט געזען קיין סימן פון טרערן. זיי קוקן יאָ אויס, האָט דזשעק געטראַכט, ווי מענטשן, וועלכע לאַנגווייליקן זיך שטאַרק; ווי זיי וואָלטן געגעניצט; ווי זיי וואָלטן זייט חדשים געזעסן דאָ און גע־געניצט. אַזעלכע לאַנגע אויסגעצויגענע פּנים׳ער. מערסטנס יונ־גע, ווי ער, דזשעק. אַזעלכע, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, ווען מ׳גיט זיך אַ קייטל צונויף די אָרעמס, און מ׳זיצט ניט אַזוי-אָ, ווי ער איז די גאַנצע צייט געזעסן, און מ׳גיט אַ פּראַל אויף די פענסטער, זאָל אריין אַ ביסל לופט, און שנעלער, ארונטער מיטן פאַרזשאַווערטן בלעכענעם קול, און אפשר דאַרף מען הילף? וועט מען העלפן. מיר אַלע, יונ-גע און אַלטע, מיר וועלן העלפן, מיר וועלן זיי ווייזן, אַז מיר זענען ניט געקומען זיצן, מיר ווילן אַרבעטן!!!

— נומער 260 — נעקסט!

דזשעק האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער באַנק. די ארומיקע האָ-בן זיך צעלאַכט. אים האָט עס ניט געאַרט. ער איז געגאַנגען. ער האָט זיך געקאַטשעט אויף זיינע הונדערט און פינף און פופציק פונט, אָט אזוי ווי דער באָס וואָלט אים גערופן, און ווייל ער האָט שוין לאַנג ניט געאַרבעט, איז ער צופרידן, וואָס מען רופט אים. ער איז געגאַנ־גען מיט שטאָלץ און מיט דאַנקבאַרקייט אויף די ליפּן. זיין האַלטונג האָט ארויסגערופן א שמייכל באם עולם: „אַ לוסטיקער דלות״. נאָר דזשעק האָט זיך ניט אומגעקוקט. ער איז געגאַנגען. און ווי ער איז צוגעקומען צום אָפיס, און זיך באַגעגענט פּנים אל פּנים מיט דעם, וועלכער האָט אָפּגעליידיקט דעם פּלאַץ פאר אים, האָט זיך אים ווידער גענומען אויסדוכטן, אַז עס ציטערן באַ אים די פאָדערשטע קנעפּלעך פונעם וועסטל. און ווידער ווי ס׳וואָלט אימיצער אַ גאָס געטאָן אויף אים פון אַ הייסן עמער...

ער איז געזעסן אויפן בענקל און אויסדריקלעך געהערט ווי זי פרעגט שוין די דריטע פראגע, נאָר ער האָט זיך אַלץ באַמיט צו דער־מאָנען וואָס צו ענטפערן. זי, די אויספאַרשערן האָט ניט אויסגע-קוקט צו זיין בייז. דאָס האָט געמוזט זיין די געוויינלעכע פּראָצע־דור. מסתמא ווערט דאָ יעדער איינער צעטומלט ווען ער קומט אהער. זי האָט דערווייל געכאַפּט אַ בליק ארויס דורכן פענסטער. דאָס האָט ער גראָד יאָ באַמערקט. ער האָט אפילו אין מאָמענט א

טראַכט געטאָן וועגן דעם בלייפעדער וואָס האָט געשטעקט אין איר בלאָנדן קאָפּ האָר. אַ מאָדנער, קינדישער געפיל האָט אים ארומגע־נומען. א געפיל פון זיך א שפיל טאָן מיטן בלייפעדער. עפּעס האָט אים געצויגן צו דעם ווייסן בויגן פּאַפּיר דאָרטן אויפן טיש. „נאַ, האָט ער געוואָלט אַ זאָג טאָן, איך בין אויך געגאַנגען אין אוניווערזי־טעט", נאָר דאָ האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און ס'האָט א בליץ גע־טאָן פון אונטער די געל-באַרעמטע ברילן. דאָס איז געווען א קאַל־טער, אויסגערעכנטער בליק פון אַן אויספאָרשער.

— יאָ, איז וואו וואוינסטו? דיין פאַמיליע? בירגער? געארבעט? בא וואָס? ווי אזוי געלעבט ביז איצט? פארוואָס עפּעס פּלוצים? און ווער האָט דיר געזאָגט וועגן אונז? און, און — — —

די אַלע פראַגן האָט זי געהאַט אויף אַ פּאַפּירל אָנגעשריבן. צווישן איין פראַגע און אַ צווייטער, האָט זי ארויסגעקוקט דורכן פענסטער און געכאַפּט א גענעץ, אָדער אַ שמייכלענדיקן „האַלאָ" צו אַ באַקאַנטן פאַרבייגייער. אויף דזשעק'ן האָט זי נאָר אַ קוק געגעבן פון צייט צו צייט. דאָס איז געווען, ווען ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז ער ווי־דערשפּרעכט זיך, אז ער צעפּלאָנטערט דאָס געזאָגטע. אים איז דער־מאָלט אויסגעקומען, אז זי לאַכט פון זיין נעט צוגעפּרעסטן שרונט, און זיינע פינף פוס-זעקס. ער איז געזעסן, און האָט געפּרואווט צו צוי־מען זיין געדולד. אַי, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, ווען די אַלטע לייט זענען ניט קראַנק, און ווען ער טראָגט ניט אויף זיין געוויסן דאָס, וואָס זיי האָבן זיך צעבראָכן, שיקנדיק אים אין שול, ווען ער דערפילט זיך אביסל פרייער, וואָלט ער זיך אָנגעהאָנגען אָן דעם מינדסטן פּינטל פון דרויסן אָנטקעגן דעם פענסטער, און וואָלט זיי אַלעמען, וואָלט איר גלייך אריינגעשפּיגן אין פּנים, נאָ!

דאָס לעצטע וואָרט האָט דזשעק ניט געהאַט גענוג קיין כח צו דערשטיקן. נאַ, האָט א דונער געטאָן אין אָפּיס. דער בלאָנדער קאָקס האָר אויף דער אויספאָרשערנס קאָפּ האָט זיך אַזש אַ טרייסל געגעבן, און ס'האָט אָן קאָנטראָל אויף דער שנעל. דער בלייפעדער אָנ־געהויבן ארומטאַנצן אויפן ווייסן בויגן פּאַפּיר.

— יאָ, האָט זיך די אויספאָרשערן, פריילין עקס, אַ כאַפּ געטאָן, יאָ, ווי זי וואָלט די גאַנצע צייט געווען געשלאָפן—איך וועל טאָן פאר אייך, וואָס נאָר מעגלעך.— נעקסט!

פאַר אַ ביסן ברויט

ווען דזשעק האָט צום ערשטן מאָל נעט׳ן באַגעגנט אין קאָרטן-הייזל, האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. דאַכט זיך וואָס? נאָר דאָס וואָס נעט איז שוין היפּשלעך גרוי אַרום די זייטן, דאָס וואָס עטלעכע פאַלשע ציינער האַלטן זיך אים אין איין אַרונטערלאָזן אין מויל אַריין, און דאָס וואָס ער היצט זיך נאָך אַלץ אַרום קאָרטן-טישל...

— הע-הע, האָט דזשעק אונטערגעשמייכלט, שטייענדיק דאָ לעבן ראַדיאַטאָר און זיין נאָז איז אים לענגער געוואָרן ווי אַלעמאָל.

שוין באַלד פופצן יאָר אַוועק ווי זיי יאָגן זיך אַרום, און מיידן זיך שטענדיק אויס. איינער פאַרנעמט נאָכן אַנדערן דעם דזשאָב און דער באַלעבאָס זאָגט זיי שטענדיק נאָך אַ שפּרוך „נעט און דזשעק די צוויי בעסטע האָטעל-אַרבעטער. וואָס קומט אָבער אַרויס — באָמס, קאָרטן-שפּילער!״

קיינער האָט נעט׳ן ניט פאַרגעשטעלט פאַר דזשעק׳ן. דאָ אין קאָרטן-הייזל שטעלט מען ניט פאָר. אָט, מען רעדט צום טישל, און גלייך פער דו. איינעם אַרט הלמאי דער צווייטער שפּילט שלעכט. רעדט ער אזוי ווי דאָס וואָלט געווען זיין קאָן. נאָר בעת׳ן שפּילן מוז מען זיך אויסהיטן מיט אַן עצה. רעדט דער יעניקער כלומר׳שט אין סופית אַריין, אָבער גאָט פאַרדאַמטער, מיינען, מיינט ער דעם טיש.

—הע-הע — האָט דזשעק יענעם אָוונט, שטייענדיק לעבן ראַדי-אַטאָר אַהינגעשאָסן אַ געלעכטער אויף נעט׳ס חשבון — א סימן אַז נעט׳ן גייט דאַרטן ניט...

— ס׳וואָלט שוין צייט געווען — האָט דזשעק אַ זאָג געטאָן צום סופית...

— וואָס וואָלט שוין צייט געווען? — איז נעט אויפגעשפּרונגען, און וועמעס ביזנעס איז עס?

ביידע זענען געבליבן שטיין ווי צוויי הענער — אויג אויף אויג. עס האָט געהאַלטן בא קלעפּ. נאָר פון דעם אַלעם האָט זיך אויסגעלאָזט אַן „איין-און-צוואַנציק״.

די „פירמע" נעט און דזשעק האָט געשפּילט באַ אַ באַזונדער טישל.

— מ'שמועסט, האָט דזשעק, טאַשנדיק די קאָרטן, אָנגעהויבן, — אַז דו ביסט דער פאַבריקאַנט פון „מיקיפין"*)

— און מען שמועסט, האָט נעט אָפּגעענטפערט, אַז ווען דו אַרבעטסט אין א קאַבאַרעט, הויבן זיך די דאָלאַר-בילס אַליין אויף פון די געסט-קעשענעס און גייען פרייוויליק איבער צו דיר אין רעקל אריין.

— און מען זאָגט, האָט דזשעק ניט פאַרשוויגן, אַז אויב אַ ווייבל „טיפט" דיך ניט, פאַרשליסטו איר קינד אין אַ באַזונדערע שטוב, און זינגסט דיר דערביי אונטער אַ לידל: „ניט קיין טיפּס, ניט קיין בעיבי".

— און מען זאָגט, אַז אויב די מענער „טיפּן" ניט, פאַרפירסטו ליבעס מיט זייערע ווייבער, נעמסט נקמה, ברודער!...

— און מען רעדט יאַקבי, אַז נאָך די אַלע גליקן איז ניטאָ וואָס אין מויל אריינצורוקן...

—און, און...

דאָס קאָרטן-הייזל איז, ווי שטענדיק, אונטער פאַרהאַנגענע פענס-טער, געגאַנגען כּאַדאָם. הונדערטער דאָלאַרס האט מען פאַר-שפּילט. אַ קאָרט ארויף-אַראָפּ. די באַנק גייט פון האַנט צו האַנט. מיסטער און מיסעס קאָריצקי, די באַלעבאַטים פונם הייזל, קלייבן פינ-קע-געלט. צוויי קליינע, אויסגעמאָגערטע מענטשעלעך, מיט פאַר-שפּיצטע אויגן און שאַרפע גאָמבעס, וואָס רוקן זיך פאָראויס פאַזע מיט זייערע ביינערדיק-שמאָלע הענט.

— „אייבי! מאָריס! דזשעקי! א בראַנד אייך אין די קישקעס, באַמס! שוין ווידער איינגעמאַכט אַ געים?"

— ביידע ווי צוויי אָפּגעפליקטע טיילן פון איין שטיק. ערשט דאָ אַרום די טישן ווערן זיי דערגאַנצט.

נאָר דזשעק און נעט האָבן גאָרניט געהערט. עטלעכע געצייל-טע דאָלאַר זענען געגאַנגען הין-און־צוריק — אַן אויסרייד. זייער „פירמע" האָט זיך שוין לאַנג געדאַרפט דורכשמועסן, איז אָט-אָ.

---

*) אַן אָפּפיר־מיטל פאַר שלעכטע געסט.

מען איז דאָך אָבער פון „די באַיס וואָס שלאָפן באַטאָג, ווען מען זיך דאָך ניט סתם אַזוי אוועקזעצן און בלאַ-בלאַ, רעדט מען דורך אַ קאָרט.

זיי האָבן געשפּילט אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג זענען די צוויי באַ-רימטע קעלנערס נעט און דזשעק, אַוועק שלאָפן. און נאַכט-צו, ווען די זון האָט זיך געהאַלטן באַם זעצן, איז נעט שוין געשטאַנען מיט דער וואַליזקע, גרייט אָפּצופאָרן אין אַן אַנדער רעזאָרט־שטאָט אַריין נאָר איידער ער איז אוועק, האָט ער אַזאַ מין זאָג געטאָן צו דזשעק׳ן:

— יאָפּ, מ׳דאַרף ווייטער שפּאַנען, זיי ווילן שוין ניט געבן קיין אַרבעט. יונג בלוט זוכן זיי...

יענעם פאַרנאַכט איז דזשעק געשטאַנען לעבן ראַדיאַטאָר אביסל אַ צעדרומשקעטער. זיינע טעגלעכע באַרימערייען און חכמות האָבן אויסגעטריקנט. ער איז געשטאַנען און געטראַכט וועגן נעט׳ן, וואָס האָב אַ הויב געטאָן דאָס רענצל, און געזאָגט — „יונג בלוט? אים נעטן?״ ווי לאַנג גאָר ווי די באַלעבאַטים האָבן אַרויסגעלאָזט ספּע־ציעלע קאַרטלעך מיט נעט׳ס פאָטאָגראַפיע און פאַרזיכערט די געסט, אַז דאָס יאָר וועט דער עס-צימער זיין אונטער דער אויפזיכט פון נעט דעם און דעם און אַז עס איז זיי קוים געלונגען אים צו קריגן?

— ווי לאַנג גאָר?

דאָס איז געווען דער סוף פון זייער ערשטער באַגעגעניש — נעט און דזשעק.

דאָס צווייטע מאָל, יאָ, אָבער ביז דעמאָלט זענען אפּגעלאָפן אַ סך וואַסערן.

קודם איז אין שטעטל, וואו דזשעק האָט געאַרבעט, אַרונטערגע-קומען אַ מיידל. מאַכן אַ יוניאָן, האָט מען געזאָגט איז זי געקומען. אַ פישערקע, האָט זיך דזשעק אויסגעלאַכט. אַזוי פיל יאָר געווען אָן אַ יוניאָן, איז נאַדיר מיטאַמאָל די אַנדערע טעג יום-טוב.

דאָ אין הייזל האָט מען אַלץ אַרויסגעזאָגט מיטן פולן מויל. פאַר מיסעס קאַריצקי איז זיך ניט געווען וואָס צו היטן. זי אַליין האָט אויך ליב געהאַט אונטערצופּעפערן... און קיין מיידלעך זענען דאָ ניט אַריינגעקומען. ווען עס זאָלן זיך חלילה געווען אַהער באַ-

ווייזן די כלות, אָדער די ווייבער פון די מענער, וועלכע שפּילן דאָ, וואָלטן זיי די לעצטע דורס געווען.

דאָס מיידל פון דער יוניאָן איז אָבער יאָ איינמאָל אריין. זי איז אריין און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אַ טיש, צוגלייך מיט אַלע. זי האָט עס געטאָן מיט אַזאַ וואָכעדיקייט, אַז עס האָט די יונגען אָפּגע-נומען ס׳לשון

— גראַד ניט קיין מיאוס׳ע — האָבן זיי אונטערגעברומט און דערביי פלייסיק פאַרזשמורעט די אייגלעך.

— גראַד זייער א וואוילע, נאָר ליגט איינגעלייגט...

איינער האָט גענומען וואָרענען דעם אַנדערן. און זי האָט גע-האַלטן אין אריינקומען. אַ צייט איז אַוועק, און מען האָט זיך אָנ-געהויבן צוגעוואוינען צום געדאנק, אַז אָט-אָט, היינט-מאָרגן, וועט זי אַליין „גיין צום טיש״... נאָר פּונקט דעמאָלט האָט זי ווידער גענומען פאַרציען דאָס ערנסטע שמייכעלע ווי אין ערשטן טאָג פון איר אָנקום און צו דזשעק׳ן האָט זי זיך געווענדט מיט אומגעפער די ווערטער:

— דזשעק, די יוניאָן ווייסט, אַז דו רעדסט געגן איר. עס איז אַן עולה. זאָלסט וויסן, אז אזעלכע ווי דו, אַזעלכע ווי אַנדערע, אין אַ צוויי, דריי יאָר ווערן זיי אויסגעשפּילט, און אויס קנאַקערס. דזשעק, מ׳ווערט ניט יונגער!...

— „אַהאַ! ווער ס׳איז שיין, אָבער איך בין קלוג״.

די יונגען האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן איבערצוואורטלען און דזשעק האָט געטראַכט: „פונוואַנען ווייס זי וואָס עגבערט אים אין מח? פונוואַנען ווייס זי וואָס נעט האָט אים געזאָגט?״

ער האָט איר ניט געענטפערט; ער וועט זי לאָזן לויפן. די נאָז איז בלויז אים אביסל בלייכער און לענגער געוואָרן. ער וואָלט זיך אפילו ניט געוועגן אָפּגערופן מיט קיין האַלב וואָרט. נאָר ווען מיסעס קאריצקי האָט אָנגעהויבן צו זידלען די יוניאָן-מיידל, הלמאי זי צע-שלעפּט די באָיס פון קאָרטן-הייזל, דעמאָלט האָט ער זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן און א זאָג-געטאָן:

— וואָס צום שוואַרצן יאָר, מען מוז דען דאָס שטענדיק דאָ ליגן? מער האָט ער גאָרניט געזאָגט.

זייט דאַן פלעגט ער אַף להכעיס מיסעס קאַריצקי׳ן אַרויפגיין צו די מיטינגען. ער האָט זיך אינם יוניאָן-לאָקאַל אויך אויסגעזוכט אַ

ראַדיאַטאָר, לעבן וועלכן ער איז געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט אַפֿן היגטן בשעת אַנדערע האָבן זיך געקאַכט. „זאָלן זיי" האָט ער געטראַכט. אַמאָל, אַז מען דאַרף אַ פּאָר סענט, וועט ער אויך ניט אָפּשטיין, וואָרים עס זענען דאָך אייגענע באָיס. אבער קהל'ען זיך? ניט בא מאַטיע'ן.

ניט באַ מאַטיע'ן. עס רעדט זיך אַזוי! איינמאָל פאַרלייגט זיך, וועט זי שוין מסתמא ניט אָפּטרעטן...

קומט זי אמאָל צו און דערציילט אים אויף שנעל, אז אייבי איז געפאַלן מיט אַ טאַץ עסן אינמיטן סערווירן, און דער באַלעבאָס האָט אים געזאָגט פאַר אַלע געסט אין די אויגן ער זאָל זיך בעסער אויסזוכן א מושב זקנים.

— וואָס??

— אָט-אָ דאָס, וואָס דו הערסט, דזשעק. און גלייך האָט זי צוגעגעבן, אַז די יוניאָן טאָר דאָס ניט פאַרשווייגן, און מען מוז אייב'ן צוריקשטעלן אויף דער אַרבעט.

אַ מענטש — האָט זי זיך ניט געפוילט און איבערגע'חזר'ט — אַ מענטש האָט אָפּגעטראָגן אזוי פיל יאָר אַ קראַוואַט מיט א טאַק-סידאָ, און מיט איין פּיפּס — אויס! די יוניאָן מוז גלייך האַנדלען.

— ווער?

און געכאַפּט האָט ער זיך ערשט, אַז דאָס איז זי אים אויסן „צו מאַכן פאַר דער יוניאָן..."

ער האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרוואַרפן מיט פראַגן און ענט-פערס. ס'איז אים מיטאַמאָל ענג געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן צו פילן ווי דאס גאַנצע הויז רינגלט אים אַרום. מ'לויערט אויף אים... יאָרן זענען אַוועק מיט'ן ווינט. און איצט רופן זיי צו דין, אחריות. אחריות צו וואָס? צו וועמען? ווער גיט אים עפּעס?...

צו איר האָט ער גאָרניט. ער איז ארויס אין גאַס ווי א פאַרוואונ-דעטער און אָנגעהויבן איינצו'טענה'ן מיט זיך אַליין.

— וואָס וויל מען פון אים? ער קומט ארויף אין דער יוניאָן, ווייל עס איז ניטאָ קיין אַנדער פלאַץ וואו צו גיין, ווייל עס איז אים נמאס געוואָרן די ק.. דאַרטן מיט איר קאָרטן-הייזל. און זי, דאָס מיידל, וואס פאַראַ פּיסק עס האָט. אָט אַזוי קליין ווי דאָס איז, אַזאַ מיילעכל האָט עס, און שטענדיק שפרינגט זי אונטער מיט אזוי פיל

טשע טשע, מיט אזוי פיל — — ווי זאָל ער זאָגן, און זי פּענטעט אים. זי גיט אים אַזאַ נעם אַרום מיט די אויגן, כ׳ווייס, ווי מען זאָל — —

— אָבער וואָס האָט דאָס אַלץ מיט אים צו טאָן? אַ יוניאָן, אַ שמוניאָן, דאָס דאַרפן קאַליקעס, אַזעלכע וואָס קאָנען זיך אַליין ניט צונויפרײידן מיט אַ באָלעבאָס און אים דערלאַנגען וואָס אים קומט, אַזעלכע, יו נאָו! אָבער ער?

— וואָס וויל זי פון אים? וו-וו-וואָס האָט זי געזאָגט? יאָ. עך, ווען ער טרעפט איצט אייב׳ס באָלעבאָס,וואָלט ער אים מיט דערלינקער האַנט אַזאַ נעם געגעבן אונטערן גאַרגל און מיט דער רעכטער פויסט וואָלט ער אים אַ שאַר געטאָן צווישן די אויגן, דאַצאַל! אָבער זיך גיין בעטן, צו אַזאַ פאַרך, ער? קײנמאָל ניט.

און שפּרײיזנדיק אזוי איבער די גאַסן אָן אַ חשבון, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז נעט איז דאָ אין שטאָט, און אַז ער אַרבעט היינט אין גרויסן האָטעל „לאַרעל אָוו די ביימס״.

— נאַכט-אַרבעט — האָט ער אַ ברום געטאָן. — אויף באַטאָג צו דער פעטער יויך דינגט מען די פּיטשעריצעס. אַבי אַ קליידל, קריגט עס אַרבעט... עך, סאַנאָווע ביטשעס באַלעבאַטים!

ווען ער איז צוגעקומען צום האָטעל איז שוין דער זייגער געווען צוויי פאַרטאָג. איבער פיר שטונדן האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין גאַס. ס׳איז געווען ווינטער, פראָסט האָט זיך געשיילט אין דער לופט. דאָס גאַנצע האָטעל-שטעטל איז געווען איינגעהילט אין ווייסע, נאַקעטע בײמער. נאַכט. אַלץ איז געשלאָפן. די שפּעטע שעה האָט געאָטעמט מיט רו און וואַרימע מאַטראַצן. אַ לעצטער אָנגע-פעלצטער שליטן האָט זיך בא א טיר אָפּגעשטעלט און אויסגעליפערט פאַרפלאָמט לייב. פון זייטיקע אַלייען האָבן זיך אויפן שניי גע-צינגלט לאַנגע שאָטנס פון פאַרליבטע פאַרלעך. געאָרעמטע שאָטנס, מאַן און פרוי, אויפן שניי האָבן זיך געוואָרימט און געקושט.

ער, דזשעק, אַמאָל האָט ער אויך ליב געהאַט און אויפגעוועקט נעכט. אָבער דאַרטן, אין דער איסט-סאַיד, פון וואַנען ער קומט, גלייך אונטער טאַטע-מאַמע׳ס אויער, בייסט מען איין שטיקער לעבן, און מעשה גוטער ברודער טיילט מען זיך מיטן ביסן... „טייק איט אַר ליוו איט!״. אָבער אַמאָל האָט ער אויך ליב געהאַט. א

שוואַרצינקע איז זי געווען, מיט לאַנגע, ברוינע צעפּ, מיט דינע זומער-שפּרינקעלעך, אויף אַ בלייך-לענגלעכן פּנים, און קלוגינקע קאַלמיקן אייגעלעך האָט זי געהאַט. נאָר געהוסט האָט זי. „דאַרער טשוואָק", פלעגט מען זי רופן, און ער האָט ניט ליב געהאַט מ'זאָל זי אַזוי רופן. איז ער אַוועק איבער האָטעלן, כדי איר צו ברענגען אַ פּאַרמעגנס, אַ פּאַרמעגנס — — — דאָ אויף די האַרטע געלעגערס, צווישן פרעמדע טישן און קאָרטן, רינט אַלץ אויס. ער האָט זי זייער ליב געהאַט. ביסלעכווייז האָט ער פאַרגעסן, און צוגלייך מיט די געסט און די „גו-טע ברידער" אָנגעהויבן צו חוזק'ן. מעשה הפקר פּעטרישקע פלעגט ער עס טאָן מיט אַזעלכע קונצעלעך, אַז ער איז אפילו געוואָרן דער טשעמפּ פון די רעדל-פירער. „דזשעק דער טשעמפּ — דער באָם".

נאָר יענעם אָוונט, שפּרייזנדיק צו נעט'ן, האָט ער קיינעם ניט געזען. ער האָט געטראָטן איבער שאָטנס פון רויטע ליפּן אויף ווייסן שניי — אהין, עפּעס האָט זיך אין אים פאַרקאָכט, און ער וועט שוין אַזוי ווי אַזוי ניט קאָנען שלאָפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— העללאָו, נעט!

— העללאָו, דזשעק! וואָס פאַר אַ רוח ברענגט דיך אהער אַזוי שפּעט?

ס'איז געווען צוויי פאַרטאָג. נעט איז אים אנטקעגנגעקומען מיט אַ קאַראַקולינעם דאַמע-מאַנטל אויפן אָרעם. טויזנטער קילאָוואַט ליכט האָבן געברענט אין די ליידיקע שפּיגלען אַריין פון ריזיקן קאָרי-דאָר אין האָטעל. נעט איז געגאַנגען אַ ביסל אַ געבויגענער, אַ מי-דער. ער האָט געשפּרייזט איבער די פּלושענע דיוואַנען און גערעדט, דאַכט זיך, צו זיך.

נעט האָט זיך אַ ביסעלע פאַרלוירן: דער מאַנטל האָט זיך אים גע-שטעלט אין וועג. זיין טונקל-ברוינער קאָליר פון פאַרהאַרטעוועטן פּנים האָט גענומען בלייכער ווערן, און די שאַרפע קאַרבן פונם שטערן האָבן אָנגעהויבן צו צעגיין, ווי כוואַליעס וואָס פליסן אָפּ. פּנים אל פּנים איז געבליבן שטיין אַ פאַרלוירן קינד.

דזשעק האָט אין דער פאַרלעגנהייט געטראַכט, אַז אָט-אָ-דאָס איז עס: די געסט ווייסן ניט דעם אונטערשייד פון אַ שווייצאַר, אַ קעלנער אָדער סתם אַ שיק-אינגל. שטעלט זיך אַוועק אַן אויסגעדינטער

„גענעראל״ אין א פראק, מיט א שטייפן קאָלנער, און איז גרייט צו ציען דעם קאָרק פון א פלעשל שאַמפּאַניער, גיט זי אים דערוויילּ דעם מאַנטל אוועקצוטראָגן... דאָס ערשטע מאָל אין לעבן ווי דזשעק האָט דערפילט, אז עפּעס אין אים צענעמט זיך. ס׳קרישלט זיך אַ לעבן... נאָר אָנגעהויבן צו רעדן האָט ער כלומרשט גלייכגילטיק, אָט אזוי ווי דאָס יוניאָן-מיידל טוט:

— נעט — האָט ער אַ זאָג געטאָן, מ׳האָט אייבי׳ן אַוועקגעשיקט, די באָלעבאַטים האָבן דערשמעקט, אז מען מאכט א יוניאָן, און ... עס לאָזט ניט שלאָפן! עס לאָזט ניט...

ביידע זענען געבליבן שטיין אָן ווערטער. טויזנטער קילאָוואַט ליכט האָבן געברענט אין די ליידיקע שפּיגלען אריין. א ווײַלע האָבן זיי געשוויגן. דערנאָך האָט נעט אָנגעהויבן איבערצו׳חזר׳ן דאָס וואָס ער זאגט שטענדיק: א יוניאָן טויג ניט, ס׳טויג ניט. ער האָט שוין באלאנגט צו צענדליקער יוניאָנס און זיי טוען גאָרנישט. זיי טוען ניט. און באַ אים איז אָדער, אָדער — „אָדער דו טוסט, אָניט ארונטער פון טאָפּ!״

וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ האַרטער און אָנגעשטייפטער זענען באַ אים געוואָרן די קינבאַקן, אַלץ וואַרימער איז ער געוואָרן. פון זיינע נאָזלעכער האָט אָנגעהויבן צו זעצן אַ פּאַרע. ער איז געבליבן שטיין מיט אָפענע הענט און דורך די פינגער, ווי דורך אַ לעכערדיקער נעץ האָבן זיך זיינע טעג גענומען זיפן... יאָרן — צעפּראָשעט...

— אָלרייט בעסטיעס! מ׳וועט זיך נאָכאמאָל א פרוביר טאָן. ער וועט אהינגיין און זיך אוועקשטעלן צווישן די זיילן וואָס פירן אין עסצימער אריין, און זאָל מען וואָגן אריבערצוטרעטן זיין געביין! דאָרטן, באַ דער שוועל, וואו מענטשן געזעגענען זיך, קושן זיך, וואו זאַרגלאָזע טעג גייען אויף מיט סורפּרייז-פּאַרטיס, אָט-אָ, דאָרטן, וועט ער צוזאמען מיט דזשעק׳ן זיך איינ׳עקשנ׳ען פאר די טויזנטער קינדער, וואָס שפּאַנען אהער פון דער איסט-סייד, כדי צו זאמלען א ביסעלע פרייד.

ער איז געשטאנען און ניט באַמערקט ווי דער מאַנטל גליטשט זיך פון זיינע אָרעמס אראָפּ; ווי אין א שעה אַזאַ, אנטקעגן טויזנטער קילאָוואַט ליכט, האָבן זיך זייערע געמיטער צעברענט קעגן פעטן, שוואַרצן קאַראַקול דאָ אויפן דיל...

לאַנדסלייט

מאָריס איז געזעסן אַן אַ זייט און געביסן אין ציגאַר אַריין. ס׳זע-נען היינט דאָ געווען אַ סך ציגאַרן באַם מיטינג... דער זאַל איז געווען געפּאַקט.

„האַלאָו״ און „האַלאָו״, — מ׳האָט זיך געהאַלטן אין אָפּשטעקן שלום. אַ וואַרימע גוט-ברודערישע האַנט דעם, וואָס קומט אַלע צוויי וואָכן צו אַ מיטינג, און אַ העפלעכע, פּאַרזיכטיקע האַנט — אַ גאַסט, וואָס קומט איין מאָל אין אַ יובל — „האַלאָו!״

מאָריס איז געזעסן צווישן די געסט. שוין יאָרן ווי ער איז דאָ ניט געווען. פאַרוואָס? ס׳האָט זיך ניט געמאַכט קיין געלעגנהייט. יאָרן ווי דאָס לעבן האָט אים פאַרטראָגן אין אַ דראָג־סטאָר אַריין אויף סטעטן־איילאַנד, און ס׳ציען זיך די טעג, פּאַזע די לויות וואָס גייען פאַרביי טאָג איין, טאָג אויס.

טעג און יאָרן. אָט ערשט האָט ער חתונה געהאַט, געעפנט אַ ביזנעס, געווען מיט אַזויפיל יאָר אינגער. דעמאָלט האָט אַזאַ מין אָפּטייק ווי זיינס געמאַכט אַ דאָלער באַ יין שרף... אָבער היינט? היינט איז די צייט צוריק אַרונטער צום פּודעלע שו־וואַקס און דעם אָפּפיר־מיטל, און די טעג האַלטן זיך אין איין גליטשן אַראָפּ — „האַלאָו, משה!״

אויפן ראָג שטייט זיין געוועלבל. דערנעבן איז אַ ציגאַר־סטאָר און אַנטקעגן — אַן אויטאָמאָביל־שאָפּ פון ברוכוואַרג. צווישן די קרעמלעך ציט זיך אַ ניט־ברוקירטער וועג. צופוסנס ליגן די בית־עלמינ׳ס און צפון צו — ניו יאָרק. איז אַז די געשעפטן זענען אוועק אַ גאַנג, האָט אַ מענטש אַ טראַכט געטאָן: „אָט איז פאַראַן גענוג ליי־דיק פּלאַץ. מיט גאָטס הילף וועט מען צוציען און ניט דאַרפן ליגן אין דער רוישיקער שטאָט״. אבער — — — — — —

אַ מענטש, האַלט מאָריס אַן איין איינ׳טענה׳ך, איז אַ מענטש אַן

אונטערשייד פון זיין רעליגיע אָדער אָפּשטאַם. פאַרוואָס און פון וואַנען אזא פילאָזאָפיע? ערשטנס, ווייל ס׳ציען זיך סיי ווי די טעג. און צווייטנס, ווייל דער איירישער פון בשכנות קומט יעדן טאָג אריין, נו — א מענטש מיט א מענטש מוזן זיך דאָך דערעדן...

דער איירישער, אן עלטערער פאַרשוין, שוין יאָרן ווי זיין הכנסה שווימט פון אַ ירושה אָדער פון א פאָליסי, זאָגט מען. און אזוי רע־גולער ווי זיין הכנסה גייט, אַט אזוי פוצט ער זיך יעדן אינדערפרי אויס די שיך, ראַזירט זיך אָפּ, גלייכט אויס דאָס שוואַרצע בענדל פון די בינקאָלן, מעשה חול־המועד, און

— האָו דו יו דו, מיסטער מאָריס!

— האָו דו!

נו, אזא איירישן, פונקט ווי דער אייגענער אמעריקאַנער ווייב, קאָן מען דאָך ניט, למשל, דערציילן, אַז נאָך מיט אזויפיל יאָר צוריק האָט אים דאָס גאַליציאַנער מלמדל געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז, „משה׳קע וואַקסט אן עילוי"... אן עילוי, א שמילוי, שוין באַלד אליין פאַרגעסן. אָבער אז ביזנעס איז, לא עלינו, געוואָרן מנע; און פון דער היים קומען אָן ביטערע בריוו, האָבן זיך עפּעס פון זיך אליין אָנ־געהויבן צו וועקן די טעג פון אמאָל...

אַט־אָ דאָס טענה׳ט ער דאָך טאָג איין טאָג אויס מיטן איירישן. יענער פאַרקעמט זיך דערביי די גרויע פאַרשניצטע וואָנצעס און ברומט אונטער אַ ניגון: „אייבים איריש ראָוז".

„כל נדרי" און „אייבים איריש ראָז".

מאָריס, באַם קאַסע־טיש, פאַרקנעטנדיק אן אָפּפיר־מיטל, און יע־נער באַם גראָבן טעלעפאָן - בוך, מישט אין דינעם פערגאַ־מענט פון דער שטאָט. ביידע באַגלייטן זיך, פאַלצעטעווען אויס „ברוך שמו" און „יעס מאַי בעיבי" טענער. אינדרויסן פליען פאַר־ביי עגלות. אמעריקע פירט דאָ דורך אירע טויטע. אנטקעגן פאַר־קויפט מען ברוכוואַרג. פון דערנעבנדיקן קרעמל שפּאַנען יונגען ארויס מיט ניקלדיקע ציגאַרן — פּאָפּפּ!! — — „פאַראַן געגוג ליידיק לאַנד, פאַראַן, נאָר ס׳איז פאַרזייט מיט „טור־לעטס".

„... אן אונטערשייד פון רעליגיע אָדער אָפּשטאַם"..

אָבער היינט האָט זיך מאָריסנ׳ס פילאָזאָפיע אָ גליטש געטאָן: אַ בריוו איז איר פאַרלאָפן דעם וועג. א סאָסייטי־בריוו אין אידיש־

ענגליש, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, נאָר היינט האָבן זיך דאָ צוויי אונטערגעשטראָכענע שורות א וויג געטאָן מיט די אותיות פאַראויס:

„די אַלטע היים. ברודער מייער אַוויטש האָט ארונטערגעגנומען פילמען, צו דער געלעגנהייט וועט מען צייגן די בילדער פון שטעטל".

„די היים"...

צוויי שורות אין א פאַרקלעפּטן קאָנווערט האָבן זיך א וויג געטאָן און...

— —

דאָ אין זאַל איז מאָריס געזעסן צווישן די געסט. יאָרן ווי ער איז דאָ נישט געווען. דער זאַל איז אָבער פאַרבליבן דערזעלבער. א גרויסע לאַנגע שטוב. די ווענט פון דיל ארויף ביז אין דער העלפט מיט ברוין געהילץ באַשלאָגן. אויף די אנדערע, גלאַנציק־באפאַרב־טע-העלפטן, הענגען אייגגערעמטע קאָנסטיטוציעס, פלאַגן, אָפּ־געדרוקטע יחוס־בריוו, פאָטאָגראַפיעס — שמות. ס'איז אי דער ריח פון א בית המדרש, אי פון א קירכע, ליהיי ר'מאיר בעל נס אין בלויזן קאָפּ — גיט צדקה!

מאָריס האָט זיך זיצנדיק דאָ דערמאָנט, אז ווען ער איז אָנגעקו־מען אין לאַנד, האָט מען אויך געלאָזט וויסן די לאַנדסלייט, זיי זאָלן קומען אָפּנעמען „א לעבעדיקן גרוס" פון דער אַלטער היים. ער האָט זיך דעמאָלט צוגעגרייט מיט א רעדע, מיט פּשט'לעך, ווי ער איז גע־וואוינט געווען פון דער ישיבה. מען האָט אים אָבער ניט אויפגע־רופן. מען האָט אים געלאָזט זיצן, און יעדער באַזונדער איז צוגע-קומען צו אים: „וואָס הערט זיך?"

ער האָט עס באַלד ניט „געגליכן". נאָך יענעם אָוונט איז ער געלאָפן אויפנעמען קורסן, „פּאַינטס", א דראָג-סטאָר, אן אמעריקאַ-נער מיידל. איין מאָל זיך אָפּגעשניטן די פּאות, איז ער אָוועק פון רב מאיר בעל נס פושקע, ווייט אָוועק, אזש קיין סטעטן-איילאנד...

ער האָט זיך אָבער ניט אַמעריקאַניזירט און ניט מיליאָניזירט. ער האָט זיך בלויז אוועקגעשטעלט אויף א לײדיקן פּלאַץ פאַרקויפן שוד־וואַקס, פּראַשקעס, קאַנעס. ער האָט מיט גאָטס הילף געדענקט צו

צוציען מער פּלאַץ. אָבער אז ביזנעס איז לא עלינו — און פון דער היים קומען אַן אזעלכע בריוו... אַט-א דאָס פּרובירט ער דאָך צו געבן צו פאַרשטיין דעם איירישן. נאָר גיי רייד, אז שטום-לשון פאַרשטייט יענער ניט, און ריידן קאָן מען נישט...

דאָ אין זאַל איז לעבן מאָריס׳ן געזעסן איטשע פּיק. ביק פלעגט מען אים רופן אין גאַליציע. פּראָסט און פּשוט: האַנדלסט מיט אָקסן, טאָ נאַדיר א נאָמען. אין אמעריקע האָט איטשע געדרייט מיטן נאָמען, געקירעוועט הין־און־צוריק, און ס׳איז אַלץ אויסגעקומען דאָס זעלבע אויסגעפּילט ביקל מיטן שרונט אין דער מיט.

מיסטער פּיק האָט זיך באַקלאָגט פאַר מיסטער ראָזענבערג׳ן: „א מאָל, איידער מען האָט נאָך אויסגעקעמט א פעלכל, איז עס גלייך פארכאפּט געוואָרן, און היינט ווערט דער קאָפּ אויסגעדאַרט ביז מען זעט א קונה״. מיסטער ראָזענבערג האָט פאַרצויגן א דין שמייכעלע אויף די שנירלדיקע ליפּן. „מסכים און אפשר ניט מסכים״. ער איז א מענטש וואָס רעדט ניט קיין סך. א וואָרט געזאָגט און צען דערשטיקט. ער האָט בלויז געגעבן אָנצוהערן פּיקן, אַז ווען ער, פּיק, ווייסט ווי ריעל־עסטייט איז היינטיקע צייטן אין דר׳ערד, וואָלט ער זיך פאַרשפּאָרט צו באַקלאָגן. מיסטער פּיק פאַרשטייט און אַלע ארום פאַרשטייען, אָבער ס׳איז כדאי צו הערן נאָך אמאָל... און אַז מען רעדט שוין יאָ, וואָלט איטשע אָ בעלן געווען צו וויסן, ווי ס׳האָלט עפּעס אין מאָריס׳עס געלערנטער „לאַין״. ״מענטשן האָבן דאָך ניט אויפגעהערט צו קרענקען, אַ־יאָ, ניין?״

אָבער מאָריס הערט נישט. גראָד איצט האָט ער זיך פאַר־קוקט אויף די עטלעכע לאַנדסלייט, וואָס שטייען אויבנאָן באַם שטענ־דער און פּלאַנירן דעם היינטיקן טאָג־אָרדענונג. „דיזעלבע מענטשן וואָס מיט פופצן יאָר צוריק, נאר היפּשלעך פאַרעלטערט און ווי אַלע מאָל, ווי אין ערשטן טאָג פון זייער אָנקום אַהער טראָגן זיי הילף פאַר דער אַלטער היים און פאַר אָ דאָאיקן אין נויט״.

א מחיצה אינמיטן זאַל. פון איין זייט די לאַנדסלייט פון א גאַנץ יאָר, און פון דער אַנדערער, די, וועלכע מען דאַרף כסדר וועקן... די ערשטע שטעקט מען אַן אַ היימישן שלום עליכם, און די אַנדערע באַגריסט מען מיט אָ פאָרזיכטיקן „האַו דו״ מינוטווייז דוכט זיך, אַז

נישט פאַרברידערן איז מען זיך געקומען, נאָר מלחמה האַלטן, מלחמה מיט די, וועלכע ווילן ניט וויסן פון דער נויט...

—באַשר וואָס? טענה׳ט דער פאַרזיצער איין מיטן „רעקאָר-דינג״, באַשר איך בין שוין פּרעזידענט, דאַרף איך נישט מאָרגן אויפ־שטיין צו דער ארבעט? און דו? מוזט דאָס כסדר לייענען דעם פּראָטאָקאָל צום ווינט? באשר וואָס? — — —

נאָר די מערסט האַלטן, אז ס׳איז נישט כדאי. ס׳איז נישט... און וואָס וועט שוין ארויסקומען, אז מ׳וועט זיך קריגן?

אַ איד אַ באַבאָרדטער, אַ געבויגענער, וואָס איז, דאַכט זיך תמיד אזוי געוועזן, האַלט שטאַרק פון שלום. „שלום חיים׳ל, משה׳לע בעריל״ רעדט ער צו זיינע תלמידים מיטן טאָן פון דרייסיק יאָר צו־ריק. און כאָטש יענע, באַווייבטע, באַקינדלטע, קומען אים אַנטקעגן מיט געקינצלטע שמייכלען אויף די ליפּן, אָבער פילן פילט מען, ווי אין דער מינוט צעקנעפּלט ער זיי די הייזקעס, און ווי אַמאָל ליגן זיי בא אים אויף די קני מיט די נאַקעטע, בלויזע הינטענדלעך ארויף, „שלום; היימ׳ל, משה׳לע, בערל!״...

צו מאָריס׳ן איז דער אַלטער צו מיט א מאמר פון דער גמרא. „מאימתי קורין את שמע בערבין״, האָט ער אים א פרעג געטאָן. מאָריס האָט שמייכלנדיק אָפּגעענטפערט, אַז די חכמים האָבן דער־לויבט צו לייענען קריאת שמע ביז חצות, רבן גמליאל האָט דעם טער־מין פאַרלענגערט, ביז זון־אויפגאַנג, אָבער — — — — — — אז מען שלאָפט אינגאַנצן נישט קיין נעכט?...

מאָריס האָט זיך ערשט געוואָלט צערעדן, אָבער דאָ, האָט ער באַ־מערקט ווי באַם אַלטן שניידן זיך שוין די צוויי לעצטע ציינער אויף צוריק. זיין באָרד, אַ מאָכיקע, וויקלט זיך פוןביידע זייטן אויף די פאַרגעלטע באַקן ארויף. דאָ אין דער מיט גאָמבע, ווערט ליידיק... דער אַלטער ווערט א חדר-אינגל...

מאָריס האָט זיך פאַרשעמט: „דאָרטן באַם שטענדער שטייען די לאַנדסלייט פאַר׳עקשנ׳ט״. „און ער?״ „ער האָט זיך ניט אמעריקאַני-זירט, ניט מיליאָניזירט, און קומען קומט ער נאָר אויף קבֿר אבות?...״

— —

אין זאַל איז געוואָרן פינסטער, דער קינאָ-אַפּאַראַט האָט אָנגע-הויבן צו טיקען. ליכט-פלעקן האָבן זיך גענומען שפּילן אויפן ליי-

ווגט. א גרויסע, קײַלעכדיקע וואַסער־פּליאַמע האָט אַרומגעטאַפּט די ווייסע זוימען אין דער פינסטער. ליכט אין געמיש פון גרויע און שוואַרצע פלעקן האָבן אָנגעהויבן אויפצוגיין.

די היים:

אַ גרויסער, נאַקעטער הימל, ווי וואַטע, וואָס טונקט זיך אין וואַסער. און דאָ גלייך באַם ראַנד קנייטשן זיך געסלעך מיט משופּע׳דיקע אויסגעביסענע שינדל-דעכער, לאַטעס. און ווייטער — אַ פּלויט איינמיטן גאָס. איינער, און נאָך איינער. א הונט ליגט אויף אַלע פיר און וואַרימט זיך. א פּלויט ציט זיך רונד ארום. דער מאַרק; די זיצערקעס; קבצנים; בוידן.

„אָט איז פּייווּל שקראַפּל!״ האָט אימיצער פון די פאַרזאַמלטע אויסגערופן. און דאָרטן זיצט די רויטע שיינדל! טוביה כּלי־זמר און דאָרטן פערטשע קלאָגערן, און דער שמש, דער רב, באָרוויסע קינדער...

דער פילם אפּאַראַט האָט געטיקעט, די מענטשן פון דעם לייוונט האָבן אָנגעהויבן צוצוקומען צום ברעג. דער אַמעריקאַנער האָט זיי מסתמא אזוי געהייסן, בשעת ער האָט פאָטאָגראַפירט. זיי קומען האַלטנדיק זיך באַ די הענט. זיי קומען מיט פולע זונען אויף די פּנים׳ער, נאָר אָפּגעריסענע זענען זיי, באָרוויסע...

— אָט איז דער מאַרק, האָט מר. מייעראָוויטש, זיצנדיק באַם אַפּאַראַט, אָנגעצייגט אויפן לייוונט, דאָס איז דער מאַרק, און קיין סחורה איז ניטאָ. דאָרטן איז מאיר בונים׳ס בעקעריי, נאָר קיין ברויט איז ניטאַ. און דאָס איז די מקוה, און קיין וואַסער איז ניטאָ. וואָס מער היימען אויפן לייוונט, וואָס מער לאַטעס און באָרוויסע פיס, אַלץ שטילער איז געוואָרן אין זאַל. עס איז געוואָרן שטיל און דראָענד, ווי אויף א בית-עולם. בלויז שלוכצן האָט מען געהערט... אין דער פינצטער איז מאָריס׳ן גראַמער געוואָרן. די נאַכט האָט אים אַ צי געטאָן... די קינדערשע סטאַפּעס האָבן זיך ווידער אַמאָל צעבראָכנט אויף היימישער, וואַרימער ערד. — „יאַוואָ, יאַוואָ, לודזשיע צאָ ווי טו ראָביטשע!״ — — —

— —

צום געמיט, צום ריטם, אין דער פינצטער, האָבן די ציגאַרן געוויינט אויפן קול.

אַ מאַמע

קינדער וועגעלעך. איינס נאָנט צום אַנדערן. דאַנעבן אויף בענקעלעך, ווי די אייביקע היטער, אין וואָכעדיקע קליידער, זיצן מאַמעס.

אַנהויב פרילינג. די טעג גייען אויף מיט וואַרימע ערד. ערשטער צוויט ווערט באַגרינט. דער פּאַרק זינגט דאָס ליד פון מאַי.

קינדער לאָזן זיך אויף הוידעלקעס. אַרום אַן אָנגעצייכנט רעדל, אויף אייזעלעך, ווייל יעדעס קינד זיך אַ שפּיל טאָן פאַר א ניקל. און פּאָטאָגראַפטשיקעס רייצן זיך, קענדי פאַרקויפערס באַטן אָן, שיך פּוצער דערמאָנען... און קינדער לאַכן, וויינען, נאָגן, ווילן — דער שטענדיקער קאַראַהאָד:

מאַמעס און קינדער.

מאַמעס פאַרשיידענע. מאַמעס אַזעלכע, וועלכע האָבן די אַרבעט צעטיילט אין צווייען: ער זאָל ברענגען וואָס געהער צו אים, און זי וועט דערפאַר דאָס הויז און קינדער אונטערטראָגן. וואורשטיקבאַפּליישטע, דעליקאַטעסן-מאַמעס. און מאַמעס וועלכע האָבן אַ לעבן אויסגע׳חלומ׳ט, וועלכע זענען גרייט יעדן ציטערדיקן אָטעם צו באַפליגלען — מענטשלעכע מאַמעס.

— מאַמעס, האָט ענע געטראַכט. נו, אָט בין איך אויך א מאַמע. מיין קינד שלאָפט, און איך פאַרנעם א נייע פּאָזיציע: איך זיץ אין פּאַרק.

און כאָטש די פּאַרטיי-אַרבעט צווישן די הויז-פּרויען איז פּונקט אַזוי וויכטיק, האָט אָבער ענע דערפילט, אַז ס׳איז ניט מער ווי אַן אויסרייד אין איצטיקן מאָמענט, אַז ס׳דערגריבלט זיך פון ערגעץ אומזיסטע טרייסט...

איז זי געזעסן מיט אַ בוך אין האַנט צווישן אַזוי פיל מאַמעס און געלאַסטשעט די פינגערלעך פון אייגענעם קינד. — — — — — — —

יאָ, זי געדענקט, ווען זי אַליין איז געווען אַ קינד, קוים צוועלף

יאָר אַלט, געוואוינט האָבן זיי דעמאָלט אין גרענד סטריט. דער טאַטע איז נאָך געווען יונג. ער האָט געבאַקן גאַנצע נעכט, און אינ-דערפרי איז ער אַהיימגעקומען מיט פרישע זעמל. די מאַמע האָט געגרייט צום טיש. דער טאַטע פלעגט אַרויסטערציען די שיך און דער-ציילן מעשיות. פון אַלע מעשיות האָבן זיך איר איינגעקריצט אין זכרון די מעשיות פון אַלטן רוסלאַנד, ווי מען האָט געמאכט פּאָגראָמען, ווי מ׳פלעגט יונגוואַרג כאַפּן פון די בעטן און זיי פאַרשיקן אויף ווייטע וועגן, ווי עס האָבן באַיאָווקעס מוטיק געקעמפט, און, דער טאַטע, איז אויך געווען אַ באַיאָוויק...

— פּאַר גאָרניט, ניט זיך אָפּגעשטעלט — כ׳בין מיד, זייער מיד,

— אַזוי פלעגט ער אינמיטן דערציילן איינדרימלען.

מיט די ביכער אונטערן אָרעם, אויפן וועג צו דער שולע יעדן אינ-דערפרי, פלעגט זי טראַכטן וועגן די באַיאָוויקעס, וועלכע האָבן זיך פאַר גאָרניט אָפּגעשטעלט, וועגן טאַטן, וואָס דרימלט איין בשעת ער ציט ארונטער די פאַרשוויצטע זאָקן, און וועגן דער מאמע וואָס בלייבט זיצן איינע אַליין בײַ אַ געדעקטן טיש מיט פרישע זעמל.

טאָג־טעג, יעדן אינדערפרי אַזוי. בלייב־בלעכענע פרימאָרגנס אַף פריש געוואַשענע פּנים׳ער, וואָס ציען זיך פון אַלע ווינקלען דורך גאַ-סן, יעדער צו זיין נאָרע.

איז ענע, אַ צוועלף־יאָריקע, צופרידן, וואָס זי איז אויך אינמיטן, אַ מענטש מיט מענטשן, צוגלייך מיט אַלע, שפּאַנט פון אָנהויב טאָג.

מיט ביכער אונטערן אָרעם האָט זי שפּעטער צו, אָנגעהויבן גיין אויף זונטיק-קורסן אין דער סאָציאַליסטישער שולע. דעם טאַטנס אַ פריינט האָט זי אַמאָל אַהינגעפירט. „לערן, האָט ער געזאָגט. מיר האָבן העגט און הערצער. נאָר ס׳פעלן אונז קעפּ... האָסט אַ גוט קעפּל, חנה׳לע". — די ווערטער זיינען איר ניט ארויס פון געדאַנק. דער מאַן איז געווען אַ נידעריקער, אַ דיקער, מיט אַ פּאָר פעסטע פּלייצעס, אַ שווערער אַרבעטער. ער האָט גערעדט צו איר ווי צו אַ דער-וואקסענעם מענטש, וועלכן מ׳פאַרטרויט גרויסע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. איר איז עס געפעלן.

אויף די קורסן האָט זי זיך גוט געלערנט. יעדעס וואָרט אַ נייעס, אַ פונק, נאָענט... נעענטער צום טאַטן. די קינדער אין גאַס האָבן זי גערופן „סמאַרטי", נאָר אין היי-סקול איז זי פאָרט געווען די איינצי-

גע, וועלכע האָט געשטעלט פראַגן און אָפטמאָל געשטעלט דעם לערער אין אַ פאַרלעגנהייט.

„נאָכדעם? יאָ, קורץ נאָכדעם האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. די „גרענד סטריט באָיס" זיינען ארויס מיט טרומייטערס אין די גאַסן. דעבס'ן האָט מען איינגעזעצט אין טורמע. סאָלדאַטן זיינען געשיקט געוואָרן קיין פראַנקרייך. מאַמעס האָבן געוויינט. יונגע רעקרוטן האָבן מאַרשירט צום טאַקט פון מוזיק. אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי איז אריין אַ צעמישעניש. זי, ענע, האָט שוין דעמאָלט געקאָנט פון אויסנ־ווייניק דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט. יאָ, — און מיט סוף 1917 איז געקומען דער גרויסער שטורעם אין רוסלאַנד מיט לענין אָן דער שפיץ.

לענין! ווי א לעגענדע, ווי דער סוף מעשה פאַר קינדער, וועל־כעס טאַטעס ס'דרימלען מידע איין מיט א שמייכל פון א העלד אויף די ליפּן.

לענין... פון אויער צו אויער אויף ליפּן. שרעק און פרייד. דעבס באַגריסט פון טורמע. סאַקאָ און וואַנזעטי ארעסטירט. לענין וועט באַ־פרייען! די סאָציאַליסטישע פירער דערשרעקן זיך — פאַרראַט!

און ווי דער פריצייטיקער סוף פון יעדן העלד אין קאַמף, ווי איצט געדענקט זי עס, איז פּלוצים אין א שנייאיקן דאַנערשטיק אָנגעקומען אַ באַריכט, אַז לענין איז געשטאָרבן.

טויזנט ברובן. ווייטיק האָט פארשטשעמעט די ציינער. האָט א רוף דערמאָנט און דערמאָנט:

— חברים, מיליאָנען אונטערדריקטע, פילט אויס די רייען, פאַר־נעמט דעם פּלאַץ פון חבר לענין!

דעמאָלט איז זי אריינגעטראָטן אין יוגנט ליג פון דער קאָמוניס־טישער פאַרטיי אין אָמעריקע.

אָבער פאַרוואָס עפּעס פּונקט איצט? פאַרוואָס מוז זי דאָס אזויפיל און אזויפיל מאָל איבערטראַכטן די זעלבע געשיכטע?

מיט זעקס וואָכן צוריק איז זי געלעגן אויפן אָפּעראַציע־טיש. זי איז שווער געגאַנגען צו קינד. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, ווען זי לאָזט פאַר א ווייל אָפּ דעם גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט, וואָלט זי לייכטער איין קינד געבראַכט אויף דער וועלט. דער דאָקטאָר — אַ צו־פרידן קראַוואַטל. זי איז דאַן געלעגן אונטער שלאָף־געטראַנק, און

מיט די לעצטע כוחות האָט זי אין גערא‍ַנגל געהאַלטן אין איין שרייען — ווי, ווי דימענד!

בעת מ׳האָט עס איר דערציילט, איז זי שוין געווען אינדערהיים. זי האָט געשמייכלט, אָבער געטראַכט האָט זי, אַז מ׳דאַרף זיך טאַקע נעמען אין די הענט אַריין.

זיצט זי איצט אין פּאַרק. דאָס קינד שלאָפט, אַ לעבן אויף דעם. פּיסעלעך, הענטעלעך, פּיטשינקע גאָלדינקע, טייבעלע. צו וועלכע פּיאָנערן סעקציע וועסטו באַלאַנגען? אייגעלעך טייערינקע, בו זאָג — צוויי פיר, זעקס, זיבן. וועלכן פירער האָבן מיר אויסגעקליבן — לענין!

...לענין? און זי — אַ מאַמע גאָר, אין אַזאַ שטורמדיקער צייט? אמת, מ׳קאָן צווישן די הויז-פּרויען אויך אַ סך אַרבעט טאָן, אָבער איר פּאָזיציע אין קאַמף איז דאָך געווען, שאַפּ, גאַס, וועלט!

זי איז דאָך געשטאַנען אויף פּלאַטפּאָרמעס און גערעדט צו מאַסן פון טויזנטער. איר ליניע איז געווען קלאָר פאַרשטענדלעך, און איבערצייגנדיק, און אָט — נאָר אפילו דעמאָלט האָבן חברים געשפּאָסט פון איר. זיי פלעגן זאָגן, אַז זי פאַרמאָגט אַן איבערפלוס פון ווייבלעכע וואַרימקייט. מעגלעך. אָבער איז עס אַ חסרון?

מיט אַ צייט צוריק האָט זי געפירט אַ בריגאַדע אַרבעטלאָזע צום הונגער־מאַרש. אויפן וועג איז זיי די פּאָליצײ באַפאַלן. די בריגאַדע האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן. נאָר זי, ענע, האָט אין יענעם מאָמענט דערפילט דעם כוח פון אַ קאָמונאַר, אַ באַיאַוויק. די בריגאַדע איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט מוט. צומאָרגנס האָבן די בירגערלעכע צייטונגען באַריכטעט: „פינף פּאָליציסטן האָט מען צעשלאָגן. די הונגער־מאַרשער האָבן ווילד געקעמפט״. — יענע חברים האָבן ניט געהערט דעם שפּאָס וועגן צופיל ווייבלעכע וואַרימקייט.

עפּעס מוז אָבער פאָרט זיין אין דעם, ווייל אָט דערמאָנט זי זיך, ווי זי האָט גערעדט באַ אַ געוויסן וואַל־קאַמפּאַניע מיטינג. געווײנטלעך, ווי איר נאַטור איז באַם ריידן, האָט זי שטענדיק אויסגעקליבן איינעם פון עולם און דורך אים האָט זי פּרובירט אָנצוצינדן די מאַסע. די חבר׳טעס פלעגן איר פרעגן, צי זי קלייבט כאָטש אויס אַ לייטישן יונגערמאַן פאַר אַ קרבן. איז רעדנדיק איבער די וואַלן, האָט זי אויך באַרירט די אַנטי־מלחמה פּראָבלעם. דאָ איז זי אַזוי צעוואָרעמט גע־

וואָרן, אַז זי האָט אַ געשריי געטאָן: „מיר, מאַמעס, וועלן ניט לאָזן אונזערע קינדער". דעמאָלט איז זי נאָך געווען זייער יונג. דער עולם אָנשטאָט נאָכצופאָלגן אירע רייד, האָט אָנגעהויבן זי אַרומצוטאַפּן מיט זיינע בליקן. איר איז דערפון געוואָרן שרעקלעך הייס.

זי איז דאַן אַזוי אַריין אין דער ראָל פון אַן אַנטי־מלחמה פירערין, אַז זי האָט דערפילט, ווי זי אַליין ברייננגט די קינדער, פירט זיי בײַ די הענט און באַפליגלט זיי. מאָדנע. אפשר קינדיש. אַ מין מור־טער־ראַדיקאַליזם — פונוואַנען?

ס'קאָן זיין, אַז דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס דער ערשטער שטויס צום ראַדיקאַליזם אירן, איז ניט געווען די גאַס, נאָר די היים: דער טאַטע אַ באַיאָוויק, אַ גוטער, ערלעכער האָרעפּאַשניק, ווערט אַזוי פרי מיד... און אפילו שפּעטער, ווען זי איז געוואָרן אַ פירערין אין דער באַוועגונג, די גאַס האָט שוין געהאַט געהערט וועגן איר, מ'האָט געוואוסט, אַז זי איז דאָס איינע פון די, וועלכע באַפעלן צוריק אַריינ־צושטעלן דאָס מעבל, ווען די פּאָליציי וואַרפט עס אַרויס. זי, און נאָך אַזעלכע, אין שטענדיקן קאַמף מיט דער רעגירונג. אפילו דאַן האָט זיך די מאַמע דערלויבט צו שרייען אויף איר, בשעת זי פלעגט אַהיימקומען שפּעט. אמת, זי האָט געטאָן דאָס איריקע, אָבער זי איז צופרידן געווען פון דעם, וואָס די מאַמע גייט אָפּטמאָל אַראָפּ פון בעט, און רוקט אַרויף איר קאָלדרע...

איר איצטיקער חבר, דער מאַן אירער לאַכט. ער זאָגט, אַז דער מאַמעס קינד האָט געהאַט אַ קינד. איצט האָט ער צוויי קינדער אין שטוב. זי ענטפערט ניט. ס'אַרט איר ניט, וואָס ער וויל אַ שפּאַס טאָן, נאָר דער טאָן זיינער פון „איך האָב, און דו זיצסט אין פּאַרק' — דאָס באַמערקט זי אויך מצד אַנדערע חברים. ווער, ווער, ער דאַרף דאָך יאָ וויסן, ווי זי האָט אַלע קאַמפּן מיטגעמאַכט, און אין די פּראַק־טיאַנעלע צוויסטיקייטן איז זי אָפּטמאָל געווען א קאַפּיטשקע לאָגישער ווי אַנדערע. אגב ליבט זי אים איצט מער ווי פריער. זי דערפילט אין אים די ברייט-ערלעכע קראַפט, וואָס איז גרייט צוזאַמען מיט דער גע-זעלשאַפטלעכער אַרבעט אויך אונטערשפּאַרן די אַקסלען אונטערן איי-גענעם פאַמיליע הויז. זי שאַצט עס אָפּ. אָבער דאָס וואָס ער, דאָס וואָס זיי פאַרגעסן צו רעכענען אויך אירע אַקסלען... ער דאַרף דאָך געדענקען, ווי זיי זענען זיך צוזאַמענגעגאַנגען, און די פּאַרטיי האָט זיי צעשיקט

אויף פאַרשיידענע וועגן פון אַרבעט, און זי, ענע, האָט זיך פון גאָרניט אָפגעזאָגט.

פינף יאָר פון צוזאמענזיין מיט אַ חבר, אַ מאַן, אויף פאַרשיידענע וועגן. זי קאָן זיך ניט דערמאָנען אַז אין לויף פון דער צייט האָבן צוזאַמען געוואוינט דריי חדשים אונטער איין דאַך. יעדע באַגעגעניש אַ יום־טוב — יום־טובים, און ענדלעך...

אויף אַ בענקעלע נעבן אַ קינדער־וועגעלע, אַ מאַמע, ווי דער איי־ביקער היטער...

פאַמיליע פאַרקסאָן

—פיליפ, ווייסט ס׳גייט אַ גרויסער וויק-ענד. מ׳וואָלט באַ-דאַרפט ארויספאָרן.

— אַהאַ! האָט פיליפ אַ טראַכט געטאָן, נאָר דאָס פּאַשעט זיך דעם גוידער. אָבער אין א ווייל איז אָנגעלאָפן אַן אַנדערער געדאַנק: „פּאַרוואָס טאַקע ניט? מ׳דאַרף זיך באַטראַכטן, פיליפּקע, איידער מ׳ענטפערט.״

פיליפּ האָט שטילערהייט זיין אייגענע חכמה געקושט.

— יאָ, איז, הייסט עס, אַז עס גייט אַ גרויסער וויק-ענד. נו, וועט מען זיך דאַרפן גרייטן.

די מאַדאַם האָט זיך צעשמייכלט, געזיגט. און פיליפּ האָט גע־טראַכט: נו, אַמעריטשקע.

שוין איבער פינף און צוואַנציק יאָר ווי ער איז אין אַמעריקע. איבער פינף און צוואַנציק יאָר, און דאָך — — — ער וואָלט ניט מיד געוואָרן צו דערציילן. אזוי פיל פאַבריקן, פושקאַרטס, שעפּער, און איבער אַלעם האָט זיך געטראָגן דער היינטיקער סוקסעספולער אינ־שורענס מענעדזשער — מיסטער פּאַרקסאָן.

...אַמעריטשקע, מ׳דאַרף נוצן שכל, סמעקאַלקע ברודערקע. נעמט למשל אַזאַ קליינִיגקייט, ווי זייער פאַמיליע לעבן. נו, זי איז געווען א שיינע. נאָכן ערשטן קינד איז זי צעיוירן געוואָרן, און גיי טו איר עפּעס. אינדערהיים וואָלט מען זיך באַ די קעפּ אַרומגעריסן. דאָ אָבער איז עס דאָך אַמעריטשקע, עקסיוז מי, פּאַרדאָן, נעמסט אַ באַן, דרייסט זיך אויס מיטן רוקן צו דער היים, פאָרסט, פאַרפאָרסט, און אויפן וועג צוריק ברייננגסטו א שענדעליער, א מתנה — טהענקיו. שיין פאַר לייטן, שיין פאַר קינדער, שיין פאַר אַלעמען.

געווען צייטן, ווען די דעליקאַטקייט איז געהאַנגען ווי אַ שטיק גליוער איבער די קעפּ פון דער פאַמיליע פּאַרקסאָן. ס׳האָט דער־גרייכט אַ פּונקט ווי מאַן און ווייב האָבן זיך געהאַלטן באַ אירצן, נאָר

דאָ האָט ארויסגעהאָלפן די ענגלישע שפּראַך. ווערטער, טויט־געַ־פּרוירענע ווערטער. ווערטער, וואָס מ׳פילט ניט. אַזוי אָרום איז די היימישע קללה אויף „טהענקיו" אויסגעביטן געוואָרן:

טהענקיו מיט אַ שענדעליער אויף פּורים, אַ שאַפע אויף קריסט-מעס, טהענקיו, ווען מ׳ענטפערט דעם טעלעפאָן, ווען מ׳שרייבט פּאָ-ליסיס, טהענקיו איז שיין פאַר לייטן, שיין פאר קינדער, שיין פאַר אַלעמען.

— יאָ, איז הייסט עס, אז עס גייט אַ גרויסער וויק־ענד.

אינדערפרי האָט זיך די פאַמיליע פּאַרקסאָן געפּאַקט, און בשעת דער אויטאָמאָביל איז געשטאַנען פאַרן הויז, האָט די מאַדאַם געהאַלטן אין איין קאָמאַנדעווען: דזשעסי, דער קופערט! דזשעסי דער מאַנטל, די שיך, די הויזן, די זאָקן, דזשעסי! דזשעסי האָט זיך אפילו ניט פון אָרט גערירט. זי איז שוין דאָ אָן „אַלטע האַנט", און זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די מיסעס וועט זיך ניט איינשטילן, ביז וואַנען די שכנים וועלן ניט מיט געבויגענע קעפּ ליגן איבער די פענסטער און מקנא זיין דער פאַמיליע פּאַרקסאָן.

איידער זיי זענען אָפּגעפאָרן, האָט די מיסעס פּאַרקסאָן אָנפאַר־טרויט איר זון, דעם קאַלעדזש-סטודענט, אַז צומאָרגנס קומט אָן אַ גלאָז עטאַזשערקע (א סורפּריז פאַר פיליפ׳ן), אַז מען זאָל די אַלטע אַרויסוואַרפן, און אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג.

— אָ קעי דיער, האָט דזשעק געזאָגט.

— אָ קעי, אָ קעי מעדעם, האָט דזשעסי הכנעהדיק איבערגעַ׳חזר׳ט, און זיך געבויגן פאַראויס, ווי זי וואָלט מיטן „אָ קעי" א שטופּ טאָן די רעדער. איז נאָך א בויג, אבי — — און ענדלעך אַ פּאַטש מיט די הענט און א שפּרונג אין דער לופטן, ווי אַ קינד, וועלכן מ׳זאָגט פּלוצים אָן, אַז היינט גייט מען ניט אין שולע.

דזשעסי איז א נעגערטע אין די פופציקער. דאָ אַרבעט זי שוין איבער צען יאָר. אין משך פון דער צייט האָט זי שוין א סאַך מאָל געוואָלט פאַרלאָזן דעם דזשאָב. איצט האָט זי זיך שוין צוגעוואוינט. זי קאָן כמעט יעדן קאַפּריז זייערן, א סאַך אַזעלכע. מאָדנע מענטשן... אַמאָל קומען געסט. מ׳עסט, מ׳רעדט, מ׳טרינקט, און פּלוצים גייט דער הער צו צו דער מאַדאַם, נעמט זי אָרום, און גיט איר אַ קוש. יע-דערער ווייסט... דזשעסין דוכט זיך דעמאָלט, אַז פון אַלע לעמפּעלעך

ווערט איין גרויסער בראַנד, אַז — — — כי-כי, באַגראַבט זי דעם קאָפּ אין דער וואַנע, — האַ-האַ־האַ, טפו!

— „אַ קעי מעדעם, אַ קעי!" —

אבי ס׳גיבן זיך די רעדער אַ דריי, לאָזט דזשעסי שטיין די פּאַ־לאַצן מיט דער זאַטקייט, און לויפט אַהיים, וואו מ׳לאַכט אזוי פריי און ברייט, אין אַן ענג שטיקל געצוימטער וואוינונג פון נעגערישן האַר־לעם.

— יאָ, איז הייסט עס, אז עס גייט א גרויסער וויק־ענד.

וואַשינגטאָנס געבורטסטאָג. די ערד איז באַדעקט מיט א דין הייטל שניי. פראָסט קרישלט זיך אונטער די פיס. שיינט די זון ווי אין אַ פרילינג טאָג, און אויף הוילן גוף כאַפּט מען א ציטער. פענסטער זענען דעקאָרירט מיט פרישע מאכלים. רייצט עס דעם אַפּעטיט אויפן טרוקענעם גומען. מענטשן אין צעריסענע רעקלעך חשבונ׳ען אויס אויף שפּיץ פינגער, אַז יאָ וואַשינגטאָן, ניט וואַשינג־טאָן — אָבער וואו נעמט מען ערגעץ א סענט!...

„וואַשינגטאָנס געבורטסטאָג" אין העכערן טייל פון שטאָט, איז אַ יום טוב. דאָרטן וויגט זיך די זון אין האָדסאָן, א נאַקעטע, רואי־קער, שטילער, זאָרגלאָזער טאָג. געקלאָמערטע הייזער שפּאַצירן גע־ארעמט, האַלב פאַררונד — אויסגעבויגענע אַנטיקן. ניטאָ דאָ קיין פלאַץ פאַר ביזנעס. געשיכטע, מוז אָפּגעהיט ווערן. גאַסן, טונלען, פיגורן, מאָנומענטן, ציען זיך אויסגעשטעלטע ראַגן, ווי ביכער אין אַ פענסטער: מיט די שער בלעטער אַרויס און מיט די רוקנס צום ווינט. אינעווייניק אריין זענען די בלעטלעך פאַרקלעפּט, פאַרזיגלט, פאַר־האַקט. היסטאָריע טריקנט אויס אינמיטן טאָג, און צום ריטם פון געמיט פליוסקעט דער האָדסאָן אַן איינזאַמער אויף ריווער־סאַיד דראַיוו. ניטאָ קיין מאַמעס מיט קינדער פאַר די טויערן, מאַמעס אין שעמערירנדע אַטלעסענע גאַרדעראָבעס, פראַוון יום טוב אין האָטעלן.

— וואַשינגטאָנס בוירטדעי, האָט פיליפ פּרובירט דערקלערן זיין ווייב, איז — — איין קליייניקייט, וואַשינגטאָנס בוירטדעי!

אין האָטעל איז די פאַמיליע פאַרקסאָן אָנגעקומען פאַרנאַכט. אויפן וועג אַהין, האָט די מאַדאַם אָנגעטאָן אירע אוירינגען, מעדאַ־ליאָנען, בראַנזלעטן. פיליפן האָט זי געזאָגט, אַז דאָס טוט זי צוליב

דעם, וואָס זי קאָן זיך נאָך שפּעטער פאַרגעסן און עס איבערלאָזן דאָרט ערגעץ אין א צימער, וואו מ׳גנב׳עט אָפּט צו זאַכן. געווים, געווים האָט פּיליפּ צוגעשטימט, און אַליין האָט ער אויך אַרויפגעצויגן א דיי־מענטן רינגל, אַריינגעקוועטשט די פּענסנע, און פאַרקעמט דאָס קמצל מיט די וואָנצעס. געווים, מ׳קאָן נאָך דאָרטן צו׳גנב׳ענען. און רעדנדיק אזוי זענען זיי צוגעפאָרן צום האָטעל. דעם איינדרוק האָט עס גע־מאַכט ווי ניט (ספּעציעל, נאָר אָט זיך פאַררעדט, און דאָ, איז דאָס דאָך דער האָטעל, א סורפּרייז, הע-הע־הע. — — —

— העלאָו עווריבאָדי, דאָס איז מיסטער און מיס דזשוניאָר, און ווידער מיסטער און מיסעס, פּליז, גלעד טו מיטשו, פּאַרדאָן, עקסיוז מי, טהענקיו!

די פאַמיליע פאַרקסאָן האָט זיך געפּילט היימיש פון דער ערשטער מינוט אָן. די האָטעל באַלעבאָטים האָבן געהאַלטן אין איין פאַר־שטעלן, און לויבן — „אָך, וואָס פאַרא פיינע, וואוילע, רעספּעקטאַב־לע, רייכע, ערלעכע״, די מאַדאַם פאַרקסאָן האָט ניט געהערט... די אוי־רינגען האָבן פאַרשטעלט. אויסער דעם איז זי געווען פאַרנומען באַם קאָרטן־טישל. אָך, יאָ, און מיסטער פאַרקסאָן האָט יעדן גע־האַלטן אין איין אונטערטראָגן דעם „גוט מאָרנינג און גוט איוונינג״ — רעספּעקט. „די גאָטזעליקע מוטער פלעגט זאָגן, אַז רייך פאַרגייט, און דער מענטש באַשטייט״ ווערטלעך אַזעלכע, וואָס כאַטש פון דער „אָלד קאַנטרי״, דאָך קאָן מען זיי ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. דאָ אַ וואָרט, דאָרטן א לאָך, ניט נאָר גיט מען יענעם כבוד, נאָר מ׳ווערט אַליין רעספּעקטירט. — — אהאַ, יאָ! דאָרטן אין יענעם ווינקל דיסקר־סירט מען וועגן ענגליש. — ענגליש, ענגליש, פאַרקנייטשט מיסטער פאַרקסאָן דעם שטערן, נאָר אין ענגלאַנד רעדט מען אַ גוטן ענגליש. דאָ איז די שפּראַכע אַ נאָכגעמאַכטע. נו, און פּאָעזיע? אַ, פּאָיעזוס! דאָס האָב איך שטענדיק ליב געהאַט. נעמט למשל דעם תהילים, דאָס דאַוונען, מ׳דאַרף דאַוונען קינדערלעך, מ׳דאַרף. מיין זיי־דע, עליו השלום, פלעגט זאָגן, אַז וואָס צו גאָט, איז צו גאָט, און וואָס צו לייטן, איז צו לייטן. יאָ, יאָ, קינדערלעך.

טעג אַזעלכע. טעג אויף פּוטער בולקעלעך אָנגעשמירט מיט גלייכ-ווערטלעך. טעג פון רעספּעקט אויף פּעניצלעך. פּעניצלעך, דינע, דינינקע, אַזעלכע , וואָס אָט אַ — — — — — —

מאַכט זיך אַ טאָג ווי אַלע טעג, און מיסטער פאַרקסאָן גיסט אויס זיין פאַרבענקט האַרץ צו גאָטס געשענקטן פאַרנאַכט: א מנחה׳לע. שטייט ער אַזוי פרום, פאַריסן דעם קאָפּ צום הימל, און אַלע אַרום רעספּעקטירן. אַלע, אַפילו די גויאישע אַרבעטער גייען אויף די שפּיץ פינגער. כבוד, און צו דערזעלבער צייט א מין גאָטספאַרכטיגקייט — א ווינטל וואָס קילט און פאַרקילט, א מין מאַכן יענעם צו טראַכטן, אַז אפשר, אפשר פאַרט...

שטענדיק דאַוונט פיליפּ בסתר, שטילערהייט, נאָר דאָסמאָל איז אים אויסגעקומען צו דאַוונען דווקא אין עס-זאַל. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. אַי, מ׳דאַרף דאָ גרייטן צום טיש, מילא קיין סכנה חלילה איז עס דאָך ניט. די אַרבעטער האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון קלאַפּן מיטן עס-צייג. דאָסזעלבע אין קיך. קיינער האָט ניט געהאַט קיין פאַר־דרוס. פאַרקערט, אַנדערש ווי יעדן טאָג — טשיקאַווע, ספּעציעל האָט עס פאַראינטערעסירט דער קעכן.

יעטע, א מיטליאַריקע אידענע, פאַרהאַוועט, פאַרשוואַרצט, קאָכט און באַקט, קיינמאָל ניט אָנגעטאָן, אין שטענדיקן געפילדער, שרייט און שילט, בעט איבער, וויינט, באַדויערט, — אַי, קינדערלעך, ניטאָ קיין כחות" און דערווייל כאַפּט זי דורך אַ שפּאַרע אַ בליק אין עס־זאַל. זי שעפּט נחת פון אירע מאכלים דאָרטן אויף די טישן.

דאָסמאָל כאַפּנדיק אַזאַ מין „קוקעלע" דורך דער טיר ווי שטענ-דיק, האָט זי אויך באַמערקט פיליפּן. צוערשט איז זי געווען גלייכ־גילטיק. וויניק אידן דאַוונען? נאָר גאָרניט, אַז איינער איז רייך, און גייט אָנגעטאָן, און טראָגט אַ האַרטן קאַפּעלוש מיט א קייט און זיי-גער, מיט נייע אויסגעגלאַנצטע שיך, און דערצו נאָך איז ער צו גאָט — — — וואָס דען, אירע קינדער? איינער שלעפּט זיך אַרום אויף שיפן, דער אַנדערער איז סתם נעבעך א לא יוצלח. אַי, ווי ס׳איז ני-טאָ קיין מזל, איז ניטאָ קיין אידישקייט, איז ניטאָ, אַי, אַי.

— יעטע! יעטע! די זופּ!

נאָר יעטע הערט ניט. זי קנייטשט די נאָז נאָך טיפער אין דער טיר אַריין. מיט אָנגעשפּיצטע אויגן, שאַרף אַהין, האָט זיך איר בליק איינגעגעסן אין א פּינטל, וואָס דרייט זיך מישונה׳דיק שנעל אַרום דעם האַרטן קאַפּעלוש דאָרטן., און פון דעם איז איר עפּעס גע-וואָרן אזוי פאַרנע, אַז פאַר די אויגן, אין צעריסענעם געדאַנקן־ראָד,

האָט זיך פּלוצים אָנגעהויבן צו באַוועגן אַ פאַרגעסן ווינקל, יעטעס וועלטל פון אַמאָל...

— יעטע! יעטע! דער אויוון!

נאָר זי איז שוין ווייט. מיטן צאָפּ אַרונטער, צוזאַמען מיט אַנ־דערע קינדער, לויפט זי איבער אַלע געסלעך צו דער נייער שול. דער טאַטע איז אַ שלעכטער, אַן עקשן. ער לאָזט ניט גיין. יעטע! יע-טע! שרייט ער, אָבער אַלע קינדער לויפן אָנקוקן די דייטשמערישע אידן אין די געהאַקטע פּאַלטענעס, וויל זי אויך. וואָס שרייט ער אַזוי? אינדערהיים איז סיי ווי ניטאָ וואָס צו עסן. ברויט מיט טיי און ברויט מיט טיי. וועט זי, — וועט זי ניט אהיימקומען נעכטיקן. בריינדל די נייטאָרקע האָט אויך אַ געלעגער.

זייט דאַן ציען זיך יאָרן ווי אויף פּעדים. לאַנגע מעת לעת'ן נעבן אַ קעראָסינקע, דליבע און דריוול, מיט אַ שטיקל הערינג אויפן קופּערט. ניי און ניי. פון שטאָט און שטעטל, ניט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט. און אַז גאָט האָט געהאָלפן, זי איז שפּעטער מיט מזל אַרונטערגעקומען קיין אַמעריקע, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די צרות. טעג און נעכט, אָפּגעפּאַכעט מיט דער נשמה. דאָס לאַנד האָט שטיקער געשלונגען, דערנאָך האָט ער זי אַרויפגענומען צו זיך אין שאָפּ. ער, דער לאַנדסמאַן, זיסינקע טייבעלעך האָט ער געמאַלן. „יעטעלע, האָט ער געזאָגט, דו קאָנסט מיך פון דער היים. וואָס ווילסטו און וואָס באַגערסטו?" זי האָט דאַן געהאַלטן אין סאַמע בליען. וואָס ווילסטו און וואָס באַגערסטו, האָט ער געזאָגט. „און צו וואָס דאַרפ-סטו זאַמלען געלט אין דער באַנק, אַז דו קאָנסט עס האַלטן באַ מיר?" יאָ, צו וואָס טאַקע. ער האָט זיך געלאַשטשעט, און אויף דער ערד ווי אַ כאַדניק זיך געשפּרייט. די מאַשינען האָבן געזשומעט, וואָס אַ יאָר מער, העכער! צו וואָס דאַרפסטו, האָט ער געזאָגט. דערנאָך האָט ער זי, צוזאַמען מיט יאָרן פון פּראַצע אויסגעלאַכט. זי איז גע־בליבן שטיין ליידיק, אויסגעהאַרעוועט, ווי אַ בעטלער, פאַרשעמט. צום סוף בראָט זי אירע יאָרן אַוועק באַם אויוון, און ער, ווי שטענדיק, שטייט דאָרטן מיט דערזעלבער צופרידנקייט, פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל, און מיט די הענט אויפן בויך. פונקט ווי דעמאָלט, ווען ער פלעגט זיך אַריבערבויגן צו איר מאַשין — „יעטעלע, יעטעלע" אַלע אַרבעטער האָבן געלאַכט אין די הויפּנס, נאָר זי — — גאָט אין הימל!

— אַי, קינדערלעך, ניטאָ קיין כחות!!

אין קיך האָט מען פלוצים דערהערט א גוואַלט. צוזאַמען מיטן אויסגעשריי האָט זיך די טיר אין עס-צימער אריין צעעפנט, און יעטעס ווייס צעליאַפעט קלייד האָט זיך א שוואונג געטאָן איבער א פאָר אויסגעדרייטע שיך: — טריט. פאַרשווייסטע, ברענענדיקע טריט, פאָרויס. און איידער די ארומיקע האָבן צייט געהאַט זיך ארומצוקר־קען וואָס דאָ איז געשען, האָט שוין געפאָכעט אַ קאָך־לעפל איבער אַ רונדער מאָרדע אינמיטן עס־צימער. אַ ווייסער לעפל, איינס נאָך איינס. אין געמיש מיט א העשן פון אַ פאַרוואונדעטע חיה. אַרויף און אַראָפ — קלעפ. יעדעס מאָל ווען דער לעפל איז צוריק ארויף אין דער לופטן, האָט ער אויסגעקוקט טונקעלער, נאַסער, רויטער, — ביז עס האָט אַ בריאַזג געטאָן, און דער לעפל האָט געפלאַצט.

אויפן דיל, צווישן שפענער איז געבליבן ליגן א פאק פון וועלכן ס'איז ארונטערגעהאַנגען א גאָלדן קייטעלע און אַ מזוזה. ארום די מענטשן, וועלכע זענען אָנגעלאָפן אויף בייז־וואונדער, איז יעטע געשטאַנען אַ מידע, און שווער געסאָפעט. מ'האָט געקאָנט זען, אז באַלד וועט זי אויסברעכן אין אַ געוויין.

— —

צומאָרגנס איז מיסעס פאַרקסאָן, מיט טרערן אין די אויגן, געזעסן באַם בעט. פיליפ האָט פון היץ געפלאַפלט, אַז דאָס זענען גזלנים אריין דורכן פענצטער. דזשעסין האָט די מיסעס פרובירט איינצורײדן, אַז אין האָטעל איז א דונער אַריין. דזשעסי האָט א טראַכט געטאָן: נאָך אַ ליגן. זי האָט זיך אַפילו אויסגעשטייפט און געוואָלט זאָגן, אַז אויב ס'איז נאָך ניט אַריין קיין דונער, וואָלט ער באַדאַרפט אַמאָל אהער פאַרבלאָנדזשן. נאָר דאָ האָט זי זיך פון געוואינהייט צוריק איינגעבויגן, און אַ זאָג געטאָן:

— יעס סום! שוין איינמאָל אַ דונער!

אַזאַ נאַכט

נאַכט. דער זייגער איז געווען איינס. אויבן האָט מען נאָך אַלץ געטאַנצט. טעמפּאָ. ריטמישע, הילצערנע קלעפּ. יעדער קלאַפּ ווי אַ שמיר איבערן קאָפּ. איינס, צוויי, איינס, צוויי — אומעגלעך איינצושלאָפן.

אונטן אין קעלער, אַרום אַ קעסל-אויוון, זענען געזעסן די אַרבעטער און צוגעלייגט שפּענער. מיד. אַרום איז שטיקיג. טאָ זאָל כאָטש זיין וואַרעם. דער זייגער רוקט זיך. באַלד וועט מען דאַרפן אויפשטיין צו דער אַרבעט, באַלד — — —

נאָר אויבן ציילט מען ניט. געסט קומען ניט אין אַ האָטעל אַריין ציילן. געסט קומען טאַנצן — איינס, איינס־צוויי...

אינדרויסן איז געווען אַ זאַווערוכע. דריי־עקיגע שנייעלעך האָבן זיך אינעם רעגן איינגעביסן. דער ווינט האָט זיך אין דער לופטן גע־טראָגן. די פלאַך פון טראָטואַר איז צוזאַמען מיט די נידעריקע פענצ־טער פונעם קעלער צוגעדעקט געוואָרן — קוים אָפענע שפּעלטעלעך געלאָזן. אַרום איז געווען נאַס און גרוי.

אינדרויסן אויפן ראָג, איבער האַלב-פאַרונדעטע מאַרמאָרנע שטיגן, וואָס פירן אין האָטעל אַריין, האָט געפלאַטערט אַ פאָן. אַ דורכגע־ווייקטע פאָן האָט געפּאַטשט איבער דער ליכטיקער אויפשריפט פון דער געביידע — „האָטעל ראָסקאָלאַמבאָ".

דער אויוון אין קעלער האָט געברענט. איבער אייזערנע אויס־געקאָלכטע שטאַבעס, אַ סופיט אַזאַ, האָט מען געטאַנצט. אונטן זע־נען געזעסן די אַרבעטער און צוגעלייגט שפּענער. הייסע פונקען אויף נאַסער גרויקייט. דער זייגער איז געווען איינס.

איגנאַץ האָט פאַרצויגן עטלעכע טענער אויף דער האַרמאָשקע:

— אַז שלאָפן קאָן מען סיי ווי ניט. אַז ס'איז ניטאָ דער טאָג וואָס זאָל פאַרגיין אַ רואיקער. שטענדיק עפּעס... און אחוץ: ס'וויר־כעט; טאָ זאָל זי, די אַלטע טאַרבע, זיך צערעוון אָפן קויל.

צוערשט האָבן זיך די אָרעמס ניט געלייגט. פאַרגרעבטע הענט

אַזעלכע פון אַן אויוון-הייצער, שוין לאַנג זיך אָפּגעוואוינט. נאָר אַז ס'האָט אינעווייניק אַ קאַלופּע געטאָן, האָבן זיך די קישעלעך פון די שפּיץ פינגער געגומען אײַנ'עקשנ'ען מיט אַ מאָדנעם סאָפּנדיקן ריטם. אינגאַנצן אָבער, טאָר מען זין אין אַזאַ נאַכט אויך ניט פאַרגעסן, וואָרים אַזאַ טבע האָבן זיי שוין, די געסט פון דאָרט אויבן: אַז זיי דערטאַפּן עפּעס אין קעלער, איז נאָר גיב זיי, שפּיל זיי, טאַנץ, דער-לאַנג!

אַזאַ טבע האָט אָבער אויך די האַרמאָשקע: אַז זי דערוואָרעמט זיך, איז כאָטש גיב איר אַכציק טויזנט, — וועט זי פּשיאַקרעוו, האַלטן אין איין שיסן!

— קראַקאָוויאַטשעק איינער,
גיעהאַט האָט ער פערדלעך זיבן,
געגאַנגען אין מלחמה,
איז איינער נאָר געבליבן.
העי, העי, היפּיי!

און אַז איגנאַצעס ברייטע פּלייצעס צעוויגן זיך צום געמיט פון אַלטע, היימישע טענער, און זיין טשופּרינע נעמט פייכט ווערן, דער-מאַלט ווערן זיינע גראָע אויגן פאַרגאָסן מיט אַ געלבלעך־בוימלדיקן גלאַנץ, און ס'דאַט זיך אינם מאָמענט, אַז ס'איז אויס איגנאַץ. ס'איז אַן אַלטער קאַשטאַן, וואָס זוכט דעם וועג אַהיים... נאָר אַזוי ווי ס'ליגט אַ צוים פאַר די פיס בריקעט דאָס פערד אויף איין אָרט.

— קראַקאָוויאַטשעק איינער,
אין מלחמה איז ער געוועזן,
די שווערד איז פאַראָסט געוואָרן,
די שלאַכטן ניט געזען.

— איגנאַטש! איגנאַטש! האָט זיך דער פּיליפּינער געהאַלטן אין איין רייצן מיטן פּאַלאַק, שטענדיק דאָסזעלבע?

ראַלף, דער פּאָרטער, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ: „ווען אינדרויסן איז אַזוי אָ, קיין טרונק בראָנפן איז ניטאָ, און פּונקט האָט זיך אויבן דורכן טאָג אָפּגעשפּילט אַ חתונה. — נעמט ער די האַר-מאָשקע אין זיינע לאַפּעס אריין, און קראַ־קראַ — — אַזוי איז ער שוין ווי אַ פאַר'עקשנ'ט פערד.“

— איגנאַטש! איגאַטש! האָט דער פּיליפּינער ניט אָפּגע-

לאָזט. און אז ער איז ענדלעך מיד געוואָרן רופנדיק, האָט ער אליין אַרויסגענומען זיין „בענדזשאָו״, אַנגעטאָן צוויי שטאָלענע רינגעלעך אַף די פינגער, און טרעמאָלנדיק איבער די סטרונעס זיך געלאָזט שווי־מען צו די היימישע ברעגן אינמיטן דער נאַכט.

מענדאָזע, א נידריק, פעסט געבויטער פיליפינער. די טענער פון זיינע פעטע בענדזשאָר־סטרונעס גיסן זיך צונויף מיט דער ברוינער קאָליר פון זיין הויט. יעדער טאָן ווי אַ לאָדקע, וואָס אָט וויגט זי זיך אין דער ברייט, און אָט שווימט זי „נאַשפּיץ״ מיט איר שאַרפן־שמאָלן שנאָבל פאָרויס.

איגנאַ און מענדאָזע, אין קעלער, ווי אין אַן אונטערערדישער טראַנשיי, צווישן בלייענע רערן, פעסלעך הערינג, חורבעס קוילן און אייזערנע בעטלעך, דאָ האָבן זיך קינדישע זכרונות פון צוויי באַזונדער־רע היימען צעדריוועלט אויפן קול...

אָט, דאַכט זיך שווימט די ווייקסל אַ מאַיעסטעטישע, אַ פרילינג־דיקע. דורך פעלדער און וועלדער שניידט זי זיך אַ וועג. נאָר אָט פאַרבויגט זי זיך, און שווימט דורך קרומע געסלעך, אָרימע היימען און רויען ברוק. און אָט שפרינגען אויף די מאָגער־פאַרברוינטע פילי־פינער אינזלען. אָפגעהאַקטער, פאַרשפּיצטער אויסגוס פון טענער. ווי אָנגעהייצטע, יאָגן זיך קלאַנגען, איבער מאָכיג־מאָגערע ברעגן — אַהיים.

טאַטע־מאַמע מאַטיוון פון צוויי באַזונדערע היימען ווילן זיך צו־נויפגיסן, איבערגיסן, נאָר עס סטאַיען מער ניט קיין כוחות ווי אויף אַ לעק אַן די פעלזיגע ברעגן, א וויש און צוריק — שש — שוים. מעשיות, נאָכקלאַנגען נאָך פון יענער צייט, ווען זיצנדיג אויף וואַרימע נאַכט־טעפּלעך, האָט מען פון שטרויעלעך, געבלאָזן זייף-באַלונען... ס׳איז שוין דאַכט זיך אַזוי לאַנג...

דער ערשטער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, מענדאָזע:

— המם אָפן צוועלפטן יאָר לאָזט מען זיך אין וועג אריין. ס׳קאָ־נען די אָפּגעצאַמטע שטיקלעך ערד אויף די אינזלען ניט דערנערן. טאַטע־מאַמע פאַקן איין אַ שטיק ברויט מיט דיניע און שיקן מיט אַ ברכה. נעמסט דיין קלומעקל, און לאָזט זיך אין געשפאַן.

— פונדאַנען אַהיים קומען אַן שיפן. יעדע שיף קווענט אויף מיט טויזנט סודות. דאָ אין דיין נייער היים, געפינסטו אויס, אַז

דער חטא איז, וואָס דיין הויט איז ברוין. ס׳פּלאַצט דער חלום בא דער שוועל.

— די מערסטע פון אונז קומען אַהער, כדי צו דערלערנען, אָנ־זאַמלען און צוריק אַהיים.

— אינדערהיים אַף הוילער ערד, זיצן טאַטע־מאַמע, שערן די האָר פון קליינינקע, ממזרים׳לעך, וואָס וואַקסן אונטער, און חלומ׳ען אויס פּאַלאַצן פאַר די, וועלכע האָבן פאַרלאָזן אויפן צוועלפטן יאָר. איז אָט...

איז אָט, האָבן די אַרומיקע אַ טראַכט געטאָן, ווערט מען צוזאַ־מענגעוואָרפן ווי שמאַטעס, און טאָמער פאַרגלוסט זיך דעם באָס, גיט ער אינמיטן העלן טאָג א נעם אָן איינעם באַם קאָלנער און—אויס..

צווישן די אַרומיקע זענען אויסער מענדאָזע׳ן און איגנאַצ׳ן, אויך געזעסן ראַלף, דער פּאַרטער; האַנס, דער באָס־באָי; גיטל, דאָס דינסט־מיידל און מיסעס בריל, די קעכין.

ס׳איז סיי ווי ניט געווען וואו צו גיין. אָן אַנדערס מאָל שליי־עט מען זיך אַרום, יעדער אין אַ באַזונדער ווינקל... די איינציקע, וועל־כע בלייבט יעדן פאַרנאַכט אינוועניק, איז מיסעס בריל. זי איז צו מיד, זאָגט זי, און ס׳איז איר שווער זיך צו שלעפּן אויף די פיס. טייל־מאָל בלייבט אויך מיט איר גיטל, דאָס דינסט־מיידל. די קעכין איז אַ הויכע, אַ ברייט־ביינערדיקע, קרעכצנדיקע אידענע, און גיטל איז א יונג מיידל וואָס האָט זיך פון קינדהייט אָן צוגעוואוינט צו שווייגן און אויסהערן יעדנס קלאָג.

איצט בשעת מענדאָזע האָט גערעדט, איז גיטל די שוואַרץ חנ׳עווודיקע, געזעסן איינגעקאָרטשעט אויף אַ פּוטער־פעסל, און געקוקט אויפן פאַרשטויבטן לעמפל. זי האָט אַזוי אָ געקוקט, ווי דער פיליפּי־נער וואָלט אויבן געזעסן און אַרונטערגערעדט צו די אַרומיקע. ס׳איז אויסגעקומען, אַז אי זי זיצט מיט אַלע, אי אַליין. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי פון דעם, וואָס מ׳רעד׳ט דאָ, און מען דערציילט זיך מעשיות, ווערט איר טאַקע וואַרעם אויפן האַרץ, אָבער דאָרטן באַם שפּיץ פון אָ פלעמל, דאָרטן טוט זי זיך אַליין אויס אַ נאַקעטע און דערציילט זיך אייגענע מעשות... זי איז געזעסן איינגענורעט ווי אַ קינד אויפן דעק, וואָס פאָרט צו גאַנץ אַמעריקע און צו קיינעם ניט. זי האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויפן לעמפל.

דערנעבן אין א טיף בענקל מיט צוויי אויסגעריבענע הילצערנע אָנלענס, איז געזעסן מיסעס בריל. זי האָט אויסגעקוקט ווי זי וואָלט געווען ארייַנגעקרעמפּעוועט מיט אירע קנאַפּע 200 פונט. ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַט פּלאַצט דאָס בענקל, און זי וועט בלייבן ליגן מיטן זעקלדיקן ברוסט-קאַסטן אַרויף. און ווי געווייַנטלעך וועט זי אַ געשריי טאָן — אַ בראָך איז צו מיער!

ווען מענדאָזע האָט גערעדט, האָבן זיך אַלע צוגעהערט. דער קעלנער האָט ווי געוואַרט אויף אַ וואָרט, און ס׳איז געקומען אַזוי אין צייט... סיי די זאַווערוכע, סיי דאָס וואָס איגנאַץ האָט פּונקט ניט קיין טרונק, און דער פּיליפּינער האָט פּלוצים לשון באַקומען, און סיי דאָס וואָס דער באַלעבאָס האָט טאַני׳ן דעם באָס-באַי אינמיטן העלן טאָג באַפוילן, אַז גענוג!...

יאָ, איז אַז מענדאָזע איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך יעדער מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז אויך ער איז ניט אונטער קיין פּלויט געבוירן, און אַז ווען ער נעמט נאָר דערציילן....

נאָר אַזוי ווי בעני, דער קעלנער, איז פון דער נאַטור אַ פלינקער, האָט ער זיך געכאַפּט פריער פאַר אַלע!

— איר הערט! האָט ער אַ זאָג געטאָן.

ראַלף, דער פאַרטער האָט ניט געוואָלט הערן. ער איז בעסער צוגעאַנגען צום פענסטער, ארויסגערוקט דעם קאָפּ, און געלאָזט וויסן, אַז — „יאָ, ס׳איז פּאַסקודנע אינדרויסן!״

ראַלף, דער איירישער האָט ניט ליב, דעם אידישן קעלנער מיט דער אידישער קעכין. זי, האָט ער פּיינט פאַר איר שטענדיקן קרעכצן מיט דעם — „אַי וואַי איז מיער, גיב דו מיר אַ טולער״ און בעני׳ן האָסט ער פאַר זיין שטענדיקן אַרומלויפן. תמיד, זאָגט ער, זעט מען אים שפּאַנען מיט זעקס זיבן טעלער אויפן אָרעם, פון עטלעכע צוגעפּלעטשטע האָר אויפן גלאַנציקן פּליך רינט אים דער שווייס, קיינמאָל פאַרגעסט ער זיך דערביי ניט אַ פאַרנויג צו טאָן, און דערנאָך שטייט ער מיטן טאַקסידאָ אין אַפּטריט און ציילט די טיפּס. ער האָסט אים, דעם קעלנער.

בעני ווייס אָבער ניט פון קיין חכמות. אין לויף פון יאָרן האָט ער דערלערנט, אַז „מאַניאַ, פּראַניאַ, פּאַסקודנאַ דראַניאַ״ ווסיע מאַשענקי אויף אַלע לשונות און שיין וואָלט ער אויסגעקוקט ווען ער מאַכט

זיך דערפון וואָס יעדער לולב וואַרפט זיך אין דער נכפּה. (ראַלפן האָט מען גערופן דער קאַלטער לולב) אַוואַדע ווען ס׳פליוכעט ניט אַזוי, און ווען אויפן האַרץ איז ניט אַנגעזאַליעט, וואָלט ער פאַרבאַרעט אַ נאַכט אין קאַרטן־הייזל, דאַצאַל! אָבער אַזוי — — — — — — —

בעני האָט דערציילט ווי זיין ערשטער אויבער־קעלנער האָט אים געלערנט טראָגן אַ טאַץ. דער עיקר, האָט ער געזאָגט, איז האַלטן גלייך־געוויכט, און שטענדיק דאַרף מען זיך אַנטשולדיקן פאַרן גאַסט. נאָכן ערשטן קורס, האָט ער, בעני, ניט געקאָנט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. ער האָט זיך געשראָקן פאַרן אַנגעלאָף פון מענטשן מיט די גאָפל-מעסער אין די הענט. באַ זיין טאַטן אין שניפּישאָק האָט מען דאָס קיינמאָל ניט געזען. ער איז דאַן קוים אַלט געוועזן זעכצן יאָר. צו וויינען האָט ער זיך געשעמט...

— איצט איז שוין נאָך אַ זעכצענער אַוועק. זומערן, ווינטערן, קאַרטן, מאַניאַ פּראַניאַ, קורווע דראַניאַ, — ניט איינמאָל איז ער אין צעמישעניש אַרויף מיט דער טאַץ אויף אַ זייל אין עס-צימער, — אַנטשולדיקט! אָדער וויפל מאָל פּאַסירט אַז דו טראַגסט אַ ברייענדיקן טעלער זופּ, אינדרויסן ברענט אַ יולי-טאָג, דער גאַסט באַוואונדערט דיין רואיגקייט, און פּונקט דעמאָלט פּילסטו ווי איבערצודרייען דעם טע־לער זופּ אויף זיין קאָפּ! נאָר אַנטשולדיקט, וואָס פּאַרא קאָמפּאָט?
— הממ, פּונקט דעמאָלט — — —

דער קעלער האָט זיך פאַרטראַכט: אייגנטלעך האָט דאָך יעדער פון די אַרומיקע אַזוי אַפּט, „אַ פּונקט דעמאָלט....” און אפילו היינט — היינט, ווען מ׳האָט טאַני׳ן דעם באָס-באַי אַוועקגעשיקט פּונקט ווען ער איז קראַנק געוואָרן — — — —

דער קעלער האָט זיך פאַרטראַכט... ראַלף איז מיטאַמאָל אויך געוואָרן אומרואיק און געפּונען פאַר נויטיק צו זאָגן, אַז, „יאָפּ, ס׳שנייט שוין אַ ביסל ווניקער....”

דאָ האָט מען שוין געהאַט פאַרגעסן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ דרויסן. דער אָוויון האָט זיך געהאַט צעברענט... די שעה׳ן האָבן זיך גערוקט. אויבן האָט מען געהאַלטן באַם אויסגעניצן דעם לעצטן טאַנץ. ווער עס האָט נאָך אַ ריס געטאָן אַ סטרונע, און ווער ס׳האָט אַ זעץ געטאָן, איבער די קלאַווישן, קאָנטיק זיך שכור׳ערהייט צעלייגט אויף דער פּיאַנאָ....

דאָס געמיט ארומ׳ען איוון האָט זיך צעוואַרימט אויף מידע ברע-מען האָט דער שלאָף אויסגעטרוקנט. יעדער האָט דערציילט, דאַכט זיך פּשוט׳ע, וואָכעדיקע רייד, און דאָך — — —

פון די דערנעבנדיקע קאַמערן האָט מען שוין געהערט די מוזי-קאַנטן רעדן, א סימן ס׳איז געווען שפּעט. איינער פון זיי האָט זיך אויסגעטאָן און בא יעדן מאָל וואָס ער האָט אַרונטערגעצויגן א שוך, האָט ער אַ זאָג געטאָן—א פינסטער יאָר! נאָך אַ וואָלץ און נאָך א פּאַקס סטראַט, און קיין ציגאַר, אַפילו אַ ציגאַר וועט דאָס ניט געבן, א שוואַרץ יאָר!״

דאָס לעצטע וואָרט האָט מיסעס בריל אַ ריס געטאָן פון בענקל מיט די אויסגעריבענע אָנלענס. אַ גאַנצע נאַכט ווי זי הערט, און ס׳איז אַלץ וואויל און גוט, און ס׳נעמט אַזש אָן באַם האַרץ, נאָר אַ וואָרט מיט וואָס זיך צו קילן איז ניטאָ. אַ וואָרט; אַט אַ דאָס וואָס דער פידלער פון דערנעבן האָט מיט איין אָטעם אויסגעשפּיגן — אָט-אַ דאָס מיינט זי דאָך און מ׳האָט דאָך עס איר פּשוט פון דער צונג אַרונטערגענומען — אַ שוואַרץ־יאָר! אויף זייערע לייב-און לעבנס!

מיסעס בריל רעדט קיינמאָל ניט. זי שרייט. שטענדיק שטייט זי באַם איוון אַ צעפּאַליעט - דערשוויצטע און קאָמאַנדעוועט. די אַרבעטער היטן זיך פאַר איר. אַמאָל דערלאַנגט זי אַ גאָב דעם בע־קער, אַ צווייטן מאָל דעם קעלנער, און אַמאָל פאַרקערט, רוקט זי בגנבה אונטער א גוטע פאַרציע עסן. „נא״ זאָגט זי: „נאַ פרעס! זע נאָר ווי דאָס איז אויסגעפּעכנעט! וועסט זיך דאָך שוין באַלד ניט קאָנען אַרומשלעפּן אויף די דאַרע שטעקלעך.״ און דעמאָלט טראָגט זי אויך צו דאָס פאַרטעך צו די אויגן — וואָי איז מיער!

— אַ משוגענע אַזאַ, — טראַכטן די אַרבעטער, א משוגענע!

איצט, ווי אַלעמאָל, האָט זי אויף איר שטייגער ניט גערעדט, נאָר אויסגעוואָרטשעט איינצעלנע, אָפּגעהאַקטע פראַזן:

— א גאַנצן טאָג ליג, און אויבן, אוי גאָטעניו! איר האָט געזען, — האָט זי זיך צוגערוקט נענטער, ווי דער באַלעבאָס וואָלט דאָ ערגיץ אַרום געשטאַנען, איר האָט געזען ווי מ׳האָט טאָני׳ן אפילו קיין צוויי טעג ניט געלאָזט איבערליגן. זיי האָבן געזאָגט, אַז עס מאַכט א שלעכטן נאָמען דעם האָטעל. א שלעכטן נאָמען, ווען אַן ארבעטער ווערט קראַנק. אַז ליגן, ריבונו של עולם, זאָלן זיי אין געהאַקטע בראָך

(דאָ האָט זי צוגעטראָגן דאָס פאַרטעך צו די אויגן) נאָר ס׳זאָלן זיי די אויגן ארויס, „ער מאַכט טיפּס” האָבן זיי געהאַלטן אין איין בילן, אָבער ווען ער האָט געשלעפּט די שווערע טאַצן, גאָט אין הימל, כ׳זאָל נאָך זוכה זיין, וויפיל מאָל דער לעפל איז מיר געפאַלן פון דער האַנט. אַזעלכע גבלות! אַזעלכע מערדער! אַז אַ מענטש ווערט חלילה קראַנק, שיקט מען אים אוועק? ס׳איז דאָך אויס וועלט! טפו זאָלן זיי ווערן די רוצחים!

אין דער לופט האָט זיך געפילט, אַז אָט האָט אַ אידענע, אַ מאַמע, געעפנט דאָס מויל און פאַרפולט די נאַכט.

גיטל דאָס דינסט-מיידל האָט זיך אינדערשטיל צעוויינט און ראַלף איז אַן אַומרואיקער אוועק שלאָפן. איגנאַץ און מענדאָזע האָבן זיך אָנגעקוקט אַזוי אָ, ווי זיי וואָלטן זיך צום ערשטן מאָל דערזען...

דאָס פייער אין אויוון האָט גענומען לאַנגזאַם אָפּגיין. דער טאָג האָט אַשיק געגרויט. אַף די אייזערנע בעטן זענען געלעגן די אַרבעטער און ס׳איז זיי אוממעגלעך געווען צו דערוועקן. דאָס מאָל האָבן זיי מיט גאַנצע צוויי שעה פאַרשפּעטיקט.

באַם פאַרענטש וואָס האָט געפירט פון דער קיך אין קעלער אריין איז געשטאַנען מיסטער ראַסקין, דער באַלעבאָס פון האָטעל, און געוואַרט — טאָמער־טאָמער, רירן זיי זיך שוין פאָרט. נאָר דאָס רעדט גאַנצע נעכט. וואָס צום שוואַרצן יאָר האָבן זיי דאָס אַזוי פיל צו רעדן, וואָס??

דער פרימאָרגן האָט זיך געשטעלט אַ קאַלטער, אַ בייזער. די ווענט זענען אָנגעזאָפּט געוואָרן מיט געצוימטן כעס און פאַרמעסט... ס׳האָבן זיך דייטלעך גענומען פילן ערשטע שפּורן פון א נאַכט אַזאַ...

ווען עס בויט זיך די שטאָט

יאָרן ווי הינטערן שטעטל איז געשטאַנען אַן אַלט־פּאַרלאָזטער שלאָס. טאָג־איין — אויס, און אפשר דורות אזוי, ווי ס׳האָבן זיך געוועבט לעגענדעס וועגן א גרוב מיט אויפגעריסענע שטיקער מויער.

קינדער פלעגן דערציילן, אז באַנאַכט כאַפּן זיך דאָ אריין שדים און סע פייפט דער ווינט דורך אַלע לעכער, ס׳איז אזש א מורא דורכ־צוגיין... דערפאַר אָבער באַטאָג —

באַטאָג שפּרייט זיך דאָ די זון אויף יעדן זעמדל, אויף יעדן שטיינדל, אויף יעדן חדר־אינגל, וואָס קומט זיך א גליטש טאָן פון סאַ־מע אויבן־אַראָפּ; פון העט־העט, דורך שמאָלע פאַסן ליים, אויף אויס־געריבענע געזעסלעך, ביז אַראָפּ! זשופּיי קינדער, איינס נאָכן אַנדערן, איידער ס׳פאַלט צו די נאַכט.

און דערווייל ביז דער הימל ווערט אויסגעשטערנט, און שפּעטער שוין, ווען ס׳בלויט פון אַלע ווינקלען, זעט מען נאָך אַלץ די מענטשן פון די „פּיאַסקעס" שפּאַצירן אַרום און ארום.

ס׳קומט אהער חנה מיט כייקען און באַלעק דער גימנאַזיסט טשאַ־טעוועט נאָך... און באָקסער דער אידישער הונט מיט די ברוינע אויערן־לאַפּן קריכט אויף אַלע פיר, און עס קומט פראַדל מיט פעלען, און יאַקוב, און נאָך, און נאָך — — —

— פראַדלאָ! — שרייט חנה אויפן קול, כדי באַלעק זאָל הערן, אז ס׳איז נאָך עמיצער דאָ...

— אָ! האָ! האָ! — ווידערט אָפּ פון שלאָס.

און פראַדל ענטפערט קיינמאָל ניט. זי האַלט אין איין רייסן גראָז פאַר איר עלען, וואָס שווערט זיך, אז היינט־מאָרגן וועט ער אָפּ־האַקן דאָס כאַלאַטל ביז אין דער העלפט...

און שפּעט שוין אין דער נאַכט הערן נאָך אַלץ קינדער אין חלום, ווי מ׳קושט זיך צווישן די ביימלעך, און עס סווישטשעט דער ווינט

דראָענדיק, און באָקסער דער אידישער הונט, סקאָוואוטשעט ארויף צום אויסגעשטערנטן וואָגן מיטן דישל — אָו אָו! — גוטע נאַכט!

— —

יאָרן ווי ס'איז געשטאַנען א צעבראָכענער שלאָס אויף די „פּיאַסקעס." קינד און קייט האָט ביז אין די שפּעטע פאַרנאַכטן זיך געוויקלט רום־ארום, און קיינער האָט ניט געפרעגט — צוליב וואָס און ווען.

איז מיטאַמאָל געקומען איינער, א מענטש, מיטן נאָמען וואָל־טשאַק, און געהייסן פירן וועגעלעך זאַמד.

וואָל—טשאַק! אזוי ווי מ'וואָלט פּלוצים אָנגעהויבן צו שיסן מיט וואָלגער־העלצער הינטערן שלאָס.

און וואָלטשאַק אליין איז גאָרניט געווען אַזאַ סטראשנער. פאַר־קערט. ער איז געווען אַ געלאָסענער, אַ הויך־גלייכגעווירעטער יונ־גערמאַן מיט אַן אונטערגעשוירן בלאָנד בערדל, מיט א שטעקעלע אין האַנט, און ער האָט געמאָסטן טראָט נאָך טראָט.

—אָבער דאָס וואָס די וועגעלעך זאַמד זענען געלאָפן אזוי גיך... און דאָס וואָס אַזאַ טייער גרוב איז אזוי שנעל פאַרלייגט געוואָרן — טאַטע זיסער! — — — — — — —

— —

אין שטעטל האָט מען געשמועסט, אז וואָלטשאַק האָט אויפגע־בויט אַ שטיקעריי. ער קומט פון לאָדזש. ער איז אָנגעקומען מיט די סאַמע נייעסטע מאַשינען, און פּאָ אַמעריקאַנסקי, האָרי אָפּ! ס'שטייט שוין אַ פעסטונג.

ס'שטייט אַ געביידע מיט לאָדנס, פרענטן און גראַטעס, כאָטש אינעווייניק איז אלץ צוגענאָגלט צום צעמענט...

— אַזאַ ריזיק גרוב, האָבן אלע געהאַלטן אין איין איבער'חזר'ן, און איז אזוי שנעל פאַרלייגט געוואָרן. פון איצט אָן, אויס מורא, אויס שדים, אויס ברונים און אויך אויס פאַרנאַכטן: ס'ברענען דאָ צוויי גרויסע בליץ־לעמפּ. ס'איז אויף אייביק געוואָרן טאָג...

ביז דעמאָלט זענען „די פּיאַסקעס" באַקאַנט געווען אלס קליינער ישוב. זייט אָבער ס'האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן בויען פאַבריקלעך, האָט מען צוגעצויגן אַ באַן־ליניע, און דער פונקט אויף דער מאַפּע האָט גע־נומען געשוואָלן ווערן...

וואָלטשאַק דער פּיאָנער, דער בויער פון שטעט...

אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אז ער האָט איינגעפירט פונקט ווי אין אַמעריקע:

חנה, דעם טינטן־מאַכערס טעכטערל, האָט ער אָװעקגעזעצט ארומזוימען, כייקע דער נייטאָרנס — אויסטיקען זאַמבקעס, פראַדל די אַלמנה׳ס האָט געפּעדימט און יאַקוב, דעם שטריקל-דרייערס האָט זיך אויסגעלערנט העפטן.

די מעלה פון דער אַרבעט איז געווען, וואָס זי האָט געקאָנט געטאָן ווערן פון יונגע קינדער. ניט מער, מ׳האָט באַדאַרפט זיין שנעל, שנעל!

חנה, כייקע און פראַדל, קוים קעקסלעך האָר פארקעמט. אויפן האָלדז ראָגאָוועס. אונטער די אָרעמס שטיקלעך ברויט מיט פּאָווידלע, און די שיך מיט פילצערנע שמאַטעס פארוויקלט. יעדן טאָג אזוי. אין געוועב פון פּיס, א סך פּיס, האָט מען יעדן אינדערפרי געזען די דריי חברטאָרינס פון „הינטערן שלאָס״ שפּאַנען צו דער אַרבעט. אין גאַס איז שטענדיק געווען נאַכט. די בלייך־לעמפּ נעבן דער פאבריק האָבן תמיד געברענט.

און וואָלטשאַק?

וועגן אים האָט מען געזאָגט, אז ער איז רייך. ער איז אזוי געבוירן. זיינע קינדער גייען אין שולע. ער וואוינט אין אכט צימערן און דאָך איז ער ניט קיין גרויס-האָלטער: ניט איינמאָל באַזוכט ער אויף „די פּיאָסקעס״ די היימען פון זיינע אַרבעטער. מערסטנס זעענען דאָ די טירן פאַרמאַכט אינמיטן טאָג. אָבער ער קומט און לאָזט שפּורן פון אַ שוואַרץ-לאַקירט שטעקעלע — „דאָ געווען״.

אַזאָ ווי פראַדלס מאַמע איז אַ מאַרק־זיצערן. זיצט זי מיט אירע צוויי פּיצלעך קינדער ביז גאָט שענקט די נאַכט. איר גראַד וואָלט וואָלטשאַק געוואָלט זאָגן, אז איר טאָכטער וועט אויפן פייער ניט פאַרגיין. נאָר גיי רעד צו אַ שמאַטע וואָס שטעקט אין א צעבראָכענער שויב...

אָדער אַזאָ ווי כייטשעס טאַטע: ער זיצט כסדר אין בית המדרש, און די מאַמעשי, די נייטאָרן, זאָגט כייטשע, האָלט אין איין אָפּטראָגן: ביז צום סאַמע ליכט־בענטשן קומט איר אויס אָפּצוטראָגן און ערשט דערנאָך — — (דאָ צעוויינט זי זיך...).

דערפאַר אָבער טרעפט מען ר׳ שמואל דוד׳ן דעם טינטלער, שטענדיק אינדערהיים. דאָ טענה׳ט ער זיך אויס מכוח דעם, יענעם, און דערביי פאַרגעסט ער קיינמאָל ניט צו דערמאָנען חנה׳ן. „יאָ, יאָ, גיט ער אַ זאָג, ווי ער וואָלט שיעור ניט פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז געקומען, — אייער טעכטערל איז א וואויל-קינד, אַ גוטע ארבעטאָרן, כאָטש לעצטנס האָט זי געקראָגן פליי אין דער נאָז.. איר ווייסט.. עפּעס אַ יונג רעדט זי אָפּ.. ס׳ווילט זיך איר דאָס, יענץ.. לאָמיר זיך ניט נאַרן ר׳שמואל דוד, איך אַרבעטער — כ׳זאָל נאָר אַזויפיל וועלן, און איר פון אייער גראָשנדיקע געשעפטן קאָנט דאָך קיין משפחה ניט מפרנס זיין״.

— טאָקע ניין, איז שמואל דוד מסכים, אָבער פון קיין קצבה לעבט ער דאָך ניט. מ׳שטיקעוועט ווי ס׳זאָל ניט זיין די טעג און יעדן סוף וואָך שטייט מען פאַר א נסיון... נאָך גוט וואָס א מענטש לעבט ניט אייביק... האָ, פאַניע לעבן? (אַ שטאָך פאַר אַ בראָך, טראַכט שמואל דוד) ניט אמת, פאַניע לעבן?

— אמת, אמת, שאָקלט וואָלטשאָק געלאַסן צו מיטן קאָפּ, און שאַרט דערביי מיטן שטעקעלע אויפן זאַמד, וואָס איז אויסגעשאָטן אויפן דיל. אמת, אָבער אז ס׳דרייען זיך פאַרט אַרום פינף הונגעריקע מיילער, און א זעקסט מיידל, וואָס קריגט פליי אין דער נאָז... האָ?

אויף דעם ענטפערט שוין שמואל דוד גאָרניט. ער פילט בלויז, אז שלים־מזל וואו גייסטו האָט זיך די גאַנצע וועלט אָנגעזעצט אויף זיין ביסל טינט. זיין שווארץ ציגן בערדל נעמט זיך דעמאָלט מיניען אין אַלע קאָלירן, און א קורץ, שטייף בעזימל ווי א דאָרן אויף א בערגל ביינער ברענט פון בושה ארויף, ארויף צו דעם איינציקן — „גאָט, עפן אַ גרוב!״.

נאָר אז וואָלטשאָק גייט אוועק, באַשטימט די משפחה, אז דער האָר איז אַ פיינער, א צוגעלאָזטער, א פייאיקער מענטש.

בלויז די פון אינעווייניק אין דער פאבריק טראכטן אביסל אנדערש... פאַר זיי שטעלט זיך וואָלטשאָק אָפּטמאָל אַוועק אַ ניט אויסגעקעמטער... דאָס איז, ווען ער פאַרגעסט זיך, טיילמאָל לויפט ער צו מיט רוגזה צו א מאשין, רייסט אפיר א שטיק אַרבעט — נאַ! נאָר דערנאָך דערמאָנט ער זיך, אז ער איז דאָך אויסער א פאבריקל געקומען בויען אַ נאָמען — וואָלטשאָק! דעמאָלט כאַפּט ער זיך פארן

שטעקעלע, ציט ארויף זיין געהאַקטן פּאַלטן און נעמט גיין איבער די היימען אויף די „פּיאַסקעס"...

זיי, די אַרבעטער נעבן די מאַשינען ווייסן שוין... ס'פּאַסירט אַפילו, אַז אַן אַרבעטער דערפילט דעם מאָמענט ווען וואַלטשאַק שטייט דאָרטן נעבן זיין היים. דאָ זעצט די מאַשין — דאָרטן שטייט ער מסתמא און שאַרט מיטן שטעקעלע אין זאַמד. דאָ דאַרף מען אַרויס־יאָגן די קישקעס כדי אויסצופּאַרטיקן די אַרבעט וואָס ער האָט אָנ־געצייכנט — דאָרטן שטייט די מאַמע נעבן דער באַליע, און בויגט זיך אין דרייען — — —. וואָס שטייט ער דאָרטן און רעדט? זעט ער דען ניט, ווי ס'גיסט זיך פון איר? וואָס שטייט ער צום שוואַרצן יאָר?

ס'פּאַסירט, אַז אַ סך אַרבעטער אין זעלבן מאָמענט רעדן מיט־אַמאָל אַריין אין זייערע מאַשינען... פּלייצע צו פּלייצע, אָבער דורך די וואַלצן וועבט זיך אַ בשותפות'דיקער מאָטיוו, וואָס רייסט זיך אַלץ העכער. ס'דאַכט זיך אַמאָל, אַז דאָס זינגען קינדער אַ תפילה צום גרוב, וואָס איז אַזוי שנעל פּאַרלייגט געוואָרן. און אַמאָל קומט אויס, אַז דאָס שרייען זיי איבער די מאַשינען אַריבער, צו זייערע מאַמעס, אַז זיי זאָלן אים ניט גלויבן וואָס ער זאָגט — — — ער איז אַ ליגנער!

חנה, כייקע, יאַקוב, און נאָך, און נאָך — — —

אין שטעטל האָט זיך גענומען פּיקן אַ נעסט. וואָס פּאַרא האָט קיינער קלאָר ניט געוואוסט. מ'האָט געזאָגט, אַז עס איז אַנטקעגן דעם וואָס די וואַלצן גייען צו שנעל, און צופיל שעה אין טאָג, און וואָס פון דעם נעמען די קינדער אויף די 'פּיאַסקעס" אויסקוקן בלייך...

אויפן בית המדרש הויף האָט מען גערעדט, אַז ס'איז אַ חרפה. מ'דאַרף בשלום אַדורכקומען. ס'איז אַ בושה וואָס די אחדות-יונגען שטעלן זיך אַוועק רעדן באַם באַלעמער. טמא, פּושעי ישראל! — —

פּראַדל האָט זיך טאַקע ניט געמישט. זי, דער אַלמנה'ס טאָכ־טער, מיטן בלאָנדן צעשויבערטן קאָפּ האָר, איז געוואַקסן ווי אַ ווילדע רויז אין פעלד. זי איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט אַן עליע, וואָס וועט היינט, מאָרגן קירצן דאָס כאַלאַטל, און אויס! אויס וואַלטשאַק!, אויס שטיקלעך ברויט מיט פּאַווידלע, אויס צעבראָכענע שויבן מיט שמאַטעס, אויס מיידלעך, וואָס רופן צו שטילע פּאַרזאַמלונגען. זי וויל זיך ניט מישן, אַ לעבן האָט איר קיינמאָל גאָרניט געגעבן. איצט

ווערט זי עס אליין נעמען אין די הענט אריין...

פאַרנאַכטן, און אין די אָפּרו־טעג זעט מען זי מיט עליען אויף דער זשאַביע. און די זשאַביע ציט זיך מיט אַ שמאָלן שליאַך צום וואַלד. שלענגלט זיך דער שליאַך מיט הויכע, דינע ביימער, פון ביי־דע זייטן, העט־העט — ביז מ׳זעט ניט קיין הויז ארויס.

פראַדל דערציילט פון דער אַרבעט, פון דעם וואָס וואָלטשאָק באַ־גריסט זיי אָפּטמאָל, עפנט איר די טיר, און שטופּט זי אינם ווינקל... עליע ביילט די פויסטן, און פראַדל לאַכט. זי רוקט זיך אָפּ. נאָר וויפיל זי זאָל זיך ניט רוקן אויף צוריק, קומט זי אויס אַלץ נענטער, נענ־טער, ביז וואַנען עליע קושט זי, און ביידע, ארומגענומענע, איינגעקלאַ־מערטע, שוועבן אין אַ באַזונדערער וועלט, אַוועק פון אַלעמען. און פונדערווייטנס אין די קשאַקעס ליגן חדר־אינגלעך מיט אָנגעשפּיצטע בליקן — זעסט! זעסט!!

פראַדל מיט עליען באַמערקן קיינעם ניט. די חדר-יונגען, וואָס זענען געקומען שפּאָטן, ליגן איצט מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און קושן זי פאַר פרייד. ס׳קושט זיך ס׳גאַנצע נאַקעטע פעלד ארום זיי אין יום-טוב׳דיקן פאַרנאַכט.

שפּעט אין אָוונט, ווען די זון זעצט זיך אויף די שפּיצן פון די טאַ־פּאָלעס, גייט פראַדל מיט עליען אויפן זעלבן וועג אהיים. עליע ווי אַ הויכער שטאַרקער דעמב — פראַדל, אַ וויעטקע צווייג, און די אינג־לעך ווי דאָס ווייכע גראָז, שפּרייטן זיך אויפן וועג פאַרויס! — „אהא! זיי האָבן געזען!״

פראַדל און עליע לאַכן אַזוי האַרציק, אַזוי פריידיק. און ס׳שפּאַ־צירן שוין אַלע ווי אַן ענג פאַרקניפּטע משפּחה. און ס׳באַדויערן די קינדער פאַרוואָס ס׳איז אַזוי פרי געוואָרן נאַכט, פאַרוואָס מאָרגן וועל־לן זיי ווידער מוזן גיין אין חדר, פאַרוואָס עליע וועט ווידער מוזן שטיין מיט אַ קריקע איבער אַ קאָכיקן קעסל זייף און מישן, מישן ביז צום שוויס. און פראַדל?

לעצטנס האָט זי גענומען אויסקוקן בלייכער, אָבער שענער. שלאַנק און בויגעוודיק איז זי געוואָרן, און אביסעלע צוריקגעהאַלטן — ווי אַ כלה.

שוין דאָס דריטע יאָר ווי זי אַרבעט באַ וואָלטשאָק׳ן. פראַדל ארום דעם שפּינדל־געוועב, און יאַקוב באַם פּאַנטיגראַף צירקלט און

העפט. יאַקוב וואַרנט פראַדלען זי זאָל ניט אַזוי לויפן, זי זאָל ניט אומזיסט אַוועקגעבן אירע יאָרן דעם פּאַראַזיט. זי לאַכט. זי פאַר־שטייט ניט, אָבער זי פילט, אַז יאַקוב מוסר׳ט ווי אַן עלטערער ברו־דער. און זי, שטיפעריש, מיטן בלאָנדן צעשויבערטן קאָפּ האָר, קווי־קערט נאָך מער.

פראַדל ארום עטלעכע שפינדל-מאַשינען, לויפט און היט; .פּע־דימט. אכט און פערציק נאָדלען ווילן שלינגען מיטאמאָל; פארשלינ־גען. וועבן זיך לאַנגע סטענגעס, ווייסע פאסן העמדער אין זוניקע טעג. נאָר פלוצים, אפשר פונקט דעמאָלט ווען וואָלטשאַק האָט פאַר־זיכערט דער מאַרק־זיצערקע, אז איר טאָכטער וועט אויפן פייער ניט פאַרגיין, פונקט דעמאָלט איז אַ נאָדל געבליבן שטיין אין דער לופטן. שפּולן גאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן צו וויקלען ארום זיך. קולערלעך טאַנצן אַרויף און אַראָפּ, און בלייבן אויפן זעלבן אָרט, דררים! פּאָדים ברומט אויפן קול.

— וואָס איז געשען?

— גאָרניט, גאָרניט.

ערגעץ דאָרטן איבערן פאַרבריטשנעם טייך, אַוועק פון גערויש, אין דער שטיל, האָט צוזאמענגעבראָכן א מענטש, און א שטיק שמאטע איז געבליבן פרירן אין אַ צעבראָכענער שויב.

שוין א שטיק צייט ווי א מענטש האָט גענומען שפּייען מיט פּע־דים. איצט האָט זיך פּאָדים פאַרהאַלטן און עס האָבן גענומען אויפ־שטירצן בלוטיקע סטענגעס.

לויפט אַן עליע, אַ פול באַפליישטער רייפער יונג. וואוהין לויפט אַן עליע אינמיטן טאָג?

— ראַטעוועט פראַדלען!

— פראַ—אַ!—אַ!

א גוואַלט אַן א ווידער־קול. דאָס גרוב ארום וועלכן קינדער פלעגן זיך שפּילן, איז שוין לאַנג פאַרלייגט. באַקסער׳ן דעם אלטן הונט מיט די ברוינע לאַפּן, וואָס האָט געוואוסט, אז ער דאַרף פון שטוב אַרויסגיין, ווען זיין באַלעבאָס נעמט לייגן תפילין, — אים האָט דער היצעל אינמיטן העלן טאָג אויפגעכאַפּט. ס׳טאָר ניט, האָבן די קינדער מיט פארדראָס איבערדערציילט, זיך ארומדרייען א הונט אָן א קייט, ווען עס בויט זי די שטאָט.

פראַ—א! אַ! איז עליע ארומגעלאָפן איבער אלע גאַסן.

און פון שפּיציק־קרום-געבויגענע דעכער, האָט געהאַלטן אין איין קאַפּען. די שטיקער וואַטע אין די טאָפּלטע פענצטער זענען נאָך ברור־דיקער געוואָרן. און נאַכט-צו, ווען אויף געל-בלאַסע קעראָסינקעס האָבן זיך מאָגערע קנויטן צעצאַנקט, האָט עס אויסגעקוקט ווי דורך געקעסטלטע פענצטער, אין יאָמערדיקן געברום, וויינט א גאַנץ שטעטל.

פראַדל איז אין שפּינדל-גערדריי ארייַנגעפּעדימט געוואָרן, און טראַנסמיסיעס האָבן זיך געהאַלטן אין איין רעדלען, ווייל אזוי האָט באַפוילן דער סאמע נייעסטער געבאָט פון דער שטאָט.

פראַדל דער צוואַנציק־יאָריקער טייוול, וועמעס שאַרפער בליק ס׳האָט אין איר אָפּטיילונג פון דער פאבריק יעדן ווינקל. קאָנטראָ־לירט, פראַדל דער חלום פון געסלדיקע מאַמעס, און די האָפענונג פון אן אויפגייענדיקן עליע — פראַדל האָט אין איר סאַמע אָנהויב פון ליד, אין אַ פרימאָרגן אַזאַ, אַנטקעגן גרויסע מויערן און אָנגעפּראָפּטע פּאָ־ליצעס מיט ביכער, איר לעצטן אָטעם אויסגעשפּיגן.

ווער ווייס ווי לאַנג קינדער וואָלטן אזוי געוועזן באדויערט עליען. נאָר איינמאָל, שפּאַצירנדיק מיט די בייטן פון פעלד, ארום האָט גע־שמעקט מיט שטעכלקעס, וואָס גייען אויף נאָך פריש-אָפּגעשניטענעם קאָרן, די לופט איז געוועזן א פאַרנאכטיק־בלאָע, און געטראכט האָט זיך עליע מסתמא וועגן דעמזעלבן, — איז פלוצים ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסן חנה מיט יאקובן.

עליע האָט זיי גלייך דערקאָנט. זיי האָבן צוזאַמען מיט פראַד־לען געארבעט. ער געדענקט, יאָ. אין ערשטן מאָמענט האָט ער זיי געהאַסט. ער האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפן. ער האָט דערפילט, אז ס׳גייט ווידער עמיצער נאָכשרייען—„העי! מיט א קייט אויפן האלדז ווען עס בויט זיך די שטאָט! נאָר אָט שטייט חנה מיט א בינטל בלו־מען — „צום יאָר" האָט זי געזאָגט. „אין נאָמען פון פאריין" און חנה איז אזא דראָבנע, צאַרטע בלייכקייט, אַז מ׳מוז איר גלויבן.

„אין נאָמען פון דער פאבריק", האָט יאַקוב צוגעגעבן, „אין — — — — — —".

חנה האָט זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן און אויף דער ערד איז געפאלן א טרער...

— עליע, האָט יאַקוב אין פארלוירנקייט געזוכט דעם פּאסיקן

אויסדרוק. זיי ווייסן, אַז ס׳לאָזן אונז אויך ניט רוען די נעכט, אז-ז (דאָ האָט זיך יאַקוב דערנענטערט און אָטעמס האָבן זיך דערפילט) אז דעמאָלט ווען וואָלטשאַק האָט זיך נאָכן אָרון געשלעפּט, — מיר האָבן געזען ווי דו האָסט זיך געוואָלט א לאָז טאָן מיט די פויסטן. נאָר ס׳איז בעסער אזוי... ווארט! עס דערנענטערט זיך דער טאָג, ווען דער פאריין, מיר אלע, ווארט!!

עליע האָט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. אינם מאָמענט האָט זיך געדוכט, אז די ערד האָט א ציטער געטאָן, און אז דער פאַרנאכט האָט זיך פון צופיל פרייד, ווי אַ קינד, אויפן קול צעוויינט — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אינהאַלט

ל ע ב נ ס (ערשטע אָפּטיילונג).

צווישן ווענט 7
אַ לעבן אַזאַ 18
אַ חתימה 26
מיין שטעטל 31
אַ קעי! 36
גיטל 45
ניי־יאָר 50
הינטערן פּראָנט 55
חברים 63
ערשטע טריט 72

ב ר ו י ט (צווייטע אָפּטיילונג)

אויף גנאָינע 85
משה מאָריץ 94
שיע, וואו לויפסטו? 100
נומער 260 — נעקסט! 108
פאַר אַ ביסן ברויט 113
לאַנדסלייט 121
אַ מאַמע 127
פאַמיליע פּאַרקסאָן 133
אַזאַ נאַכט 140
ווען עס בויט זיך די שטאָט 148

אדרעס פון מחבר: 2970 Ocean Ave

DAVID KASHER, ~~2101 Beekman Pl~~, Brooklyn, N.Y.